וַתֵּרֶא הָאִשָּׁה כִּי טוֹב הָעֵץ לְמַאֲכָל וְכִי תַאֲוָה הוּא לָעֵינַיִם וְנֶחְמָד הָעֵץ לְהַשְׂכִּיל וַתִּקַּח מִפִּרְיוֹ וַתֹּאכַל קוּם אוּנ זֶעה דָאס דוּא לַייט וַוייסוּן נוּט אוּנ זֶענוּן נִיט מַשְׁגִּיחַ בְּשַׁעַת הקב"ה הָט בַּשַׁאפוּן צוּא אָדָם הָאט עֶר אוּם מְכַבֵּד גְוֶועזְן בְּכָבוֹד עֶלְיוֹן אוּנ עֶר הָאט פוּן אוּם בַּגֶערְט אַז עֶר זָאל זוּךְ אִין אוּם בַּאהֶעפְטוּן כְּדֵי עֶר זָאל זַיין אֵיין יָחִיד וְלֵב אֶחָד דָאס הֵייסְט עֶר זָאל קֵיין מָאל נוּט נִשְׁתַּנֶּה וֶוערוּן אוּנ זַיין אֱמוּנָה אַזוֹ ווִיא דֶער

צבי

פָּסוּק זָאגְט וְעֵץ הַחַיִּים אֲשֶׁר בְּתוֹךְ הַגָּן דָאס אוּז אִילָן בְּיִחוּד דֶער נָאךְ הָאבּוּן זַייא זוּךְ אָפּ גִיקֶערְט פוּן דֶער אֱמוּנָה אוּנ הָאבּוּן גִילָאזְט שְׁטֵיין דֶעם אִילָן הַיִּחוּד מִכָּל הָאִילָנוֹת אוּנ הָאבִּין זִיךְ בַּאהֶעפְט אוּנ דֶעם עֵץ הַדַּעַת טוֹב וָרָע אַזוֹ אֵיין אֶרְט וואס אוּז זוּךְ מִשְׁתַּנֶּה אוּנ פַר קֶערְט זִיךְ פוּן אֵיין גְשְׁטַאלְט צוּם אַנְדֶרוּן מִטּוֹב לְרַע וּמֵרַע לְטוֹב אוּנ זֵיי זֶענוּן אַרָאפּ פוּן זֵייעֶר מַדְרֵגָה אוּנ הָאבּוּן זוּךְ בַּאהֶעפְּט אָן פוּל מַדְרֵגוֹת נִידְרִיגֶער אוּנ הָאבְּן גְלָאזְט שְׁטֵיין דִי מַדְרֵגָה וָואס אוּז אוּבֶּר אַלֶע וָואס עֶם אוּז אֵיין יִחוּד עֶם וֶוערְט קֵיין מָאל נוּט פַר עֶנְדֶרְט אַזוֹ וִויא

אינז דו איברוגע (ה) דם אלין אוז ווארין בשאפון מוט פיניף אלין אוף דעם תנאי אין ערשטן טאג זענון ווארון בשפון פוניף לעבט אונ דם אנדרן טאג פוניף הימל אונ פינוף מאל מים שטייט ביי דעם אנדרון טאג אונ דם דרוטן טאג זענון פון דר ערד ווארון בשפון פיניף ארליי גוויקס אונ דם פערדון טאג זענון גוועון פיניף ארליי לכט די זון אונ די לבנה אונ די מזלות אונ דו שטערון אונ דר טאג דר לייכט אויך אונ דם פופטן טאג אוז ווארון בשפון אלדונג וום לעבט דו האבן אונ זוך פיניף ערליי גאנג עטלוכע גייאון אויף צווייי פוס אונ עטלוכע אוף פיר פוס אונ עטלוכע גייאן אופן בוך אונ עטלוכע פלוהן אונ עטלוכי שווימען אין דעם זעקסטען טאג איז דער מענש ווארין בשאפון דם זיין נשמה הט אונ זוך פיניף נעמין. נפש רוח נשמה יחידה חיה אונ עס איז גווים דאס דער מענש אוז ווארן בשפון מוט פר ענדרונג מער ווי אלו באשעפונוש דען אונ אלו באשפינוש אוז קיין קרוג אונ זיי נוט אונ ביי דם מענשון אוז קרוג אונ זיין גוף דען

נח״ת

דר פסוק זאגט אשר עשה האלהים את האדם ישר והמה בקשו חשבונות רבים הקב״ה הט זיי בשפון צוא זיין איין רעכטר יחוד אן איין שום שנוי אונ זייא האבון זוך באהעפט אונ זייא פול שנוים דרום אוז גיווארון זייער הארץ אזו ווי

אוהל

שלאסון פון דור דעם שלוסל פון דער תאוה (אכלת) האסטו יוא גגעסון ווייא אזו האסטו גקענט האבון דוא תאוה צו דעם בום איידור דוא האסט פון אום גגעסון הט אדם גענפרט דם ווייב ווס דוא האסט מור גגעבון הט זוא מוך אובר גרעט האב אוך גגעסון האט גאט גפרעגט צו חוה וויא אזו האסטו גקענט גלוסטון צום בום איידור דו האסט פון אום גגעסון הט זוא גענפרט דר נחש הט מוך אן גרעט :

(ויאמר ה׳ אל הנחש כי עשית זאת על גחונך תלך) גאט הט גזאגט צום נחש אז דו האסט גטון דם דאזיגו האסט אובור גרעט חוה אז זוא זאל עסון פון דעם עץ הדעת דער פר זאלסטו קרוכון אוף דיין בוך מיר האבון בקבלה אז איידור אדם הראשון האט גזונדוגט מוט דעם עץ הדעת הט דער נחש דער יצה״ר גהאט דם גשטאלט פון אמענש מוט ביין אונ מוט ריידון

ווען ער וויל אמצוה טון אזו קומט דר יצר הרע אונ ווערט אום אונ ווען ער וויל טיאון איין עבירה קומט דער יצר טוב אונ ווערט אום אזו הט ער אלו זיינו טעג קרוג אונ זיין גוף אונ ווארום הט הקב״ה אום אזו באשאפן מוט קרוג אין נוט מוט רוה נייערט הקב״ה הט דרום גטון דם מענשון לכבוד דם ער זאל דוא מאכט האבן צו טון וום ער וויל אבר דו בהמות אונ חיות דו האבון איצר הרע אונ נוט קיין יצר טוב דרום אוז זייער טבע צוא בייזון וואול צו עסון אונ וואול צו טרונקון אונ אלו גוטע לוסט נאך גיין אוך דו מלאכים דיא האבון אוך נוט קיין מכט צו טון וום זיי ווילן דען זיי זענון לויטר שכל אונ יצר טוב אזו מוזון זייא גוט זיין אונ ווייל קיין בשעפונוש אין דער וועלט דאט קיין מאכט נושט גיהאט צו טוהן וואס ער האט גיוואלט דרום האט גאט גוואלט בשפון אזו איין בשעפונוש ווס זאל מאכט הבון צו טון וואס ער וויל דם אוז דר מענש גלייך צו גאט אזו ווי גאט הט מאכט צו טאן ווס ער וויל אזו אוך דר

צ״י מענש

דער צד וואס זייא האבון באגערט אמאל לטוב אונ אמאל לרע האט הקב״ה צוא זייא גזאגט אור האט פאר לאזט דעם צד החיים ועץ החיים אונ האט זוך מדבק גוועז אונ צד המות דאס איז דער עץ הדעת טוב ורע וואס

יעקב

ער איז גשטאנון אקעגון אדם אונ הט אום אובר גרעט אזו וויא איין מענש אקעגון דעם אנדרון אובור נאך דעם אז ער הט שון אריין גווארפון דו גופט אונ דעם מענשון זונדוגט שון דער מענש אליין מחמת דעם שלעכטון גופט וואס דער נחש האט אונ אדמן אריין גווארפון . עס אוז אמשל אסוחר אוז גפארון אונ וועג אריין נאך סחורה אוז ער דורך גפרון דורך אשטעטול בגענוגט אום איונגער ארום מאן וואס ער אוז זיין קרוב אונ זאגט צום סוחר אוך האב אשידוך גטון נאר אוך קאן נוט חתונה האבון ווייל איך האב נוט קיין חתונה קליידר הט אום דער סוחר צו גזאגט אז ער וועט פארון צורוק וועט ער אום ברענגון חתונה קליידור אז דער סוחר הט זיך צורוק גקערט אוז ער ווידור דורך גפארון דורך דעם שטעטול קומט אום אקעגון דער יונגר מאן מוט דעם תפילין זאק אונטר דר

מענש לאזט אים גאט טון וואס ער וויל און דר מענש איי ער הט געגעסן פון דם עץ הדעת הט ער מאכט גהאט צו טון וואס ער וויל נייערט זיין טבע איז געוועזן צו גוטין און ניט צו בייזן און ווי באלד ער הט געגעסן פון דם עץ הדעת הט ער אן געהויבן צוא טון בייז און גוטס דרום הייסט דר בוים (עץ הדעת טוב ורע) דס איז טייטש דער וואס עסט פון דם בוים דר הט שכל צו טון גוטס און בייז און דרום הט גאט ביי קיין בשעפנוש נוט גזגט נעשה בצלמנו נייערט ביי דעם מענשן שטייט (נעשה אדם בצלמנו) דס איז טייטש מיר וועלין בשפון אמענש און אונזר געשטלט כלומר ער זאל מאכט האבן צו טון וואס ער וויל אזו ווי איך האב מאכט צו טון וואס איך וויל און פון וועגן דם מענשנס כבוד הט דיא תורה אן געשריבן ביי דעם מענשן (ויברא אלהים את האדם בצלמו בצלם אלהים ברא אותו) גאט האט דעם מענש בשפון מיט זיין פרים מיט דם פארים פון גאט הט ער אים בשפון און דרום האבן די מלאכים געוואלט שירה זאגן פר אדם הראשון און האבן אים געוואלט דינן וויל זיי האבן געהערט פון גאט דם דר מענש הט מאכט צו טון וואס ער וויל גליך ווי גאט וואס הט גאט געטון הט ער געווארפן איף אדם אשלאף און הט געוויזן די מלאכים דם זיי זענן בעסר פון אדם הראשון דען

ווען שון דער מענש הט מאכט צו טון וואס ער וויל דאך קומט איף אים אשלאף אזו קען ער נוט טאן קיין בייז און קיין גוטס אבר די מלאכים שלאפן קיין מאל ניט און קענן תמיד טון וואס זייא ווילן אין דרום הייסן די מלאכים עירין דאס איז טייטש וואכענדיגע וייל זייא זענן תמיד וואכנדיג און דרום זענן די בהמות אין חיות ווארן בשפון און זערסטין טאג אין דר מענש איך בדייען דר מענש וועט פרום זיין וועט ער בעסר זיין פון אלי בהמות און חיות און ווען נוט אזו וועט ער ערגר זיין פון אלי בהמות און חיות וייל ער הט שכל צו טון גוטס און טוט בייז (ויכל אלהים ביום השביעי) גאט הט פר לענט אלי זיינע בשעפנוש און דם זיבנטון טאג דם ווארט ויכל איז טייטש גלויסטון דס איז גמיינט גאט הט גגלויסט אין זבענטן טאג דס אליין וואס ער האט בשפון און די זעקס טאג זאל אזו בלייבן אייביג: (ויברך ויקדש) גאט האט דעם שבת גבענשט דאס דר מענש זאל און אום האבן איין איבריגי נשמה מיין ווי אין דר וואכן און דרום ווען שבת גייט אוועק מאכט מען אברכה איבר בשמים וייל די נשמה יתירה איז אוועק גגאנגן (ויקדש) גאט האט גהייליגט דעם שבת אין הט און אום קיין מלאכה נוט גוטאן (כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלהים

נחלת

דאס איז איין מית אקעגון דור אזו ווי'א דער פסוק זאגט רגליה יורדות מות דרום איז נגזר גיווארן דער טויט איף אים און אויף נאר דר וועלט און אז דוא וועסט פרעגון אז אדם האט גוזונדיגט וואס האט דוא גאנצע וועלט גיזינדוגט וואס זייא זאלון שטארבון אייב דוא וועסט זאגון אז אלע בריות האבון אויך גגעסון

אוהל

האגד פרעגט אום דער סוחר וואס האסטו און דער האנט ענפרט אום דר יונגר מאן עס איז מיין טלית און תפילין איך האב שון חתונה גהאט ווארום איך האב מוך פר זיכרט אז איר וועט מיר בוודאי ברענגון

צבי

פון דעם עץ הדעת עס איז נוט אזו אלא בשעת אז אדם איז בשאפין גיווארון און הט אן גיהויבון אי״ם צוא גיין האבון זוך אלע בריות פאר אים גיפארכטון און זענון אום נאך גגאנגון אזו וויא קנעכט גייען נאך זייער הערון און ער הט צו זיי גזאגט בואו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה׳ עושנו קומט מור וועלון זוך

יעקב

דוא מלבושים אזו וויא איר הט מור צו גזאגט . זאגט דער סוחר צו אום אצונד האבון מור צווישון זוך גאר נוט . דוא כלה וועט זוך שון מיט דור גוט געפון וועגון דוא מלבושים . דער נמשל איז פר דעם חטא

אֱלֹהִים לַעֲשׂוֹת) דען אונ אום הט גאט גרוט פון גאר זיין מלאכה וואס גאט האט בשפון צו טון דאס איז גמיינט די זעקס טעג זענן אקעגן די זעקס טויזנט יאר וואס די וועלט וועט שטיין אונ ערשטן טאג איז וואָרון בשפן די לעבט דס איז אקעגן די ערשטו טויזנט יאר וואס אדם הראשון הט גלעבט ער איז געווען די לעבט פון דר וועלט ער הט דר קענט זיין בשעפר דם אנדרן טאג איז וואָרן בשאפון דער הימל אונ הט אצווישן שייד גמכט צווישן דעם וואסר דם איז אקעגן דא אנדרו טויזנט יאר וואס נח איז געווען אָב גשייד פון די רשעים וואס זענן געווען אונ זיינו צייטן אונ זיי זענן וואָרן דר טרונקן אונ מבול דרום שטייט נוט כי טוב בייא דעם אנדערן טאג ווייל דאס מבול איז געווען אקעגן דעם אנדרן טאג אונ דם דריטן טאג איז די ערד וואָרן גזעהן אונ אלו ביימר אונ פירות זענון וואָרון גוואקסון דס איז אקעגן די דריטו טויזנט יאר וואס אברהם איז אונ דר צייט וואָרון געבוירן אונ זיינו קינדר הבון מקבל געווען די תורה אונ מצות וואס זענון גלייך צו די פירות

פון דער וועלט. אונ דם פערדון טאג איז וואָרון בשאפן צוויי לעכט אגרוסו אונ אקליינו דם איז אקעגן די פערדו טויזנט יאר דם צוויי בית המק' זענון געווען דרונון איינר האט גרוס גלכטון צו ישראל אונ איינר קלענר אונ פונפטון טאג איז וואָרון בשאפון פייגול אונ פיש אונ וואסר דאס איז אקעגן דוא פונפטו טויזנט יאר אונ זעקסטע טאג איז וואָרון בשאפון דער מענש אקעגן דעם איז דוא זעקס טויזנט יאר דם משיח וועט קומון דרונון אונ אזו וואול ווי אדם הראשון איז וואָרון בשאפון אונ גאטס פארום אזו איך איז משיח וואָרן גזאלבט פון גאט אונ דער רוח פון גאט וועט אויף אים זיין אונ דרום איך רוהט מען אום שבת אקעגן דעם יום מען וועט מנוחה האבון אונ דוא טעג פון משיח דער מדרש רבה שר יבט אונ דר סדרה גאט הט גבענשט שבת מען זאל אום מכבד זיין מיט גוט עסון אזו וועט גאט דא מענשן רייך מאכן ר' חייא בר אבא זאגט אמאל בין איך גשטאנון אונ דער שטאט לודקיא ביי א בעל הבית הט מען פר אונז גבראכט אוולבערנם טיש וואס

ועבצעהן

נחלת צבי

בוקון צו אונזר גאט וואס ער האט אונז אלז בשאפון זענון זייא אלו אים נאך גנאנגון אונ אז זיי האבון גזעהן אז ער בוקט זיך צום עץ טוב ורע אונ באהעפט זיך אונ הרינגע האבן זייא אלע אים נאך גיצוגון דרום האט ער גורם געווען מיתה צו זיך אונ צו גאר דר וועלט דען אדם איז פר ענדרט געווארן אמאל לטוב אונ אמאל לרע פעמים לרחמים ופעמים לדין פעמים לנחת ופעמים לרוגז פעמים לחיים ופעמים למות אונ ער איז נוט געבליבן שטיין תמיד אויף איין שטאנד דרום הייסט דאס להט החרב המתהפכת ווייל עס פר קערט זיך פון טוב לרע אונ פון רחמים לדין אונ פון שלום צו מלחמה דאס

איט האט עס אים גורם געווען וואס ער איז זיך אייך מהפך אזו ווי מיר הבון גזאגט אונ דער מלך עליון וואס ער איז מרחם אויף זיינו מעשה ידיו האט ער דרויף אן גזאגט ועץ הדעת טוב ורע לא תאכל ממנו אונ ער האט דאס ניט מקבל געווען אונ האט גיפאלגט זיין ווייב דרום האט ער גורם געווען מיתה צוא גאר דר וועלט אונ איז פר טריבן געווארן אויף אייביג פון דעם גן עדן . קום אונ זעה לעולם הבא שטייט כימי העץ ימי עמי די טעג פון מיין פאלק וועלון זיין אזו ווי דוא טעג פון דעם עץ וואס איז מיוחד יום איז זיך קיין מאל נוט משתנה אונ דער נאך שטייט בלע המות לנצח וכו' ;

אוהל יעקב

פון אדם האט דער נחש קיין כח נוט געהאט אובר צוא ריידון נאר מוט דעם מול אזו וויא איין מענש דעם אנדרין הט ער בדארפט זיין מוט דעם גשטאלט פון אמענש מיט גיין אונ מוט ריידון אובור נאך דעם אז

בית

זעכצעהן מענשן האבן אום געטראגן אין אוף אום אוז גוועזן אלדונג וואס אוז וואורן בשאפן אונ ששת ימי בראשית אונ אקונד אוז געזעסן אונ מוטען טוש אין הט אום גושרוגן (לה׳ הארץ ומלואה תבל ויושבי בה) דם אוז טייטש דו ערד אונ אלין וום אוף אור אוז דם אוז אלין גאטס אונ מען הט דם דרום א׳ם גשרוגן כדי דער בעל הבית זאל זוך נוט גרום האלטן האב אוך אום גפרעגט וום פאר אזכות הסטו דם דו האסט זוכה גוועזן צו אזו אעשירות הט ער מור געענפרט אוך בון גוועזן אקצב אונ אלו מאל ווען אוך האב גהאט אגוטו בהמה האב אוך זוא באהאלטון איך שבת פון זונטוג אן האב אלין בהאלטון אוף שבת אזו הב אוך צו אום גזאגט אוך וויים וואל דם דרום גוט גאט מזל אונ ברכה אונ דם גליבן ווער עם האלט ערליך ימים טובים דם גוט גאט אוך אגוטון שכר איך דער וועלט אונ מאכט אום רייך אזו ווי דער מדרש רבה שרייבט אונ דר הדרה רבי תנחומא זאגט עם אוז גוועזן אגרוסר האר הט גשיקט זיין קנעכט אום ערב יום כפור צו קופון פוש איז דער קנעכט גקימון צום פושור אוז גקומון אשניידר איהודי אונ הט מוט אום גשטייגט אוף אפוש אונ הט געגבון פר דם פוש צוועלוף גולדון אונ הט צו גנימן דם פוש אונ דר קנעכט אוז אוועק גגאנגן אן פוש אוז זיין האר אוף אום ברוגז גוואורן ווייל ער הט קיין פוש נוט גבראכט הט דר קנעכט געענפרט אשניידר איהודי הט מיר אום גקופט אפוש אונ הט פר אום געבן צוועלוף גולדן הט דר האר גשיקט נאך דעם שניידר אונ האט אום גפרעגט וואורום האסטו מיין קנעכט דם פוש א״ם גקופט הט ער אום געענפרט ווי זאל אוך

נוט קופון קיין פוש אונ אלו גוטו שפייז מיר האבן מארגן אטאג וום גאט הט אונז געבאטן צו היילוגון אונ מור האפון אוף מחילת עונות אונ ווי זאל אוך נוט פרייליך זיין האט דער האר אום געענפרט דו בוסט גרעכט אוז דר שניידר גגאנגון אהיים אונ האט אוף געשפאלטן דעם פוש אונ הט אונ אום גופונון אפעריל וום ער הט פון אום גהאט זיין פרנסה ווייל זיין לעבון אוז גוועזן ר׳ אליעזר זאגט פון וועגון ר׳ יוסי גאט האט דעם שבת גבענשט מוט אגיטן ריח דען דם עסון פון שבת שמעקט בעסר ווי אונ דר וואכן רבי הט גמכט אסעודה צו אנטונינוס אום שבת אונ הט גבערכט פאר אום קאלט עסון אונ עם הט אום גשמעקט זייער וואל אונ דר נאך הט ער אום ווידר גמאכט אסעודה אונ דר וואכון אונ הט פר אום גברכט וואורום עסון אזו האט אנטונינוס גזאגט צו רבי גוב מור דאס קאלטו עסון דאס האט מור בעסר גשמעקט הט רבי צו אום גזאגט עם גייט אפ בשמים דער צו האט דער אנטונינוס גזאגט אוך האב גונוג בשמים אונ מיינו אוצרות הט ר׳ צו אום גזאגט דו בשמים איז דער שבת דער טאג אוז גבענשט מיט אגיטן ריח טורנוסרופוס הט גפרעגט צו רבי עקיבא וואורום אוז שבת בעסר פון אנדרי טעג אונ דער וואך האט אום רבי עקיבא געענפרט וואורום בוסטו חשובר פון אנדרי ליט הט ער אום געענפרט דר מלך האט מוך גרום גמאכט אונ וויל האבון מען זאל מוך ערליך האלטן הט רבי עקיבא אום געענפרט גאט וויל אויך האבון מען זאל שבת ערליך האלטן מיין וויא אנדרי טעג האט ער גזאגט צו רבי עקיבא מוט וום קענסטו דאס בווייזן דאס שבת אוז בעסור פון אנדרי טעג אונ דם

נאט

אז״ל

ער הט שון אריין גוואורפין דעם שלעכטון גופט אונ אדם אונ דער מענש זינדוגט שון מחמת דעם גופט פון דער נחש זום אונ אום אוז . דארף שון רוא נחש גוט

יעקב

זיין דם גשטאלט פון אמענש מיט ניין אונ מוט ריידון . דם הט גאט גזאגט צו דער נחש (כי עשית זאת) אז דו האסט דם ראוונו גטון אונ האסט אריין גוואורפון דיין

נאט האט אַזו גהייסן האט רבי עקבא אום
געפרעגט דער מייך סמבטיון ווייזט דרוף
דען אַנאַנגצו וואך וואַרפט ער שטיינר
אונ אום שבת רועט ער האט טורנוסרופוס
צו אום גזאגט ווער עם וויל איין ליגן
זאגן דער ברענגט זוך אַראַיה פון ווייט
ווי קיין לייט פון דאנון זענון דארטין נוט
גוועןכדי קיינר זאל אום נוט קענון אפ
לייקנון אַזו איז דאס איך דוא ברענגסט
אַראַיה פון דעם מייך סמבטיון ווס קיינר
איז דארטון נוט גוועןאפשר איז דאס
ליגון האט רבי עקיבא צו אום גזאגט גיי
אונ פריב אוב דו וועסט קענון אַטוטון
איף ברענגון אום שבת פון זיין קבר מוט
כישוף האט ער גפריבט האט דער טוטר
אום שבת נוט גוואלט איף גיין אונ אין
דער וואכון איז ער יוא אוף גגאנגין נאך
מער ראיות האט אום רבי עקיבא גבררכט
אז שבת איז חשובור פון אַלו טעג אונ
עטלך כו חכמים זאגן מען האט שבת דרום
גבענשט ווייל שבת האט קיין חבר נוט
רבי שמואל בר נחמני זאגט מען האט שבת
גבענשט דם מען לייגט שבת נוט אפ אוף
איין אַנדרן טאג אַזו ווי יום טוב לייגט
מען צו צייטן אפ אונ יום כפור לייגט מען
אוך צו צייטון אפ דם ער זאל נוט גפאלון
אום פרייטוג אודר זונטוג דען ווען איין מת
וועט זיין וועט ער מוזון ליגון צווייטעג
פרייטוג אונ שבת אודר שבת אונ זונטיג
אָבר שבת לייגט מען קיין מאל נוט אפ
האט שבת גזגט פר גאט ווארום האב איך
נוט קיין חבר האט גאט גזאגט צו שבת די
ישראל וועלון זיין דיין חבר דרום אַז די
ישראל זענון גוקומון צו דם בארג סיני האט
שבת גזגט פר קב"ה (זכור את יום השבת)
דם איז טייטש גדענק מוך דם די האסט
מיר צו גזאגט די ישראל זאלון רואון אונ

מיר אונ זאלון זיין מיין חבר (אלה תולדות
השמים) ווארום שטייט אונ דער תורה
תולדות) ביי פרץ מוט צוויי וואוין אונ
תולדות ביי שמים וארץ איז איך גשריבן
מיט צוויי וואוין אונ תולדות בייא אדם
הראשון אונ אוך אַנדרו תולדות שטיין
מיט איין וואו דאס איז דען ווי גאט האט
בשאפון די וועלט איז נוט גוועןדר מלאך
המות איך בייא פרץ וואס פון אום וועט
משיח ארוס קומון אונ דער מלאך המות
וועט ווערון אפ גטואון אונ די טעג פון
משיח שטייט דארטון תולדות מוט צוויי
וואוין אובר בייא אדם הראשון שטייט
תולדות מוט איין וי דען ווי באלד דער
מענש איז ווארון בשאפן אַזו איז דער
מלאך המות איך ווארון בשאפון אונ האט
אַלו תולדות וואס זענון ווארון בשאפון
גשטייט אונ גמונרט דרום שטייאון אַלו
תולדות חסר וואו צוא לערנון אונז דאס
זעקס ערלייא זאכון זענון ווארון גמינרט
פון אדם הראשון ווי ער האט די עבירה
גטואון זיין לוטרקייט איז פון אום אַוועק
גנומון גווארון אונ זיין לעבון איז
גמינרט גווארון אונ זיין הויך איז ווארון
אַוועק גונומון פון אום אונ ער איז נידריג
גווארון אונ די פירות פון דר ערד זענון
ווארון פר פלוכט אונ די פירות פון דעם
בוים זענון ווארון פר פלוכט אונ די גוטו
ליכט איז ווארון אַוועק גנומון פון אום
דען אום פרייטיג פרו האט די לוכט אן
גהובון צו לייכטן ווי אדם הראשון איז
ווארון בשאפון אונ ווי עם איז גוקומון
צוויי שעה פר נאכט דאס אדם הראשון
האט גגעסון פונום עץ הדעת האט גאט
גוואלט די לוכט אַוועק נעמון הען אדם
איז נוט ראוי גוועןער זאל אַזו איין
לעכט האבון וואר פון שבת וועגון האט
גאט



אוהל
נופט אונ דעם מענש (על גחונך תלך) זאלסט גיין
אוף דיין בוך דארפסטו שון נוט האבון דם נשטאלט
פון אמענש מוט גיין אונ מוט ריידון ווארום ער וועט

יעקב
שון ווערדון מחמת דעם גופט וום דו האסט אונ אום
אַריין גווארפון :

גאט די ליכט ניט אוועק גנומן אונ זו
הט גליכט גאנץ שבת אונ ווא שבת
איז אוס גגאנגן איז פינצטר גווארן הט
זיך אדם הראשון דר שראקן ער האט
מורא גהאט די שלאנג וועט אים בייסן
אונ דער פינצטר איז האט אים גאט צו
גשיקט צוויא פייעריגי שטיינר אונ ער
האט זיי גשלאגן מיט אנידר איז פייער
ארויס גגאנגן פון זיא אונ עס איז אים
ליכטיג גווען האט ער גמאכט א ברכה
בורא מאורי האש דען דענסטמאל איז
ווארן בשאפן די ליכט דרום מאכן מיר
אלו שבתות צו נאכט הבדלה איבר די
ליכט (בהבראם) דוא וועלט איז ווארן
בשאפן מיט דר (ה) מיט אגרינג ווארט
אונ איין (ה) האט אונטן אופן ווי איין
טיר דאס לערנט אונז דאס דוא גאנצו
וועלט מוז קומן אונ גיהנם אונטן אונ
דעם גר״ב אונ דוא (ה) הט ווידר אויף
דר זייט איין טור דאס ווייזט ווער עס
איז פרום איף דר וועלט דער גייט ווידר
דורך דער טור ארויס אונ ג״ע אונ יענו
וועלט איז ווארן בשאפן מיט דער (י)
דיא איז קלענר פון אלו א׳תיות דאס
ווייזט דם ווייניג מענשן זענין אויף יענר
וועלט אונ די רשעים זענין נידריג איף
יענר וועלט (וייצר יי אלהים את האדם)
גאט הט בשאפן דעם מענשן פון דער
ערד אינ דרום שטייט וייצר מיט צוויי
יודין צו ווייזן דם דער מענש הט אונ
זיך צוויי בשעפניש דעם יצה״ר אונ דם
יצר ט״ב אובר ביי דער בהמה שטייט
וייצר מיט איין יוד דען זו האט נור איין
יצה״ר אונ ניט קיין יצר ט״ב (עפר מן
האדמה) די ערשטו שעה איף דעם טאג
האט גאט איין גזאמלט די ערדי שעה
הט ער גנעטין דם ליים די דריטו שעה
האט ער אהום דריבר גוצוגן די פירדי
שעה האט ער איין נשמה דרונין געבן
די פיפטי שעה איז אדם שון גשטאנין
איף זיינו פוס די זעקסטו שעה האט אדם
נעמין געבין צו אלו בשעפניש די זיבטי

שעה איז זיין ווייב חוה צו אים גקומן די
אכטו שעה זענין זיי אויף גגאנגן איף דם
בעט די ניינטו שעה הט גאט זיי גבאטן
זיי זאלין ניט עסין פון דעם עץ הדעת די
צענטו שעה הבן זיי גזונדיגט אונ האבן
יוא געסין פון דעם בום די עליפטו שעה
הט גאט זיי דן גוועזן די צוועליפטו שעה
זענין זיי ווארין פר טריבן פון דם גן עדן
(עפר מן האדמה) גאט הט גנומן ערד פון
אלע פיר זייטן פון דר וועלט אונ הט דר
פון בשפן דם מענשן כדי ווי דר מענש
וועט שטרבין זאל די ערד אים ווידר צו
נעמן צו קבורה אונ ער הט גנומן ערד פון
דם מזבח כדי די ערד זאל מכפר זיין איף
זיינע עבירות (ויפח באפיו נשמת חיים)
גאט הט גבלזן אונ זיינו נאז לעבר איין
לעבדיגו נשמה דען גאט הט גזאגט איך
מוז זעהן דם קיין קריג אונ קיין קנאה זל
ביי מיין בשעפניש ניט זיידען אונ ערשטן
טאג הט גאט בשפן הימל אונ ערד אונ
אנדרין טאג הט גאט פר רעכט די הימל
אין שטארק גמכט אזו הט די ערד צער
גהט ווס מען הט זו ניט פר רעכט אונ גוט
גמכט איז הש״י גגאנגן אונ דריטן טאג
אין הט צו דר ערד א בשעפניש גמאכט
אין הט איין גזאמלט די וואסרין אונ איין
אורט דם מען זאל קענין זעהן די ערד אונ
פערדין טאג הט הש״י ווידר פר רעכט די
הימל אונ הט לעכט אויף אום אנגהנגן אונ
פינפטן טאג האט הש״י ווידר די ערד פר
רעכט אונ הט בשפן פון דם וואסר פויש
אין פוגול אונ זעקסטן טאג הט הש״י גזגט
איך מוז אפשרה מכן צווישן הימל אונ
ערד קיין קנאה זאל ניט זיין צווישן הימל
אין ערד דרום הט הש״י גנומן ערד פון דר
ערד אונ איין נשמה פון די מלאכים פון
דם הימל אונ הט דר פון בשפן א מענש
אזו איז שין קיין קנאה צווישן זיי ניט גוועזן
דר רמב״ן שרייבט גאט הט דם מענשן
גגעבן איין נשמה איין רידינדיגע דם ער
קאן רידין מיין ווי אלו בשעפניש אזו
ווי דוא גמרא זאגט רבא הט בשפן אין

מֶענְש מוּט שֵׁמוֹת אוּנ הָט גְשׁוּקְט צוּ רַבִּי זֵירָא הָט רַבִּי זֵירָא מוּט אוּם גְרֶעט אוּנ עֶר הָט נוּט גְקֶענְט עֶנְפֶרוּן הָאט רַבִּי זֵירָא צוּ אוּם גְזָאגְט דוּ מוּזְט זַיין בַּשַּׁאפוּן פוּן דוּ רַבָּנִים דְרוּם גֵיי ווִידֶר צוּ דֶר עֶרְד אוּנ זֵיי ווִידֶר עֶרְד אוּךְ גֶפוּנְן מוּר אוּנ דֶר גְמָרָא עֶטְלִיכוּ רַבָּנִים הָבוּן זוּךְ בַּשַּׁפוּן הֶעלְבֶּר אוּף שַׁבָּת אָבֶר אֵיין מֶענְש זָאל קֶענְגוּן בַּשַּׁפוּן אַמֶענְש עֶר זָאל קֶענְגוּן רֵיידוּן דָם אִיז נוּט מֶעגְלֶךְ דֶען דָם רֵיידוּן אִיז דוּ נְשָׁמָה פוּן דֶעם הִימֶל דְרוּם הָט קֵיין מֶענְש קֵיין מַכְט נוּט אוּבֶּר דֶר נְשָׁמָה דֶען דוּ נְשָׁמָה פוּ קֶדֶם מֶענְשוּן אִיז פוּן דֶם רוּחַ הַקֹּדֶשׁ דְרוּם אִיז גְגְלֶעבוּן דוּא נְשָׁמָה צוּ הקב״ה מוּט אַלֶרְלֵיי זַבוּן אוּנ דוּ נְשָׁמָה אִיז בֶּעסֶר פוּן דִי מַלְאָכִים דֶען דוּ נְשָׁמָה אִיז ווָרוּן בַּשַּׁפוּן אוּנ אַנְדֶרְן טָאג פְרוּר פַר דוּ מַלְאָכִים אוּנ אַלִין ווָם אוּנ הִמֶל אִיז ווֶעלְכוּם עֶם אִיז פְרוּר ווָרוּן בַּשַּׁפוּן דָם אִיז מֵיין חָשׁוּב דְרוּם הָבוּן דוּ חֲכָמִים גְזָאגְט דוּ צַדִּיקִים זֶענוּן בֶּעסֶר פוּן דוּ מַלְאָכִים ווֶען זֵיי הַלְטוּן דוּא נְשָׁמָה בְּטָהֳרָה (וַיִּטַּע יְיָ אֱלֹהִים גַּן בְּעֵדֶן) גָאט הָט גְפְלַנְצְט דֶעם גָארְטוּן אוּנ צְווֵיי גִיטֶע בֵּיימֶר עֶנוּן אוּנ דֶם גָארְטוּן אֵיינֶר הֵייסְט עֵץ הַדַּעַת דֶער ווָם עֶסְט פוּן זַיינוּ פֵּרוֹת דֶר בַּקוּמְט גְרוּם שֵׂכֶל צוּ ווִיסוּן גוּטִין אוּן בֵּייז אוּנ מֶער יֵצֶר הָרָע ווִי פְרוּר אוּנ דֶר אַנְדֶער בּוּם הֵייסְט עֵץ הַחַיִּים דֶער ווָם עֶסְט פוּן זַיינוּ פֵּירוֹת דֶר לֶעבְּט אֵייבּוּג אוּנ פִיר טַייכוּן גֵיין אַרוּם פוּן דֶם גָארְטוּן צוּא אַן טְרֶענְקוּן דֶם גָרְטוּן אוּנ גָאט הָט גְטָאן אָדָם אוּנ דֶם גָרְטוּן אַז עֶר זָאל זוּךְ זֵייאוּן ווֵייץ אוּנ קָארוּן אוּנ גִיטֶע בְּשָׂמִים אוּנ זַיין בַּדֶרְפְנוּש אוּנ גָאט הָט גְבָּטוּן צוּ אָדָם עֶר זָל נוּט עֶסוּן פוּן דֶעם עֵץ הַדַּעַת אוּנ ווָרוּם הָט גָאט אוּךְ נוּט פַר בָּטוּן צוּ אָדָם צוּ עֶסְן פוּן דֶם עֵץ הַחַיִּים דֶען גָאט הָט בַּגֶערְט דָם אָדָם זָאל אֵייבּוּג לֶעבוּן אֵיי עֶר הָט דוּ עֲבֵירָה גְטוּן דְרוּם הָאט עֶר אוּם נוּט פַר ווֶערְט צוּ עֶסוּן פוּן דֶם עֵץ הַחַיִּים אוּבֶּר ווִי אָדָם הָט דוּ עֲבֵירָה גְטוּן אוּנ הָט גְגֶעסוּן פוּן דֶם עֵץ הַדַּעַת אַזוּ הָט אוּם גָאט אוּךְ פַאר

בָּטוּן צוּ עֶסוּן פוּן דֶעם עֵץ הַחַיִּים ווַייל עֶר הָט עוּבֶּר גְוֶוען אוּף גָאטְס גְבָּאט אִיז עֶר חַיָּיב מִיתָה גְווָארוּן דְרוּם הָט אוּם גָאט פַר טְרוּבְּן פוּן דֶם גַּן עֵדֶן דָם עֶר זָאל נוּט עֶסוּן פוּן דֶם עֵץ הַחַיִּים אַזוּ ווֶעט עֶר אֵייבּוּג לֶעבְּן אוּן עֶטְלִיכֶע חֲכָמִים זָאגוּן דֶר עֵץ הַחַיִּים אִיז גְשְׁטַנְגוּן אוּנ מִיטְן גָרְטוּן אוּנ דֶר עֵץ הַדַּעַת אִיז גְווֶען אֵיין צוּם אַרוּם דֶעם עֵץ הַחַיִּים מֶען הָט נוּט גְקֶענְט אָן רוּרֶן אוּנ דֶם עֵץ הַחַיִּים פַר דֶם עֵץ הַדַּעַת דְרוּם ווִי בַּלְד אָדָם הָרִאשׁוֹן הָט אָן גְרוּרְט אוּנ דֶם עֵץ הַדַּעַת אוּנ הָט אוּם גְגֶעסְן אַזוּ הָט אוּם גָאט אַרוּם גְטְרוּבְּן דֶען אָדָם הָט זוּךְ גְטְרַכְט עֶר ווֶעט אוּךְ עֶסוּן פוּן דֶם עֵץ הַחַיִּים אוּנ דֶר עֵץ הַדַּעַת הָט אַטֶבַע אוּנ זוּךְ דֶר ווָם עֶסְט פוּן אוּם דֶר בַּקוּמְט יֵצֶר הָרָע צוּ טוּן בֵּייז דֶען אֵיי זֵיי הָאבּוּן גְגֶעסוּן פוּן דֶעם עֵץ הַדַּעַת זֶענוּן זֵיי גְגַאנְגוּן נַאקוּט אָן קְלֵיידֶר אוּן הָאבּן זוּךְ נוּט גְשֶׁעמְט אוּנ ווִי זֵייא הָאבּן גְגֶעסוּן פוּן דֶם בּוּם הָאבּוּן זֵיי זוּךְ גְשֶׁעמְט אוּנ הָבּוּן אָפּ גְרוּסוּן בְּלֶעטֶר צוּ בַּדֶעקוּן זֵייעֶר שַׁנְד (כִּי בְּיוֹם אֲכָלְךָ מִמֶּנּוּ מוֹת תָּמוּת) גָאט הָט גְזָאגְט צוּ אָדָם ווֶען דִי ווֶעסְט עֶסְן פוּן דֶעם בּוּם ווֶעסְטוּ אוּנ דֶעם טָאג שְׁטַארְבּוּן אוּנ ווַייל גָאט הָט מִיט אוּם חֶסֶד גְטוּן אוּנ הָאט אוּם גְגֶעבוּן אַטָאג פוּן זַיינוּ טֶעג דֶען גָאטְס טָאג אִיז לַאנְג טוּזוּנְט יָאר דְרוּם הָט אָדָם גְזָאלְט לֶעבּוּן טוּזוּנְט יָאר נָאר אָדָם הָאט גְזֶעהֶן בִּנְבוּאָה דָם דָוִד הַמֶּלֶךְ הָט גְזָאלְט גְבּוֹרוּן ווֶערוּן אֵיין נֵפֶל אוּנ הָט גְזָאלְט שְׁטַרְבּוּן פוּן דֶר מוּטֶרְם לַייבּ הָט אָדָם הָרִאשׁוֹן אוּם גְשֶׁענְקְט זִיבְּצוּג יָאר פוּן זַיינוּ יָרוּן דָם דָוִד זָאל לֶעבּוּן זִיבְּצוּג יָאר אוּנ עֶטְלִיכוּ חֲכָמִים זָאגוּן דֶעם פְּשַׁט דָם ווָם גָאט הָט אוּם גְזָאגְט אוּנ דֶעם טָאג ווָם דוּ ווֶעסְט עֶסוּן מִיזְטוּ שְׁטַרְבּוּן הָט עֶר גְמֵיינְט אוּנ ווֶעלְכוּן טָאג דוּא ווֶעסְט עֶסוּן ווֶעסְטוּ שְׁטַרְבּן אוּנ דֶם טָאג אוּנ עֶר הָט גְגֶעסוּן אוּנ פְרַייטִיג אִיז עֶר אוּנ פוּל יָארוּן דֶר נָאךְ גְשְׁטָרְבּוּן אוּם פְרַייטוּג אוּנ עֶטְלִיכוּ חֲכָמִים זָגוּן דָם ווָם גָאט הָט אוּם גְזָגְט דוּ ווֶעסְט שְׁטַרְבּוּן

אין דעם טאג האט ער גמיינט ווען ער וועט קיין תשובה נוט טאין אזו ווי מוזר גפונין ביי דר שטאט נינוה דם הט גאט גשוקט יונה נביאות זאגון אוף אור דאס אין פערציג טעג ארום וועט גאט דוא שטאט אובר קערון אונ דר נאך הט ער זו דאך נוט אובר גקערט ווייל זיי האבן תשובה גטאן אזו אוך איז גוועזן ביא אדם הראשון ווייל ער הט תשובה גיטין הט גאט אום לענגער גוואַרט מוט זיין שטרבון (לא טוב היות האדם לבדו) גאט הט גזאגט עס איז נוט גוט דר מענש זאל זיין אליין אן אווייב דען דוא בשעפנויש וועלון זעהן דם אדם הראשון איז אליין אוף דר ערד וועלון זיי אום האלטון פר איין גאט אונ וועלון אום וועלון דינן זיי וועלון זגון אזו וואל ווי גאט איז איין יחיד אין הימעל אזו אוך איז אדם הראשון אייחד אוף דר ערד דרום מוז מען צו אדם בשפון אווייב זוא זאל אום העלפון טאין (וכל אשר יקרא לו האדם הוא שמו) גאט הט אלו בשעפנויש גבראכט צו אדם ער זאל איין נמון געבן ווי זיי זלון הייסון דען אדם הראשון איז גוועזן זייער קלוג אונ ער הט איטליכן איין נאמון גגעבון נאך זיין שכל נאך אונ ווי דו בהמה האט איין טבע אונ אמנהג אונ זוך דאס איזול הט ער גזעהן דם ער איז דער גרעסטר נאר ער הט קיין שכל נוט דרום הט ער אום גרופין חמור דם איז טייטש ער איז ליים גלייך ווי אליימיגר גולם דם פערד הט ער גזעהן דם עס איז אלין פרייליך הט ער אום גרופין סוס דם איז טייטש פרייליך ער הט גזעהן דם אדלר דם אלו צעהן יאר ווארפט ער אראפ זיינו פעדירון אונ נייאו פעדירון וואקסין אוף אום האט ער אום גרופין נשר דם איז טייטש אראפ ווארפון אוך ווען דער אדלר ווערט אלט הונדרט יאר פלוט ער גאנץ הוך גאונט ביי דעם הימל אזו איז די היץ דרטון זייער גרוס אונ פאר גרס היץ פאלט ער אראפ אונ ים הגדול אונ ווערט דר טרונקון הט גאט גזאגט צו אדם הראשון ווי זאל אוך הייסן האט אדם גזאגט (אדני) ווייל דוא בוסט אהאר אובר אלו דרום שטייט (אני יהוא שמי) מיין נאמון איז פון לאנג גאט (ויפל יי אלהים תרדמה) גאט הט גמכט פאלון אשלאף אוף אדם דם לערונט אונז דר מענש זאל נוט צערנון אוף זיין ווייב אפילו אז ער זעהט עפוס וום אום גפעלט נוט זאל ער זוך מאכון ווי ער זעהט דם נוט אונ שלאפט אונ ווי גאט הט גברכט פאר אדם הראשן אלו בשעפונוש צוא געבון זייא נעמון הט אדם גזעהן איטלוכו חיה אונ בהמה הט אווייב הט אדם גזגט אלו בשעפונוש האבון ווייבר אונ אוך האב נוט דרום זאגט ער (ולאדם לא מצא עזר כנגדו) כלומר אדם הט נוט גפונון קיין בשעפנויש אנקבה זו זאל אום ראוי זיין פר אווייב דרום הט גאט גווָרפון אשלאף אוף אדם אונ האט גנומען ארופ פון זיין גוף אונ האט פון דם בשאפון אום אווייב אונ דרום האט גאט אום גמאכט שלאפון כדי זוא זאל אוף אום נוט מיאוס זיין ווייל זוא איז פון זיין גוף גקומון אונ ווען דר מענש איז זוכה גוט אום גאט אווייב זוא זאל אום לוב זיין אונ בהעלפוג זיין

דם איז דו מעשה פון בשאפונג פון חוה



ווען ער איז אובר נוט פרום שוקט אום גאט צו אווייב וויא זיין לייב זו מאכט

אום פר לורן די וועלט אונ יענו וועלט
זיא איז ערגר ווי דער טוט אוך ברענגט
אגוט ווייב דעם מאן צו עולם הבא ווי
מיר גפונן אמעשה ביי אחסיד ער האט
גהאט אווייב אגרוסו חסידה זיי האבן
אובר קיין קינדר נוט גהאט הט ער אור
גט געבן האט זו גנומן אמאן אגרוסן
רשע אונ הט אום פרום גמאכט אונ ער
האט גנומן אווייב אמרשעת הט זו אום
גמאכט פר ארשע (ויבן יי אלהים) רבי
יהושע זאגט גאט האט גוזעהן אונ
גטראכט פון וועלכן גליד ער זיא
בשאפן ער האט גזאגט אוך וועל זו נוט
באשאפן פון דעם קאפ פון אדם דען זוא
וועט זיין גרום האפרדיג זו וועט דם קאפ
הוך האלטן. וועל אוך זו בשאפן פון
דעם אוג וועט זוא אוף אלדינג וועלן
קוקן. פון דעם אויער וועט זו אלין וועלן
הערן. פון דעם מויל וועט זו פיל ריידן.
פון דם הארץ וועט זו לייט מקנא זיין.
פון דער האנד וועט זוא וועלן אלין צוא
נעמן. פון די פוס וועט זו זיין אלייפרן.
דרום וועל אוך זו בשאפן פון אגליד וואס
איז פאר בארגן דם איז ארופ זו זעהט
מען נוט אפילו ווען דר מענש איז נאקוט
אובר דם האט אלין נוט גהאלפן. אוך
הב זו נוט בשאפן פון דם קאפ אונ זו
האלט דאך דעם קאפ הוך ווי דער פסוק
זאגט (ותלכנה נטוות גרון) זיי זענן גנגגן
מוט אום גשטרעקטו העלזור. אוך הב זו
נוט בשאפן פון דעם אוג אונ זו וויל אלין
זעהן ווי דער פסוק שרייבט (ומשקרות
עינים) זיי קוקן אלין מוט די אוגן. אוך
האב זו נוט בשאפן פון דעם אויער אונ
זיי הערן וואס זיי דארפן נוט. ווי עס
שטייט (ושרה שומעת פתח האוהל)
שרה הט גהערט. אוך הב זו נוט בשפן
פון דעם הארץ אונ זיא זענן דאך אלו
לייט מקנא. וויא עס שטייט (ותקנא רחל
באחותה) רחל הט מקנא גוועזן אונ איר
שוועסטר אוך הב זו נוט בשפן פון דר

האנד אונ זיי הבן דאך ליב אלין צו צו
נעמן אזו ווי עס שטייט (ותגנוב רחל את
התרפים) רחל הט צו גנומן די בולדר אוך
הט זו נוט בשאפן פון די פוס אונ זייא
זענן לייפערס אזו ווי עס שטייט (ותצא
דינה) דינה איז ארום גגאנגן אונ דוא
גאסן רבי יהושע האט גפרעגט ווארום
ווען דם קינד גייט אום דער מוטרם לייב
גייט איין זכר מוט דעם פנים ארויף צו
דר ערד אונ איין נקבה גייט מוט דעם
פנים ארויף הט מען אום גענפרט ווייל
אדם הראשון איז ווארן בשפן פון דר
ערד דרום גייט איין זכר מוט דעם פנים
צו דער ערד. ער קוקט פון וואס ער איז
ווארן בשאפן אובער חוה איז ווארן
בשאפן פון אדם דרום גייט איין נקבה
מוט איר פנים ארויף ווייל זו איז ווארן
בשאפן פון דעם מענשן הט ווייטר רבי
יהושע גפרעגט ווארום מוז זוך איין נקבה
צירן מוט גוטו בשמים אונ ריינו קליידר
מער ווי איין זכר הט מען אום גענפרט
אדם הראשון איז ווארן בשפן פון ערד
אונ ערד שטינקט אייביג נוט אובר חוה
איז ווארן בשאפן פון איין ביין פון איין
רופ אונ פלייש ווען מען זאלצט עס נוט
וועדט עס באלד פר שטינקן דרום מוזן
זיך די ווייבר צירן מוט גוטו בשמים אונ
ריינו קליידר אונ דרום האבן די ווייבר
גיטע קולות ווייל זו איז ווארן בשאפן פון
איין ביין אונ שלאג איין ביין אוף דעם
אנדרן קלינגט אונ הולוכט אובר שלאג
ערד אוף ערד וועט עס נוט קלינגן אונ
דרום קען מען איין אשה נוט באלד
אובר בעטן פון איר בעם אזו וויא איין
מאן ווייל זו איז ווארן בשאפן פון איין
ביין אונ גוס וואסר איין גאנצן טאג אוף
איין ביין וועט ער נוט צו גיין אובר גוס
וואסר איין ווייל אוף דר ערד אזו וועט
זיא באלד צוא גיין אונ דרום זאגן מיר
(כרחם אב על בנים) הען דר פאטר איז
מער דר ברומיג אוף זיינו קינדר ווי דו

מוטר אונ דרום זוכט איין מאן איין ווייב
אונ איין אשה זוכט נוט איין מאן וויל
דו אשה איז ווארון גנומן פון דעם מאן
דרום מוז ער זוכון נאך איר. איין משל
וועד ער הט עפוס פר לורן דר מוז זוכון
דר נאך אובר דו אשה הט נוט פר לורון
דרום דארף זו נוט זוכען אונ דרום גייט
איין מאן מוט דוא האר אוף דעם קאפ
אופון אונ איין אשה מוז צוא דעקון דו
האר פון איר קאפ וויל חוה הט גמאכט
אדם הראשון זונדוגון דרום מוז זו גיין פר
שעמט אונ צו גדעקט איר קאפ אונ דרום
לופון דו ווייבר צו איין מת פרור פר דו
דו מאנון וויל זייא האבון גבראכט דעם
טוט אוף דער וועלט אונ דרום הט גאט
דו ווייבר געגעבון מצות נדה וויל זו הט
פר גאסון דם בלוט פון דו לייט דרום איז
זיי ווארון געגעבון מצות חלה וויל זו הט
גמאכט זונדוגון אדם הראשון דם ער איז
ווארון אפ גשייד פון דר ערד אזו וויא
חלה דרום מוזון זיי אפ שיידון חלה פון
דעם טייג אונ דרום האלטון דוא ווייבר
לעכט בענשון וויל זו האט פר לאשון
דאס לעכט פון אדם הראשון דאס זיין
נשמה הט גלייכט אזו ווי איין לעכט (על
כן יעזב איש את אביו ואת אמו ודבק
באשתו) דרום זאל איין מענטש פאר
לאזון זיין פאטר אונ מוטר אונ זאל זוך
באהעפטון אונ זיין ווייב וויל זוא איז זיין
פלייש אונ ביין (עצם מעצמי) איין אשה
איז שטארק בטבע וויל זו איז ווארון
בשאפון פון איין ביין אונ איין מאן איז
שלאף בטבע וויל ער איז ווארון בשאפון
פון ערד אונ ערד איז שלאף זו צו גייט
באלד (כי טוב העץ למאכל) דער בוים
איז גוט צוא עסון איין טייל חכמים זאגון
דער ... ם איז געוועון איין פייגון בוים אונ
דרום האבון זייא אפ גרוסון בלעטר פון
א פייגון בוים צו בדעקון זייער שאנד
דען ווי באלד זיי האבון געגעסון פון דעם
עץ הדעת אזו איז אופון גוואריון זייערו
אויגון אונ זיי האבון זוך גשעמט נאקוט צו
גיין אונ אטייל חכמים זאגון דער בוים איז
געווען איין ווייץ שטאק הט זו אום גרוועשט
ווייץ טרויבון אונ הט אום געגעבון רוטון ווייץ
צו טרונקן אזו ווי רוט בלוט אונ אטייל
חכמים זאגון דם איז געווען איין אתרוג בוים
אין דרום איז דר מנהג דם דו ווייבר נעמן
דעם אתרוג אונ בייסן אפ דם עוקץ אום
הושענא רבה אונ געבן צדקה דען צדקה
איז מציל פון דם טוט אונ בעטן גאט זאל
זיי מציל זיין פון יסורים דו קינדר וואס זיי
טראגן זיי זאלון גרינג האבון דו קינדר דען
ווען חוה וואלט נוט געסון פון דם עץ הדעת
אזו וואלט איטליכע אשה גרינג איר קינד
גהאט אזו ווי אחוה האט גרינג איר איי
אן צער אונ דו אשה זאל בעטון אונ זאל
זאגון רבונו של עולם וויל חוה הט געסון
פון דם עץ הדעת זאלון מיר ווייבר אלו
ליידון אזו איין גרוסע צרה צו שטארבן וועגן
איך וואלט דר ביי געוועו וואלט איך פון
אום קיין הנאה נוט גהאט אזו ויאל ווי
אצונדרט הב איך דם אתרוג נוט גוואלט
פסול מכון אלע זיבין טעג וויל ער הט צו
אמצוה גהערט אבר היינט אום הושענא
רבא איז שון דו מצוה אום הב איך אום
פסול גמכט דאך בון איך נוט געאיילט צו
עסון אום אונ אזו ווינוג הנאה ווי איך
הב פון דעם עוקץ אזו ווינוג הנאה וואלט
איך גהאט פון דם בוים וואס דו הט פר
באטון צו עסון אום (ויהיו שניהם ערומים)

דאס איז די מעשה פון דר שלאנג מיט חוה



אדם און חוה זענן גוועזן נאקעט און האבן
זיך נוט געשעמט אזו ווי די בהמות און דער
שלאנג איז גוועזן זייער שלעכט און האט
גוואלט אדם זאל שטארבן און ער זאל
נעמן חוה פאר איין ווייב אזו האט דער
שלאנג זיך גמאכט איין אום רייד און
האט גפרעגט האט דען גאט אייך פר
באטן פון אלי ביימר און גארטן נוט
צו עסן און ער האט גוויסט דאס גאט האט
נאר פר באטן דעם עץ הדעת נוט צו
עסן גאר ער האט זיך גמאכט איין
אום רייד זייא זאלן קומן מוט אנגדר
צו רידן האט חוה גענפרט נאט האט
פר באטן דעם עץ הדעת נוט צו עסן
און אך נוט אן צו רורן און אום דוא
חכמים זאגן מען דארף נוט רידן דאס
וואס מען האט נוט בפולן דען גאט האט
נוט פאר באטן אן צוא רורן נייארט
צוא עסן האט גאט פר באטן און חוה
האט צו גזעצט און האט איין ליגענט
גזאגט דרום איז זוא גקומן צוא איין
עבירה דען דוא שלאנג איז גגאנגן און
האט געשטוסן די האנד פון חוה צו דעם
עץ הדעת און האט גזאגט צו חוה אזו
ווי דו ביסט נוט געשטארבן פון אן רורן
אזו אוך וועסטו נוט שטארבן פון עסן
נאר גאט ווייסט ווען איר וועט עסן פון
דעם בוים וועט איר זיין ווי דוא מלאכים
דרום האט ער אייך פר באטן צו עסן
פון דעם בוים האט חוה זיך גטראכט די
שלאנג רעט גלייך עס איז גוט מיר
זאלן עסן פון דעם בוים דען וועלן
אינזרי אוגן געפינט ווערן און מיר
וועלן זיין אזו ווי דוא מלאכים דרום
האט זי גגעסן פון דעם בוים און האט איר
מאן אדם אך גגעבן צו עסן פון דעם
בוים זוא האט זיך גטראכט ווען איך
וועל שטארבן אזו זאל מיין מאן אדם
אוך שטארבן און זאל נוט נעמן אנגדר
ווייב און זו האט אלי בהמות און חיות
און עופות אוך גגעבן צו עסן כדי זייא
זאלן אוך שטארבן און אלי בשעפנוש
האבן געגעסן און אפ׳גול ער הייסט ח״ל
האט נוט גוואלט עסן פון דעם בוים רבי
יודן זאגט ווען רבי שמעון דער פגול
חול לעבט טויזנט יאר דער נאך ווערט
זיין גוף פר דארבן דוא פעדרן פאלין
אים אום און ער בלייבט קליין ווי א איין
איי דער נאך הייבט ער אן צו וואקסן
און ווערט ווידער גרוס (ותפקחנה עיני
שניהם) און עס זענן ווארן געפינט
זייערי אוגן און זיי האבן גוויסט דאס
זייא זענן נאקעט און האבן אפ גריסן
בלעטר פון איין בוים און האבן צו
גדעקט זייער שאנד און זייא האבן
געהערט גאט קול און גארטן צווי שעה
פאר נאכט אזו האבן זיי זיך בהאלטן
פר גאט איז גאט גקומן און האט זיך
גמאכט גלייך ווי ער ווייסט נוט ווו זייא
זענן כדי זיי זאלן זיך נוט דער שרעקן
און ער האט זייא גפרעגט ווייא זענט איר
האט אדם גענפרט אוך האב געהערט
דיין קול אין גארטן האב אוך מורא
גהאט ווייל איך בין נאקעט דרום האב
איך מיך בהאלטן האט גאט גזאגט צו
אים פון וואנן ווייסטו אז עס איז א שאנד
ווער עס גייט נאקעט האסטו דען געגעסן
פון דעם בוים האט אדם גענפרט דוא
אשה וואס דו האסט מיר געגעבן זו האט
מיר געגעבן צוא עסן פון דעם בוים האט
גאט גפרעגט דוא אשה וואָרום האסטו
געגעסן פון דעם בוים וואס איך האב נוט
געהייסן עסן האט דוא אשה גזאגט דער
שלאנג האט מיך אן גרעט האט גאט
גזאגט צום שלאנג ווייל דוא האסט דאס
געטון מוסטו זיין פר פלוכט מיין פון אלי
חיות און פעלד און מיין פון אלי בהמות.
אנברי האט גוואלט וויסן ווי לאנג א שלנג
איז מעוברת אזו האט ער גכאפט א שלנג
באלד ווייא זוא איז זיך צו נוף גקומן מוט
א זכר און האט זו גגעבן און אפאס און
האט זו געשפייזט הורטן בוז זו האט גווינן

און ווי די רבנים זענין גקומין קיין רום אזו האט דער נכרי גפרעגט רבן גמליאל צו ווי פיל חדשים גווינט אשלאנג אויז קינדר האט רבן גמליאל אים נוט גוויסט צו ענפרין און איז דער שראקין גוורין און זיין פנים איז אים געל גווארין פר בושה האט אים רבי יהושע בגעגינט און האט אים גפרעגט ווארום איז דיין פנים געל הט ער אים גענפרט א נכרי הט מיך גפרעגט צו ווי פיל חדשים אשלנג גווינט און אוך האב איך אים נוט גקענט ענפרין הט רבי יהושע גזאגט צו זובן יאר גווינט די שלאנג דען אהינט גווינט צו צוויי און פיפציג טאג און דר הינט איז אחיה טמאה און אפערד גווינט צו צוועליף חדשים און אפערד איז אבהמה טמאה און גאט הט דיא שלאנג פאר פליכט מיין פון אבהמה און פון אחיה מוט איר טראגון די קונדר איז דא א קשה ווארום הט גאט די שלאנג פר פליכט מיין פון אחיה ווען ער האט זו פר פליכט מיין פון אבהמה וואס טראגט אגאנץ יאר מכל שכן דאס זו איז פאר פליכט מיין פון אחיה גיארט דער פסוק לערינט אינז אזו ואל ווי דער הינט איז איין חיה און טראגט צווייא און פופציג טעג און דוא בהמה טראגט זובן מאל לענגר דם איז אאר דען אאר איז דריי הינדערט און פונוף און זעכציג טעג אזו איז דוא שלאנג פר פליכט מיין פון דער בהמה טמאה זו מוז טראגון זובן מאל לענגר דאס איז זובן יאר איז גגאנגן רבן גמליאל און הט דעם נכרי גזאגט דם די שלאנג גווינט אורו קונדר צו זובן יאר איז דער נכרי גגאנגון און הט זיך גשלאגון דעם קאפ פאר צער און הט גזאגט איך האב מוך זייער לאנג גמיהט דריבר און דער יהודי זאגט מור גאר אן מוה דער תולדות יצחק שרייבט מען קען פרעגין צוויי קשות אוף דעם ענין איינס איז ווארום האט חוה צו די שלאנג ליגענט גזאגט גאט האט נוט גהייסן אן רורון

און גאט האט נאר פר באטון פון צו עסון אובר אן צו רורון האט ער נוט פר באטן נאך מער איז קשה די שלאנג האט דוא האנט פון חוה גשטוסון צו דעם בום און האט גזאגט אזו וואל ווי דוא ביסט נוט גשטארבון פון דעם אן רורון אזו אוך וועסטו נוט שטארבון פון דעם עסון און ווארום האט חוה דער שלאנג גגלייבט און האט באלד גגעסין טאמר וועט זוא יוא שטארבין פון דעם אן רורון איי דער טאג וועט אום גיין דען גאט האט גזאגט און דעם טאג וועסטו שטארבון און חוה האט באלד גגעסון נאך איי דער טאג איז אום גגאנגין זו האט גזאלט ווארטין ביז דער טאג וועט אום גיין אוב זוא וועט נוט שטארבין פון דעם אן רורון און דער נאך האט זוא גזאלט עסון און נאך אקשה קען מען פרעגין גאט האט גזאגט צוא אדם הראשון ווארום האסטו גגעסין פון דעם בום האט אדם גענפרט דם ווייב האט מור גגעבון וואס פאר אתירוץ איז דאס וויל דאס ווייב האט אום גגעבין דרום זאל ער פטור ווערון גאט האט אים אובור דאך פר באטון דער רמב״ן שרייבט אדם הראשון האט גזאגט צווא גאט דוא האזט מור גגעבין אווייב צווא אהילף האב איך מור גטראכט וואס זו הייסט מור מוז איך טון דרום האב איך גגעסון פון אורו העגט קען מען פרעגין דרויף איז דען אדם אזו איין שוטה גוועזן ווען גאט האט אום פאר באטון זאל ער דען פאלגין זיין ווייב נייערט דער פשט איז אזו אדם און חוה האבון גמיינט הקב״ה האט פר באטון צו עסון פון דעם עץ הדעת דאס איז אלין פון וועגון וויל ווי דער עץ הדעת איז גשטנון איז זייער אהיילוג אורט דאס דוא שכינה פלעגט דורטון רואון און דרום איז דר עץ הדעת גשטאנון און מוטון גארטון דען דער סדר פון דוא מלכים איז דאס זיא וואנון און מוטון לאנד אזו אוך האט די שכינה

אונ מוטון גארטין גרוט דרום האבון זיי זוך גטראכט גאט האט פר באטון צו עסון פון דעם בום פון וועגון אן רורון דען ווען מען וועט עסון פון דעם בום וועט מען אום פשיטא אן רורון אבר ווען דער אפיל זאל אראפ פאלון פון דעם בום אונ זאל זוך ארום וועלגערון פון דעם היילוגון אורט מעג מען אום וואל עסון דען גאט וועט נוט פר ווערין וואס דעם מענשין אטובה אוז אזו ווי דר עץ הדעת דאס מען קען אגוטן שכל דורך אום בקומן ניי ערט אדם האט גטראכט גאט האט דרום פר באטון ווייל דר עץ הדעת שטייט אוף אהיילוג אורט דם קיין מענש דארף אהון נוט גיין אונ ער האט זוך טועה גווען אונ דעם פסוק (לא תאכל ממנו) ער האט גמיינט דער פשט אוז זאלסט נוט עסון פון דעם בום ווייל דער אפיל אוז אוף דעם בום אובר ווען דער אפיל פאלט אראפ מעג מען אום וואל עסון ווען ער וועלגערט זוך ארום פון דעם היילוגון אורט אונ דרום האט דוא אשה גזאגט צום שלאנג (ומפרי העץ אשר בתוך הגן) פון דעם בום וואס אונ מיטון גארטון כלומר ווייל ער שטייט אוף אהיילוג אורט אונ מוטון אזו וויא אמלך דער וואנט אונ מוטון לאנד אזו אוך רואוט דוא שכינה אונ מוטון גארטון דרום דארפין מור פון אום נוט עסון אונ דרום האט דוא אשה גזאגט צום שלאנג גאט האט פר באטון פון אן צו רורון אונ דעם בום דען זייא האבון זוך גטראכט אז דאס אוז גאטס מיינונג דרום האט דוא אשה קיין לוגון נוט גזאגט נאך אור דעה נאך אונ דוא שלאנג האט גזאגט צו דער אשה דוא האסט רעכט גזאגט נאך דיין דיעה נאך דוא בוסט דוך אובור טועה גאט פר גינט אייך קיין גוטס נוט דם אור זאלט זיין אזו וויא דוא מלאכים דרום האט ער אייך פר באטון צו עסון פון דעם עץ הדעת האט אום דוא אשה גגלייבט

דרום זאגט דער פסוק (ותרא האשה כי טוב העץ) דוא אשה האט גזעהן דם דער בום אוז זייער גוט אונ גאט וויל נוט געבין אזו אגיטס צו דו לייטון אבר אדם האט נוט אזו גטראכט נייארט גאט האלט דם אורט זייער היילוג דרום האט ער פאר באטין דרום האט זוך אדם פאר ענפרט אקעגין גאט ער האט גזאגט אוך בון נוט גווען אוף דעם היילוג אורט אונ האב נוט אן גרירט דארטין נייארט דו אשה האט אפ גרוסון פון דעם בום אונ האט מור גגעבין דרום בון אוך נוט חייב מיתה אונ דרום אוז ער נוט גשטארבין אונ דעם טאג דען ער האט דוא עבירה נוט מוט ווילין גערון גטון נייערט ער האט גמיינט עסין אן אן רירין מעג מען אונ ווייל אדם איז נוט גשטארבון אוז חוה אוך נוט גשטארבין כדי ער זאל נוט זיין אליין אן איין ווייב אונ נאך איין תירוץ שרייבט דער תולדות יצחק אדם הראשון האט זוך פר ענפורט דיא האסט מור פאר באטון צוא עסון פון דעם בום איי אוך האב איין ווייב גהאט ווייל דער עץ הדעת מאכט ליסט אובור היינט אז דוא האסט מור געבין איין ווייב איז דאך איין מצוה קינדר צו האבון דרום האט מור דוא אשה גגעבון צו עסון פון דעם בום כדי אוך זאל צוא אור ליסט האבון אונ דרום האב אוך גגעסון אונ נאך איין תירוץ אוז אדם האט זוך פאר ענפערט דוא אשה וואס דוא האסט מור גגעבון צוא הולף אוך זאל קענון תורה לערנון אונ זוא זאל שאפון אונ הויז אונ זאל קאכון אונ באקון אונ אוך דארף זוא נוט צו פרעגון אוב זוא קאכט כשר אודר נוט נייארט אוך מוז אור גלייבין דם מור גגעבון צוא עסון פון דעם בום אונ אוך בון נוט מחוייב גווען זו צו פרעגין וואס פר איין אפיל זוא גוט מור אוך האב גמיינט עם איז איין אנדרער אפיל (ויאמר אלהים לאשה מה זאת עשית) גאט האט גזאגט צוא דער אשה ווארום האסטו דאס גטון

אונ ווען שון גאט האט דער אשה נוט פאר באטין צוא עסין האט ער זוא דאך גפרעגט ווייל זוא איז גוועזן בהעפט אונ דעם גוף פון אדם הראשון דען גאט האט איין ריפ גנומין פון אדם אונ האט דרום בשאפון דוא אשה אונ גאט הט אדם אונ חוה פריר גפרעגט ווארום זייא האבין דאס גטון אונ דערנאך האט ער זייא גשטראפט אונ גפל כט אובר דוא שלאנג האט ער נוט גפרעגט ווארום ער הט דאס גטון דען ער האט נוט גוואלט קיין תירוצין הערין פון איר אונ ער האט זוא באלד גפליכט פון דאיין לערנין אונזרו חכמים אפ ווען איינר מאכט זיין חבר שטרוכלן אונ איין עבירה ווערט ער מער גשטראפט וויא זיין חבר (על גחונך תלך) אויף דיין בויך זאלסטו גיין דען דער שלאנג האט גאט גשניטן די פיס אונ זייא האבין אים זיינו פוס אפ גהאקט (ואיבה אשית) אונ איין פיינד שאפט וועל איך טון צווישען דיר אונ צווישען דר אשה דען די שלאנג הט גוואלט חוה נעמין פר אווייב דרום האט ער זו אן גהובין אובער רעדין צו עסין פון דעם עץ הדעת כדי אדם זאל עסין אונ זאל שטארבין דען די שלאנג הט גטרכט חוה וועט גווים פרור מבדר זיין אור מאן צו עסין אונ ווי אוך וועל זעהין דס אדם וועט עסין וועל אוך דעם אפול אוועק נעמין פון חוה זו זאל אום נוט עסין דרום הט ער חוה אובר גרעט אונ נוט אדם ווייל דוא ווייבר זענון גרינג צוא אובער ריידון זיי אין חוה וועט באלד אור מאן קענון אובר ריידון (הרבה ארבה עצבונך והרונך בעצב תלדי בנים) מוט דריי זאכון זענון די ווייבור ווערון גשטראפט זיי מרגון קונדר מיט צער ווען זיי גייען צו קונד הבון זיי ווידער צער אונ די קללה וואס חוה איז ווארון פר פלוכט דס הבון אלו ווייבור אונ עס העלפט קיין עשירות נוט דר צו דס איז ווייל חוה הט די עבירה מוט ווילן

גטון אובר די קללה וואס אדם איז ווארון פר פלוכט דס האבון נוט אלו לייט. מור גפונין דס ווייבר פון רייכע לייט גייאן פול שווערר צו קונד ווייל זיי האבון ניט דוא קללה פון שווער עסן זייער ברוט האבון זיי פון טראגון אונ קונדר גווינין פול מער צער אונ אנדרו ווייבר וואס ארבוטן הבון גרונגר קונדער ווייל זיי האבון שווערו ארבוט טוט גאט מוט זיי חסד זיי האבון גרונג זייערו קונדר אונ ווי וואל די אשה איז אונטר טענוג דעם מאן זיא מוז אום פאלגון וואס ער שאפט גלייך ווי א קנעכט צו דעם הארון אזו וואלט די אשה נוט גדארפט קיין לוסט הבון צו איר מאן הט גאט דאך גמאכט דס די אשה האט גרוס לוסט צוא איר מאן אונ בגערט דער מאן זל אובר איר הערשון גלייך ווי איין הארר איבר זיינע קנעכט. דס זאגט דר פסוק (ואל אישך תשוקתך) צוא דיין מאן וועסטו גלוסטן (ואכלת את עשב השדה) אין זיי הבון די עבירה גטין האבון זייא גגעסון אלי גיטו קרייטר פון דעם גארטין אין פון די עבירה אן אונ ווייטר הט גאט זיי פאר ווערט צו עסן פון דעם גארטין נאר וואס עס וואקסט אוף דעם פעלד. (בזעת אפיך תאכל לחם) מוט שוויים אונ שווערו ארבייט זאלסטו ברוט עסון דען זיי זלון גוועזן די עבירה נוט גטון וואלטן זיי געסון ווייץ אום גמלון אונ עס וואלט פר זיי גוט אונ גזונד גוועזן גלייך ווי ברוט: רבי ברכיה אונ רבי סימון זגון פון וועגון רבי שמעון בן יוחאי זיא טוט אנדר אונ איר הרצון זו זאל נוט מער קומן צו איר מאן ווייל זיא גייט שווער צו קונד דרום ווען זו שטייט אוף פון דעם בעט מוז זיא א קרבן ברענגון א כפרה אוף איר נדר אין היינט דאס מור האבון נוט קיין בית המקדש רופט מען דעם מאן אוף צו דער ספר תורה ווען דס ווייב שטייט אוף פון קי"ם בעט דס זל זיין א כפרה אויף איר נדר וואס זו הט גטון אונ איר הרצון אונ הט

ניטארום גרעט דעם גדר (ויקרא האדם את שם אשתו חוה) אונ אדם האט זיין ווייבס נאמן גרופין חוה אוז קשה ער האט איר שון פריר אנאמן געגעבן אשה וויל זיא איז ווארון גנומין פון דעם מאן נאר וויל זו האט אום גמכט זינדיגין האט ער זו ניט גוואלט מייחס זיין נאך זיך אונ האט זיא גרופין חוה דס איז טייטש זיא איז דס לעבון פון דער גאנצר וועלט דען אלו לייט זענון פון איר ארוס גקומין אוך איז חוה טייטש ריידון וויל ווייבר האבון גיין מאס רייד דען זי האט מוט דר שלאנג פיל גרעט: (ויעש אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור) גאט האט גמכט צו אדם וחוה העמדר אוף זייא איז געוען אום גמאלט אלו חיות אין עופות פון דר וועלט אונ אדם האט דיא העמדר געגעבן צו קין אונ אז קין איז דר שלאגן געווארין זענין זייא גקומין צו נמרוד אונ פון נמרוד האט עשו זיי גנומין אונ אז יעקב האט געוואלט גיין צו יצחק דיא ברכות נעמון האט ער אן גיטין דיא קליידר (וילבישם) אונ ווען זיי האבון עבירות גיטין איז דאך גאט אוף זיי געוען דר ברומיג אונ האט זיי דיא העמדר אן גקלייד:

דס איז ווי מען שוקט אדם וחוה פון גן עדן



(וישלחהו יי אלהים מגן עדן לעבוד את האדמה אשר לוקח משם ויגרש את האדם) הש"י האט אדם גמוזט ארום נארון פון ג"ע ער וואלט ניט ארוס גגאיגון אפילו מען זאל אום גוועז מוט צלרליי מיתות דר שלאגון ער האט אום ניט גוואלט לאזון אום קומן דרום האט הש"י גזאגט צו אדם די מוזט ארבוטין דיא ערד וואס אום דען ג"ע דען דיא בוסט ווארון גנומין פון אור אזו איז אדם באלד ארוים גגאיגון פון דעם גן עדן כדי צוא ארבוטין דיא ערד ער האט גמיינט ער וועט ווידר אריין קומען אונ גן עדן אובר הקב"ה האט צו גשלסין די טור פון דעם גן עדן דאס ער זאל ניט קענון אריין קומען אהין (וישכן מקדם לגן עדן את הכרובים) הש"י האט גמאכט ריאון פר דעם ג"ע דיא מלאכי חבלה אונ זיי האבון אונ זייערו העגר גהאט שווערדון דס קיין בשעפניש זאל אונ גן עדן ניט קענון אריין קומען (והאדם ידע את חוה אשתו) אדם האט בשלפון זיין ווייב חוה אז ער איז נאך געוועזן אין ג"ע אונ ווי אדם האט גזעהן דס דער ג"ע איז פר שלסין גווארון אונ דר גיהנם איז אפון גבליבן אזו האט ער זיך פורש גוועזן פון זיין ווייב דען ער האט גזאגט מיינו קינדר וועלון ניט קומן אונ גן עדן נייערט אין גיהנם אבר דר נאך ווי ער האט גזעהן דס דיא תורה וועט ווערון געגעבון צו ישראל נאך זעקס אונ צוואנציג דורות האט ער זיך ווידער בהעפט צוא זיין ווייב צו האבון קינדר פון דעם זאל זיך דער מענש אפ לערנין צו בהעפטון זיך צו זיין ווייב צו האבון קינדער זייא זאלון תורה לערנין רבי אליעזר בן עזריה זאגט דריי ווינדר זענון ווארון גשעהן דעם דאזוגון טאג דעם דאזוגון טאג איז ער ווארון בשפון

דעם

שר"ה

כא ויעש ה' אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם) גאט האט גמאכט פר אדם מוט זיין ווייב

דקדוש

העמדר פון פעל אונ האט זייא אן געטאן איידור זייא האבון געזינדיגט האבין זיי קיין קליידר ניט געהאפט

אונ

דעם דאזוגין טאג האבין זייא זיך צוא אנגדער בהעפט דעם דאזוגין טאג האבין זיי גווינון קונדר רבי יהושע בן קרחה זאגט אדם מוט זיין ווייב זענין צום בעט גגאנגין זיי צווייא אונ פון דעם בעט זענין זייא גגאנגין זובין אדם וחוה אונ קין מיט זיין שוועסטר אונ הבל מוט צווייא שוועסטר איטליכער איז וואורן גבורין מיט זיין ווייב (ותאמר קניתי איש את יי) חוה האט גזאגט אוך האב גווינון אקינד מיט גאט פריר האט גאט אליין אונז בשאפון אובר אצינד האב אוך אונ מיין מאן אוך אחלק אונ קונד דען דרייא האבון איין חלק אונ קונד פאטער אונ מוטר אונ גאט ער גוט דו נשמה אונ זייא האבון גווינון נאך אזון הבל ער האט גפאסוט שאף אונ קין האט גארביט אונ פעלד הט קין גבראכט פירות צו גאט פר אקרבן אונ הבל האט גבראכט זיינע בעסטו שאף פר אקרבן הט גאט גשיקט אפייער פון דעם הימול אונ האט פאר ברענט דעם קרבן פון הבל אונ דעם קרבן פון קין האט גאט נוט גוואלט אן נעמון דוא עבירה פון קין איז גוועזן וייל ער האט דוא בעסטו פירות אליין גגעסין אונ דוא ערגסטו האט ער פאר אקרבן גבראכט אזו איז קין ברוגז גוואורן וייל הקב"ה האט זיין קרבן נוט אן גנימן הט גאט צו אום גזאגט ווארום בוסטו ברוגז ווערסטו פרום זיין אונ ווערסט תשובה טון ווער אוך דור מוחל זיין ווען דוא ווערסט אובר קיין תשובה נוט טון ווערסטו זיין אן גבריט צו דער טור פון דעם גיהנם אונ דארטון ווערסטו רואן אונ דער יצר הרע ווערט האבון לוסט צוא דור צי אן רייצון דיך צוא בייזין דאס איז טייטש (לפתח חטאת רובץ) בייא דער טור פון דעם גיהנם ווערסטו רואון רבי אמי זאגט דר יצר הרע גייט אנדרש נוט נאר אונ מיטן דיא גאסון אונ אין מיטן וועג וויא באלד ער בגעגינט דעם מענשין זעהט ער אוב ער צירט זיך אונ מאכט חן אזו בהעפט ער זיך באלד צו אום אונ זאגט צו אום דיא בוסט מיין אוך וועל דוך וואול לערנון אונ רעט אום אן צו אלום בייזון דרום זאל דער מענש זיך נוט אברוג צורן אונ נוט איבריגי שיינו קליידר אן טון כדי דער יצה"ר זאל אונ אום קיין שליטה נוט האבון (ויהי בהיותם בשדה) אונ עס איז גוועזן ווי זיי זענון גוועזן אונ פעלד האבון זיך דוא צוויי ברידר גקריגט מוט אנגדר זייא האבון גזאגט לאמיר זיך צוא טיילון מיט דער וועלט אייגער זאגט דוא ערד וויא דוא שטייסט דרוף איז מיין דער

אנדרר

של"ה הקדוש

אונ האבון גשיינט וויא דאס לוכט ווס הייסט (אור) אוף לה"ק אונ נאך דעם חטא איז פר בוטון גווארון דאס לוכט אונ פונסטרנוס אונ פון דעם (אור) לוכט איז גווארון (עור) פעל דער פון לערגון מור אז דער מענש דארף זיך במוהון זיין גוף צו לייטרון אונ צו רייניגון פון זיינו חטאים בכדי ער זאל אום קענון צו רוק צו קערון אונ לוכט וויא מור האפון בכלל אז לעתיד לבוא (אור חדש על ציון תאיר) גאט וועט אונז מוט אנייעם לוכט באלייכטון גם איז נכלל דרונון אז יעדור מענש זאל מקבל זיין דו יסורים ווס קומון אוף אום באהבה. ווארום דוא יסורים מאכון שוואך דוא תאוות פון דעם קערפר אונ לייטרון אונ ריינגון אונזר חומר. אפילו דער טוט איז אוף אום גזאגט גווארן אז ער איז זייער גוט וויא עס שטייט גשריבן (יקר בעיני ה' המותה לחסידיו) דם הייסט דר טוט פון פרומו מענשון איז טייער אונ גאטס אויגן:

ז (הלא אם תיטיב שאת) אז דוא ווערסט דוך בעסרון וועל אוך דור פר געבון דיינו עבירות מור קענון זיך אראפ נעמון אמוסר דער פון אז תיכף וויא אמענש ווערט נכשל אונ אעבירה זאל ער באלד תשובה טאן ווארום איין עבירה שלעפט נאך זיך דוא אנדרו (עבירה גוררת עבירה) וויא מור קענון דאס זעהן ביי קין אז ווען ער וואלט פאלגון ווס גאט הט אום גזאגט באלד וויא ער האט גטאן דוא ערשטו עבירה ווס ער הט זיך מקנא גוועזון אן זיין ברודר הבל אונ וואלט תשובה טאן וואלט ער נוט גקומון צו דוא גרוסו עבירה פון שפיכות דמים אבר וייל ער האט נוט באלד תשובה גטאן האט אום דער יצה"ר ווייטור גשלעפט אונ הט אום גבראכט דער צו דם ער האט פאר גאסון דאס בלוט פון זיין אייגנום ברודור (השיבנו יי אליך ונשובה אמן):

אנדערר זאגט אויך אזו ווי דוא שטייסט
דאס איז מיין ערד איינר זאגט אונ מיין
חלק ערד זאל שטיין דאס בהמ"ק אונ דר
אנדרער זאגט אויך אזו אונ זייא האבון
זיך גקריגט מיט אננדער דען מיט הבל
דעם יונגסטון זון זענון גבורון גווארון
צווייא טעכטר זיינו שוועסטר האט קין
גזאגט אויך וועל נעמון דוא איבריגע
שוועסטר פאר אווייב ווייל אויך בין איין
בכור אונ הבל האט גזאגט אויך וועל. זו
נעמון ווייל זו איז מיט מיר גבורון גווארון
אונ וויא זייא האבון זוך אזו גקריגט איז
גשאגין הבל אונ האט קין אום גווארפון
אויף דער ערד אונ האט זוך אויף אום
גלייגט האט קין גזאגט צו הבל מיר זענון
נור צווייא קינדר צוא אונזר פאטער אונ
ווארום ווילסטו מיך דער שלאגון הט זוך
הבל דער בארימט איבור אים אונ האט
אים אפ גלאזט דאס זאגט דער פסוק
(ויקם קין) איז קין אויף גשטאנון כלומר
ער איז איינטון גלעגין אונ איז אויף
גשטאנון אונ הט זיין ברידר הבל גהרגת
אונ ווער האט הבל בגראבון רבי אליעזר
בן פרת זאגט דוא עופות טהורים אונ
דיא חיות טהורים האבון אים בגראבין
אונ הקב"ה האט זייא דער פאר גגעבין
איין גוטון שכר מען מאכט איין ברכה
ווען מען קולוט זייא אונ ווידר איין ברכה
ווען מען דעקט זייער בלוט צו מיט אש
דען גאט בצאלט מדה כנגד מדה ווייל
זייא האבון צוא גדעקט דאס בלוט פון
הבל דרום האט גאט גהייסון זייער בלוט
ציא דעקון אונ הקב"ה איז גקומון צוא
קין אונ האט אים גפרעגט וויא איז דיין
ברידער האט קין גענפערט בין איך דען
דער היטור פון מיין ברודער אזו האט
גאט צו אים גזאגט דוא רשע דאס בלוט
פון דיין ברידער שרייט צו מיר פון דער
ערד אונ דרום שטייט אין פסוק (דמי
אחיך) דאס איז טייטש פול בלוט כלומר
דאס בלוט פון דיין ברודער אונ פון

זיינו קינדער וואס האבון גזאלט ארוס
קימון פון אים אטייל חכמים זאגון דרום
שטייט (דמי) פול בלוט ווייל קין הט הבל
פיל בלוט פר גאסון אונ האט אים פול
ווינדען גמאכט איי ער האט אים דער
שלאגין דאס ער האט נוט גוויסט אונ
וועלכון אורט ער זאל אים דער שלאגון
אונ ער האט אים דרום דער שלאגין
ווייל ער האט גמיינט דער עיקר וועלט
וועט ווערון גבואוט פון הבל ווייל גאט
האט זיין קרבן אן גנומון אונ דם קרבן
פון קין האט ער נוט אן גנומון האט גאט
גזאגט צוא קין דוא זאלסט זיין פאר
פלוכט מער פון דוא ערד דען דוא ערד
איז אויך ווארון פר פלוכט ווייל זו האט
איין גנומון דאס בלוט פון הבל ווען דוא
וועסט ארביטון דוא ערד וועט זוא דור
געבון ווייניגער תבואות וויא זוא האט
גזאלט געבון ווייל דוא האסט דיין ברידר
דער שלאגון אונ דוא זאלסט זיין נע ונד
דיא זאלסט נוט ריאון אויף איין אורט
אזו וויא איין בעל תשובה האט קין גזאגט
ציא גאט (גדול עוני מנשוא) רבונו של
עולם זענון דען מיינו עבירות אזו גרויס
דאס דוא קענסט זייא נוט מוחל זיין
(הן גרשת אותי) נון דוא האסט מיך פאר
טריבון פון פאר דור אז ווער עס וועט
מיך גפינון וועט מיך הארגין רבי יודא
זאגט עס זענון גקימען דוא בהמות
אונ חיות אונ עופות אונ האבען
גוואלט אנקמה טון אונ קין האט גאט
גזאגט (לכן כל הורג קין) דר וואס וועט
דר שלאגון קין דר וועט ווערון גרעכונט
כלומר גאט הט אן גשרוגין אויף בהמות
אין חיות אונ עופית אונ די שלאנג זיי
זאלון אים נושט טון (שבעתים יוקם) אונ
זיבין דורות ארום זאל ווערון אנקמה
גיטין אן קין למך וועט קומען אונ וועט
דרשלאגון קין (וישם יי לקין אות) האט
גאט גמאכט אצייכון צו קין מען זאל אים
ניט דר שלאגון. רבי יוסי זאגט עס איז

אום אהארן גוואקסן אויף זיין שטערין אזו ווי איין אוקס. אטייל זגין גאט הט אום אן גשריבן איין אות פון זיין נאמן אויף זיין שטערין דס אלו זאלין פר אום מורא האבן אונ זאלין אום נוט הער שלאגן: (ויצא קין) אז קין ארויס גגאנגן גאר פרייליך הט אום בגעגנט אדם הראשון אין האט אום גפרעגט וויא אזו איז דיין משפט אום גגאנגן הט קין אום געענפרט איך האב תשובה גיטין אז מיין משפט גרינג גווארן. הט אדם זיך מצער גוועזן אין הט גזגט דער כח פון תשובה איז אזו גרוס אונ איך האב נאר נוט גוויסט. הט אדם בלד גזאגט מזמור שיר ליום השבת וואס דרויגן שטייט טוב להודות ליי עס איז גוט צו לויבן גאט: (וישב בארץ נוד קדמת עדן) קין איז גגאנגן אונ האט זיך בזעצט אונ לאנד נוד ווי אדם איז גזעסן אין מזרח זייט פון גן עדן דען דו זייט פון מזרח איז מקבל די לייט ווס ווילן תשובה טון אטייל זאגין ארץ נוד איז טייטש ווי קין איז גגאנגן הט זיך די ערד אונטר אום גשאקלט האבן אלו לייט גזאגט צו אום גיי אוועק פון אונז דען דו ביסט זינדיג דו האסט דיין ברודר דר שלאגן: (ויקח לו למך שתי נשים) אונ למך האט זיך גנומן צווייא ווייבר דען אונ זיינו צייטן האט יעדר גהאט צווייא ווייבר איינע צו קינדר האבן אונ די אנדרו האט ער געבן טרינקן אגוטרנק פון קריימר זי זאל קיין קינדר נוט האבן זו זל תמיד שיין זיין אונ ער פלעגט זו צירין ווי א כלה איינו הט גהייסן עדה דס איז טייטש אפ טון. די אנדרו האט גהייסן צלה דס איז טייטש ער איז אלין גזעסן אונ אור שאטן אונ די עדה הט גווינן אזון ער האט גהייסן (יבל) ער איז גוועזן דער ערשטר ווס פלעגט פאסן בהמות אויף דעם פעלד זיין ברודר הט גהייסן יובל ער איז גוועזן דער ערשטר ווס האט גמאכט הארפן אונ פידלין אונ צלה הט

אוך גווינן קינדר ווי וואל למך הט אזו גגעבן צוא טרינקן קריימר זו זאל קיין קינדר נוט האבן הט גאט גהייסן זו זאל קינדר האבן אונ הט גווינן אזון ער האט גהייסן תובל קין דס איז טייטש ער הט פאר רעכט די מלאכה פון קין קין איז גוועזן איין רוצח ער האט אויך גמאכט שווערדין די לייט צו דר שלאגן: (ויאמר למך לנשיו עדה וצלה שמען קולי) למך האט גזאגט צוא זיינו ווייבר הערט מיך צו אונ בהעפט אייך צו מיר דען די ווייבר האבן זיך פון אום אפ גשייד ווייל ער הט דר שלאגן קין אונ תובל קין דען למך איז גוועזן בלינד אונ תובל קין האט אום גיפירט אונ ווי תובל קין האט גזעהן דס קין גייט פון ווייטן אויף דעם פעלד הט ער גמיינט דס איז איין חיה אונ האט גזאגט צוא למך עס גייט איין חיה פון ווייטן נעם דיין בוגן אונ שוס הט למך גנומן זיין בוגן אונ הט דר שאסן זיין עלטר פאטר קין צום טוט. ווי למך איז דס גוואר גווארן איז ער זייער דרשראקן גווארן אונ האט זיינו הענט צו אנאנדר גשלאגן אונ הט דרשלאגן זיין זון תובל קין צווישן זיינו הענד צום טוט האבן זיך די ווייבר פון אום אפ גשייד אונ ער הט זיך פר ענפרט אונ הט גזאגט האב איך דען מוט ווילג גערון אום דרשלאגן מיין עלטר פאטר קין האט מוט ווילג גערון דר שלאגן הבל הט אום גאט זיבן דורות גלאזט לעבן מכל שכן מיר ווערט גאט לענגר ווארטן: (ויתהלך חנוך את האלהים ואיננו) גאט האט גנומן חנוך לעבדיג אונ הימעל ארין ער איז נוט גשטארבן דען ער איז גוועזן אגרוסער צדיק דרום הט אום גאט באלד צו גינומן פון דער וועלט ער זאל קיין עבירות נוט טון אונ זאל בלייבן ביי זיין פרומקייט אונ גאט הט אום גינומן לעבדיג אונ הימעל ארין ער זאל עדות זאגן אויף דיא לייט ווס זענען גוועזן פר דעם מבול אונ גאט הט

ווידר גוומין אליהו הנביא לעבדוג אונ
הימל אריין דס ער זאל עדות זאגון אויף
די לייט וואס זענון גוועזן נאך דעם מבול .
דרום האט די תורה אן גשריבן ביי דוא
דורות פון אדם ביז נח בייא יעדון (וימת)
צו ווייזון דס די מענשון וואס זענון גוועזן
צדיקים זענון זיי גשטארבון אויף זייער
בעט אונ זענון נוט פר לורין גווארון אונ
מבול אבר ביי די דורות פון נח אן אונ
ווייטר אוז שון קיין מבול נוט גוועזן הט
די תורה נוט גדרפט אן שרייבון (וימת)
נאר עס שטייט נאר דאס זיי הבון גווינון
זין אונ טעכטר אונ ווי לאנג זיי האבון
גלעבט (ויולד בן ויקרא את שמו נח)
נח אוז גוועזן דאס צעגטו דור פון אדם
דרום האט די וועלט אקיום פון אום אן
דרום שטייט ביי קיינים נוט ביז נח (ויולד
בן) נאר בייא נח שטייט (ויולד בן) דען
בן אוז לשון בנין כלומר פון נח אן אוז
די וועלט ווארון גבואוט דרום הט מען
אום גרופין נח דם אוז טייטש ריאין דען
ביז נח האט די ערד אום גצוגין דערנר
אין וויא נח אוז גקומין האט ער גמאכט
אקור אייזון צו אקורין דוא ערד אונ דוא
ערד הט גריט פון דר קללה אונ האט
אוים גצוגין אלדום גיטם (ויראו בני
האלהים) אונ דוא גאכפרטו לייט האבון
גזעהן די שיינו טעכטר האבון זיי גינומין
פון זייערו מאנין צו זוך פאר ווייבער אונ
וואס האבון שון גזאלט טון דוא אנדרו אונ
אטייל זאגון מלאכים פון דעם הימל הבון
זיך בהעפט מוט די שיינע ווייבר (לא ידון
רוחי) גאט הט גזאגט אוך האב דם מענש
בשאפון מוט אנשמה אזו ווי די מלאכים
אובר אצונד זעה אוך דס זיי זענון בלוט
אין פלייש ווי די בהמות אונ דוא נשמה
העלפט זיי נוט דרום וועלון זייא נוט זיין
אזו ווי די מלאכים דען זיי וועלון שטרבון
ווי דוא בהמות נאר אוך וועל זיי לאזון
לעבון הונדרט אונ צוואנציג יאר טאמר
וועלון זיי תשובה טון אונ ווען נוט וועל

גימל

איך אוף זיי ברענגין דם מבול (הנפילים
היו בארץ) דוא מלאכים זענון ווארון
אראפ גפאלון פון דעם הימול אויף דער
ערד דען גאט האט זיי אראפ גווארפען
וייל זייא זענון גוועזן בייז אונ די ווייבור
האבון קונדר גווינון פון דוא מלאכים אונ
זייא זענון גוועזן זייער גרוס אונ די ריזון
זענון פון זייא ארוס גיקומון (וינחם יי)
גאט האט זוך גטרייסט וייל ער האט
דעם מענש בשאפון איף דער ערד דען
ווען ער וואלט אום בשאפון אויף דעם
הימול וואלט ער אום גמיזט אראפ
ווארפון וועגון זיינו עבירות אובר אויף
דער ערד אוז זיין רעבט אורט (ויהי כי
החל האדם) דער מדרש שרייבט רבן
גמליאל האט זיין טאכטר אין מאן גגעבן
וויא זו האט גזאלט אוועק גיין פון אור
פאטרס הוז הט זו גזאגט צו איר פאטר
בענש מוך האט ער זו גבענשט אונ הט
גזאגט גאט זאל געבון דוא זאלסט נוט
ווידר קומון אונ מיין הוז. האט זו גזאגט
ציא אום ליבר פאטר ווארום פלוכסטו
מיך האט ער איר גענפרט אוך האב
דיך גבענשט עס זאל דור זייער גוט זיין
בייא דיין מאן דאס דוא זאלסט נוט
וועלון ווידער קערין צוריק אונ מיין
הויז . דער נאך האט דיא
טאכטר גווינון איין זון אונ האט גזאגט צו
איר פאטר בענש מיין זון הט ער גבענשט
דם קונד אונ האט גזאגט צו זיין טאכטר
עס זאל פון דיין מול נוט ווערון אפ גטון
קיין ווייי דוא זאלסט אלו מאל ריידון ווייי
האט זו צוא אום גזאגט ווארום פלוכסטו
מיך האט ער איך גענפרט אוך האב דוך
גבענשט כלומר דוא זאלסט אבטינג
געבון אויף דיין זון אונ זאלסט אלו מאל
זאגון ווייי מור אוך האב מיין זון נאך
קיין עסון נוט געבון ווייי מור אוך האב
אום נאך צוא קיין רבי נוט גפירט דאס
ווייב פון רבי שמעון האט גווינען איין
טאכטר האט רבי חייא אום בגעגנט אונ

האט צוא אום גזאגט גאט האט דוך אן גהובן צוא בענשן אזו וויא אונ פסוק שטייט (ויהי כי החל האדם וגו׳) כלומר דיא וועסט פול קונדר האבון נאך דער טאכטער דאס אוז איין ברכה (ויתעצב אל לבו) השי״ת האט אונ זוך גטרואֶרט דאס דוא וועלט זאל חרוב ווערון איין נכרי האט גפרעגט ר׳ יהושע בן קרחה גאט ווייסט דאך אלדינג אונ ווארום האט ער בשאפון דוא מענשן ער האט דאך גוויסט אז זיי וועלון זיין בייז האט ר׳ יהושע אום געענפֿרט דוא האסט גהאט איין זון אונ האסט דוך גפרייט ווען ער אוז גבורון גווארון אונ דוא האסט דאך גוויסט דאס ער וועט מיזון שטארבון אונ ווארום האסטו דוך גפרייט האט דער נכרי אום געענפערט ווען מען דארף פריילוך זיין זאל מען פריילוך זיין אונ ווען מען דארף טרורון זאל מען טרורון אלום האט זיין צייט הט ר׳ יהושע ציא אום גזאגט גאט האט איך אזו גטון ער האט גוויסט דאס צדיקים וועלון אויך ארוס קימון פון דוא לייט דרום האט ער בשאפון דוא רשעים פון דוא צדיקים וועגון (מאדם ועד בהמה) גאט האט גזאגט ווען דוא מענשן ווערון אפ גמעקט אזו מיזון דוא בהמות אויך ווערון אפ גמעקט דען דוא בהמות זענון ווארון בשאפון פון דעם מענשון וועגין:

# הפטרת בראשית

כה אמר האל יי בורא השמים ונוטיהם רוקע הארץ וצאצאיה) עס זענון פול לייט גוועזן אונ די צייטין פון דעם נביא וואס האבען גזאגט דוא וועלט איז פון זיך זעלברט ווארון בשאפון אונ גאט הט זו נוט בשאפין דרום הט דער נביא דא גלאזט וויסין דאס גאט האט דוא וועלט בשאפון אונ ער האט דעם הימל אום גצוגין איבר דר גאנצר וועלט אזו ווי מען צוהט אום איין גצעלט אונ דער נאך הט ער פר שפרייט דיא ערד אונ הט פון דער ערד אום גצוגין אלע פירות אונ ביימער אונ קרייטכער אונ דער גאך הט ער גגעבון איין נשמה צו דיא לייט וואס זענון אוף דער ערד אונ איין רוח צו די ווס גייאון אוף דער ערד אונ זאגט צוא ישראל אוך גאט האב אלץ בשאפן אזו קען איך דוך אוך אום לייזון פון דעם גלות דרום ווען דו צייט וועט קומען (אני יי קראתיך בצדק) וועל איך גאט דוך ריפען מוט גרעכטיקייט צוא גיין אום דעם גלות אונ דיא וועסט זיין איין לעכט צוא אלע שבטים איך וועל דוך ריפען (לפקוח עינים עורות) צו עפנון אייערו אוגון ווס זענון גוועזן בלונד פר צער (אני יי

הוא

נופת

כה אמר האל יי בורא השמים ונוטיהם רוקע הארץ וצאצאיה נותן נשמה לעם עליה ורוח להולכים בה (ישעיה מב) פתח ואמר . ר׳ יהודה האט אן גהובן דרשענון מוט דעם פסוק כה אמר יי בורא השמים ונוטיהם רוקע הארץ וגו׳ קוב״ה אוז לעילא ולעילא דען ער אוז דר בשעפור פון אלו אונ תמיד אלע ווילו אוז ער אלם מחיה פון דם נייע אונ אוז זייא מתקן כלומר דרום שמים בורא נוטיהם אונ אזו ווייטר רוקע נותן . דם טייטש ער בשאפט אצונד די הומלען ! ער פר שפריים אצונד דוא ערד . הגם דוא בריאת שמים וארץ אוז שון לאנג גוועזון . נאר צו לערנון אונז דם ער היום ווירקט נאך השי״ת אונ דער גאנצר בריאה אונ ווען חלילה ער זאל אפ טאן

צופים

זיין השגחה פון אור אוף איין רגע דא קערט זוך אוב דוא גאנצו בריאה לתוהו ובוהו . אזו איך דרשנת דער זוהר אוף דעם פסוק (משלי ג׳) יי בחכמה יסד ארץ כונן שמים בתבונה דאס טייטש הקב״ה הט דוא ערד גגרונד פעסטוגט מוט דר תורה (תא חזי) קום אונ זעה דוא וועלט מוט אלו עולמות עליונים האבון נאר אקיום דורך דוא תורה (כונן שמים בתבונה) ער בריים אוצט אן דוא הומיל מוט פר שטאנדוקייט היינו תמיד טאג פאר טאג גוט ער השגחה אונ שוקט זיין השפעה אונ אלו עולמות . אונ ווייטר שטיים דארטון (רוקע הארץ וצאצאיה) ער שפריים אום דו ערד מוט אורו געוואוקסע דם אוז נמיינט (ארעא קדישא צרורא דחיי) דוא אובערסט

הוא שמי) איך בין גאט אונ מיין נאמען איז דם אויך בין איין האר איבר דר גאנצר וועלט דרום וועל אויך מיין כבוד מעהר נוט לאזון צו איין פרעמדון דען ביז אהער האב אויך קיין משפט נוט גיטין אונ די רשעים דרום האבען זיי מיך נוט דר קענט אונ זענון געגאנגון נאך זייערו אפ געטר אובער אז אויך וועל טיאן אין משפט אונ דיא רשעים אזו וועט דיא גאנצע וועלט מיך דער קענון דם אויך אליין בין גאט אונ מיין לוב וועל איך נוט געבון צו די געצון בילדר זאגט דר נביא (הראשונות הנה באו) דוא ערשטו נביאות וואס אויך האב גזאגט אויף סנחרב דיא זענון נון געקומען אונ דא וועל אויך זאגון נייע נביאות איי זיי וועלון שפראצין צו קומען וועל איך זייא מאכען הערון (שירו לה' שיר חדש) דו ישראל וועלון זינגען צוא גאט איין נייא גזאנג אונ דיא טעג פון משיח גאטס לויב וועט אויף גיין פון דער עק וועלט דיא לייט וואס גייאין אין דוא שיפען אויך דו וואס זיצין אויף דוא אינזלן פון דעם ים דוא אלע וועלון געבון לויב צו גאט (ישאו מדבר ועריו חצרים תשב קדר) דו מדבר אונ די שטעט אויך דוא הויף ווי דו טאטערון זיצען אונ די וואס זיצון אויף דיא הוכע שטיינער אונ אויף הוכע בערג דו וועלון לובען גאט מוט געשריי זיי וועלון טון כבוד צו גאט אונ זיין לוב וועלון זיי זאגון צווישען אלע פעלקער (ה' כגבור יצא כאיש מלחמות יעיר קנאה) גאט וועט אזו וויא איין גבור ארוס גיין צו העלפון אונ אזו ווי איין בעל מלחמה אזו וועט ער זוך דער וועקון צו טון נקמות ער וועט שאלון אונ וועט שרייאן אויף זיינע פיינד אונ וועט זוך שטארקן איבר זייא אונ וועט זאגון (החשיתי מעולם אחריש) איך האב פון לאנג אן געשוויגן אונ האב מוך איין גהאלטון אובר אצונד וועל אויך שרייאן אויף דו פיינד אזו ווי איין גווינרין ווען זוא דארף איר קינד האבן אונ וועל זיי פר וויסטן אונ איין שלינגן מוט אננדר ער גלייכט די פיינד צו הוכע בערג אונ צו גראז אונ צוא גרוסע טייכון אונ זאגט (אחריב הרים וגבעות) איך וועל חרוב מאכון דו בערג אונ די הויך אונ זייער גראז וועל אויך פר טריקנן אונ וועל די טייכון טרוקן מאכן (והולכתי עורים בדרך) אונ דו וואס זענון גלייך ווי דוא בלונדע וועל איך זיי פירון אונ רעכטון וועג אונ ווי פינסטר איז וועל אויך זיי לעכטוג מאכון (נסוגו אחור יבושו) זיי וועלון פאר ריקט ווערון אהונטער אונ וועלון פר שעמט ווערון דו וואס האבען זיך פר זיכרט אן היידינושע זאכון (החרשים שמעו והעורים הביטו לראות) גאט זאגט צוא ישראל איר מאכט איך טויב אונ ווילט נוט הערון איר מאכט איך בלונד אונ ווילט נוט זעהן אונ איר זאגט אויף מיינו נביאים וואס

שטראפין

נופת

היילוגו לאנד וואס ווערט אן גרופן צרור החיים דער בונד פון לעבון וויא עס שטייט ביי דוד המלך עליו השלום (שמואל א' כה) (והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים את ה' אלהיך) דער נפש פון מיין הארון וועט זיין אן גבונדון אונ דעם בונד פון אייביגון לעבון ביי גאט ב"ה (נותן נשמה לעם עליה) ער נוט אנשמה צו דעם פאלק וועלכו עם זענון אויף אור דען דער נהר דינור דם הייסט דר פייערדוגור טייך וואס ער צוהט זוך פון אונטר דעם כסא הכבוד וויא עס שטייט גשריבון אונ (דניאל ז') ברענגט צו שווימון נשמות חיים צו דעם היילוגו לאנד אונ זוא טיילט פאנאנדר אלעמון :

ה' כגבור יצא כאיש מלחמות יעיר קנאה יריע אף יצריח על אויביו יתגבר) דאס טייטש גאט ב"ה וועט ארוס גיין וויא אגבור וויא איין קריגס מאן וועט ער דער וועקון צארון . ער וועט שאלון אויך וועט ער שרייען אובור זיינו פיינט וועט ער זוך שטארקון . דער זוהר הקדוש פרעגט ווארום שטייט

צופים

(כגבור כאיש מלחמות) מוט כפין הדמיון וועלכו בעטייטון נאר אזו ווי אגבור אזו וויא אקרוגס מאן . אבער נוט גאר רוכטוג . אויך וויא באלד ער וועט מיט זייא שטרייטון ווארום עס שטייט דא דער שם יהוה וואס דער שם בעטייט נאר אויף רחמים . ווידער שוקט זוך נוט אונ דעם קאפוטל פריער זאגט הקב"ה (אני יהוה הוא שמי) מיין נאמון איז יהוה אונ זייער אפט ווערט ער דאך נאר אן גרופון אלהים וואס ווייזט אויף דין ומשפט . דר תירוץ איז ווען אונ דר וועלט איז דא פול צדיקים דאמאלסט איז זיין נאמון יהוה כלומר צו לוב זייער זכות איז זיין הנהגה מוט אלעמן ברחמים אבר ווען עס איז מער רשעים דא איז שון זיין נאמון אלהים היינו משפט דם ער פורט זוך מוט דעם מדת הדין אונ דער וועלט . זאגט דר זוהר ווייטור (תא חזי) קום אונ זעה דער כלל איז כל התחלות קשות אונ וואס אויילו שפעטור ווערט גרונגר אונ בעסור אונ אלעם למשל ראש השנה איז אציים פון הויל דין יעדור מענש ווערט באטרכט אונ גמושפט

שטראפון אייך דאס זיי זענון טוב אונ בלונד (מי עור כי אם עבדי) אור זאגט אויף מיינע נביאים וואס זיי זענון מיינו קנעכט ווער איז אזו בלונד אודר טוב אזו ווי די נביאים דם מיינט דער פסוק (מי עור כמשולם צרות רבות ולא תשמור) אור ישראל האט פול צרות געזעהן אונ איר ווילט נוט טרכטון ווארום די צרות זענון אויף אייך געקומען אור האט אופנו אורון אונ ווילט נוט צוא הערון צום נביא אור מאכט אייך טוב אונ בלונד (יי חפץ למען צדקו) ווען משיח וועט קומען וועט דערנאך מאל גרויס חכמה ווערון געגעבון צוא לייטון דאס זיי וועלון קענון תורה לערנון אונ דם וועט גאט טון וועגון זיין גרעכטיקייט אונ ניט פון אייער זכות. וועגון (והוא עם בזוז ושסוי) אונ זענון איין ברובט פאלק ווען איר וועט אייך פר בארגון אונ הייזר אונ אין תפיסות וועט מען אייך דאך ברובן אונ קיינער וועט אייך ניט מציל זיין אונ קיינער וועט נוט זאגון ווארום זאלט איר זיי ברובון אודר קער אום וום דוא האסט גרובט (מי בכם יאזין זאת) עס איז קיינער נוט דא צווישון אייך וום ער זאל פאר נעמון דאס דאזיגע אונ זאל הערון וואס דער נאך וועט זיין (מי נתן למשסה יעקב) ווער איז פון אייך וואס זאל בקענון וואס דוא עבירה איז דאס דוא ישראל זענון ווארון ברובט פאר וואר ווען ער זאל פאר שטיין וואלט ער גוויסט אז דאס איז נאר פון וועגון אונזערו עבירות דאס מור האבען נוט צוא געהערט גאטס מצות אונ זיין תורה (וישפוך עליו חמה אפו) דרום האט גאט פר גאסון אויף ישראל זיין גרום צארון אונ איין שטארקו מלחמה אונ האט געמאכט פלאמון דאס פייער ארום ישראל אונ קיינער טוט דאך נוט פאר שטיין ווארום דם איז אונ עס ברענט אונ אום דאס פייאר אונ טוט ניט אויף זיין הארץ אז דאס איז פון וועגון זיינו עבירות (ועתה כה אמר יי בוראך יעקב) אונ אצונד אזו האט גזאגט גאט דיין בשעפער יעקב דוא יעקב זאלסט קיין מורא נוט האבון דען אזו ווי אוך האב דיך

## נופת צופים

שטרענג נאך דוא מעשים נאך אבער אום יום כפור ווער וועקט זוך דער מדת הרחמים אונ דוא מדות פון סליחה וכפרה. אבור לעתיד לבא וועט זיין פאר קערט אונ תחלת וועט הקב"ה אן הובון מוט דוא רשעים במדת הרחמים אונ וום ווייטר ווייטור וועט זיך דער וועקון דר מדת הדין ביז לסוף וועלון דוא רשעים אונ גאנצון פר לענט ווערון. דרום שטייט אז לעתיד וועט זיין דאס (יי כגבור יצא כאיש מלחמות) דם הייסט אן הויבון וועט ער מיט יהוה מוט די מדה פון חסד ורחמים דם ער וועט נאר גלייך זיין וויא אגבור וויא איין איש מלחמה אבער נוט איין רעכטר גבור ארעכטור איש מלחמה אבור לסוף וועט ער זוך שטארקון אונ שטארקון אובור זיינו פיינט ביז ער וועט זיי אונ גאנצון אום ראטון. אזו ווי דער פסוק זאגט (זכריה י"ד) (ויצא יי ונלחם בגוים ההם) גאט ב"ה וועט ארום גיין מוט זייא מלחמה האלטון. אוך שטייט (ישעיה ס"ג) (וארמסם בחמתי וגו' ושנת גאולי באה) קודשא בריך הוא זאגט אוך וועל זייא צוא טרעטון מוט מיין גרום צארון. אונ נאך דעם וועט זיערון אשנת גאולה אמן:

החרשים שמעו והעורים הביטו לראות) ר' יהודה פתח ר' יהודה הט אן גהובון דרשנון החרשים איר טויבו הערט דם איז גמיינט די מענשון וואס ווילון נוט הערון די רייד פון דער תורה אונ זייערו אויערון זענון נוט אפין צו הארכון די מצות פון זייער הערון (והעורים הביטו לראות) אונ איר בלונדע קוקט זוך ארום צו זעהן. דען זיי קוקון נוט כדי צו ווימון פון יום וייא בשטייאן דען יעדור טאג באזונדער רופט אום אפרוז אונ ווי הערון נוט. דתניא מור האבון גלערינט וויא אמענש ווערט גבארון שטייען אלו זיינו טעג וויפיל ער דארף לעבון צו זאמון פר. הקב"ה אונ הזמיל אלו אונ איין בונד. אונ יעדור טאג באזונדר אונ זיין צייט גייט ארויס אונ אוז דעם מענשון מתרה ער זאל אונ דעם טאג פרום זיין אונ תשובה טאן. אונ ווען דער מענש פאלגט אים נוט אונ ער וונדוגט פארט דאן גייט דער טאג צורוק ארויף פר שעמטר הייר אונ ער אליין זאגט עדות אויף דעם מענשונס מעשים רעים. אונ דער טאג בלייבט שין דארטון נעבוך שטיין איינזור אליין אונ דרוסון אונ ווארט. אוב ער טוט תשובה אויף דוע בירה קערט זוך אום דער טאג אויף זיין פרווערדונג ארט (תא חזי) קום אונ זעה נאך דעם טוט שטעלון זוך אלו טעג פר גאט ב"ה אונ ווען דער מענש איז גוועזן אלו צייטון פרום ווערט פון זיי אום גוועבט איין טייערעם מלבוש פור זיין נשמה. דאס זיא פוצט זוך אום אונ אים. ווען נוט אבער איז דר בגד פול מוט לעבור מכל שכן ווען דער מענטש האט גאר קיין טעג נוט דם הייסט ער האט פול חטאים אונ דארום בלייבט ער שטיין נאקוט (וי ליה וי לנפשיה) ווייא צו אום ווייא צו זיין נפש אונ פור יעדר טאג אוז מען אים דן אונ גיהנם צווייא טעג. גליקליך זענון אבער די צדיקים דם אלו זייערו טעג ליגון בהאלטון אונ פאר בארגון בייא דעם מלכא קדישא אונ דארטון ווערט גמאכט אפראכטונגן בגד פור זייא. אונ דארום נאך אדם הראשונס חטא

דיך אום גליוזט אונ דיא טעג פון סנחרב אזו וועל איך דוך אוים ליזון שפעטר פון בבל איך וועל דוך ריפן מוט דיין נאמן דאס דוא בוסט צוא מיר אונ דוא וועסט דער קענון דאס איך בון גאט (כי תעבור במים אתך אני) דם זאגט גאט צוא דיא ישראל סנחרב וואס ער איז גגלעכון צוא איין גרוס וואסער וואס וויל פר פליצון בון איך גאט מוט דור גוועזן אין צו פייער אוז ער גוועזן גגלעכון הב איך דיך מציל גוועזן פון אום אזו אוך אז דו בוסט צווישען וואסר אונ פייער וועלון זיי דור נוט טון (כי אני יי אלהיך קדוש ישראל) דען אוך גאט דר היילוגר פון ישראל דיין העלפר איי סנחריב איז גקומן אוף ירושלים הט ער פרור מלחמה גהאלטון מוט דם מלך כוש אונ סבא אין מלך מצרים אונ הט זיי איין גנומן אונ איז גקומען מוט דעם רובונג וום ער הט זיי גרובט צו ירושלים דען ער הט גטראכט ער וועט גוים איינגעמון ירושלים וייל דו ישראל זענון גוועזן גאר ווייניג אונ שלאף אזו האט גאט אום גוויזון ווען שון ער הט דו שטארקו פעלקער דער שלאגון איבער דו ישראל אונ ירושלים וועט ער נוט קענון טון אונ אזו אוך וועלון זוך איין זאמלן פול פעלקר אונ וועלון איינר מוט דעם אנדרון מלחמה האלטון אונ דער נאך וועלון זיי קומן אוף דו ישראל אונ גאט וועט דו ישראל העלפון פון זייא דרום זאגט דא דר פסוק כוש אונ סבא אונ מצרים זענון גוועזן דיין כפרה (מאשר יקרת בעיני נכבדת) גאט זאגט וייל דו ישראל זענון גוועזן טייער אונ מיינע אוגון דרום בוסט דו ווארון גערלוכט אוף דער וועלט אונ איך האב דוך ליב (אל תירא כי אתך אני) פארכט דוך נוט דען אוך בון מיט דור איך וויל דוך איין זאמלן מוט אלע דיינע קונדער אפילו דיינע קליינו קונדר וועל אוך פירון בנחת קיין ארץ ישראל (אומר לצפון תני) גאט וועט זאגון צו צפון אונ צו דרום אונ צו מזרח אונ מערב זיי זאלון ברענגון דו ישראל קיין ארץ ישראל (כל הנקרא בשמי ולכבודי) דו וואס בקענון דם גאט הט דו וועלט בשפון געבון כבוד צו זיין נמון אונ זיי דער קענון אוך דאס גאט בריית אן שפייז צו אלע בשעפנוש (הוציא עם עור ועינים יש) גאט זאגט אוך וועל אוים ציהון איין פאלק וואס איז בלונד אונ טויב זיי האבון אוגון אונ זעהן נוט אונ הבון אוערן אונ הערון נוט פאר אום גלוק (כל הגוים נקבצו יחדו) ווען אלע מענשון זלון זוך איין זאמלון מוט אננדר איז נוט דא איינר פון זיי וום זאל זאגון וום עס וועט זיין אונ דו טעג פון משיח אודר

ווער

### נופת

שטייט גשרובון (בראשית ג') (וידעו כי ערומים הם) זייא האבון שין גוואוסט דם זייא זענון שון נאקוט פון דעם מלבוש וואס ווערט גוועבט פור דוא נשמה אונ דאס מיינט דער פסוק (תהלים קלט) וואס דער גאנצר קאפוטל גייט אוף אדה"ר (גלמי ראו עיניך ועל ספרך כלם יכתבו ימים יצרו ולא אחד בהם) דם טייטש מיין איין וויקלונג היינו דער בגד וואס ווערט פון דוא נוטו פרומע טעג פון לשון (ויקח אליהו את אדרתו ויגלום) (מ"ב יב) האבון דיינו אוגון גזעהן אונ אוף דיין בוך זענון דוא אלו באשאפנו טעג פר שרובון אבר עס איז קיין איינצולטער טאג פיר האנדרון דם ער זאל ראוי זיין פור יענום לבוש. אונ אז ער הט גטאן תשובה שטייט שון (ויעש יי אלהים כתנות עור וילבישם) היינו הקב"ה הט פור זייא גמאכט איין אנדר מלבוש אבער נוט פון טעג דען תשובה איז אפעולה צו באקומון אקלייד. אבר נוט אזעלכון וואס ער ווערט לכתחלה גמאכט פון פרומע טעג. קום אונ זעה ביי אברהם אבינו שטייט גשרובון (בא בימים) ער איז גקומון אונ אקלייד פון נאר דו טעג וויפולער האט גלעבט אונ קיין מינוט

### צופים

האט נוט גפעלט אבער איוב הט גזאגט (איוב א') (ערום יצאתי מבטן אמי וערום אשוב שמה) פון מיין מוטערס לייב בון אוך ארום נאקוט פון מצות אונ נאקוט וועל אוך זוך אום קערין אהון. דען אוך האב קיין מצות נוט וום פון זיי זאל קענון אום גשפונון ווערון אבגד פור מיין נשמה. אונ צו תחית המתים וועלון דו צדיקים אוף שטין אונ אזעלכו מלבושים אז דער פסוק זאגט (איוב לח) (ויתיצבו כמו לבוש) דם טייטש זיי וועלון זוך שטעלון בעקליידוט זאגט ר' יהודה ווייטור. עס שטייט אונ פסוק (וירח את ריח בגדיו ויברכהו) (בראשית כז) יצחק הט גשמעקט דעם ריח פון יעקבם קליידר אזו וויא עס שטייט גשרובון דארטון (ותקח רבקה את בגדי עשו וגו' ותלבש את יעקב) אלא ער הט דער שמעקט דעם ריח פון דו קליידור פון זיין נשמה אוף יענור וועלט אונ צו לוב זיינו צדקות דרום הט ער אום גבענשט (תנא אלף וחמש מאה ריחין סלקין) טוונט אונ פונף הונדרט ערלייא מיני ריחות גייט אלו טאג ארוף פון גן עדן אוף יענו בגדים אונ פר שמעקון זייא:

ווער פון זיי הט גלאזט פרור ווייסן די ישראל איי דם אוז געשעהן מוט סנחרב (יתנו עדיהם ויצדקו) לאזן זיי ווייזן זייערו עדות דם זייא האבון פירור נביאות געזאגט וום וועט געשעהון אזו וועלין זיי גרעכט בלייבון אונ זגון עס אוז אמת (אתם עדי נאום יי) אובר אור זענט מיינו עדות זאנט נאט דאס אוך האב איך פרור גזאגט דאס וואס אוך וועל טואן צוא סנחרב דרום קענט אור פון די נבואות פר שטיין אז דיא נבואות וואס אוך זאג איך וועלון אוך מקוים ווערן דער מדרש שרייבט אוף דעם פסוק (ולא אותי קראת יעקב) גאט זאגט אויף דעם וואס וויל נוט גיין אונ שול תפלה טון מיך טיסטו יעקב נוט רופין איין גאנצין טאג שטייסטו אונ מארק אונ רעדסט וואס דוא ווילסט אונ עס אוז דור ניט שווער אונ אין שול צו גיין תפלה טון איז דור צו שווער דו זאגסט דו האסט קיין כח נוט צוא גיין דרום זאל אמעניש גווארונט זיין צוא גיין אונ שול ארין תפלה טון:

# פרשת נח

(אלה תולדות נח) שלמה המלך עליו השלום הט געזאגט (מתהלך בתומו צדיק וגו.) דם מיינט ער דער מענש זאל טון מצות לשם שמים אונ נוט פון גיאות ווענון אזו וויא פול לייט זענון דא זייא געבון צדקה אונ דר נאך גיין זיי אונ דר ציילון דם פר לייטון אזו טון זיי דר מוט צווייערליי בייז איינם אוז דם זיי האלטון זיך:

## אוהל יעקב

(ויאמר אלהים לנח קץ כל בשר בא לפני) גאט הט געזאגט צו נח דער סוף פון אלו משעפנוש אוז פר מור גקימון אוך זאל זיי פאר דארבון (כי מלאה הארץ חמס מפניהם) ווארום דוא ערד אוז גווארון פול מוט רוב פון פאר זייא ווייל זיי גזלון איינור בייא דעם אנדרון למשל אזו וויא איינור הט גמאכט אסעודה פון מענשון ווענון אונ זעצט זייא ביי דעם טיש אונ גוט אוטלוכן בזונדר ברוט צו עסין אונ אז זייא האפון איינור ביי דעם אנדרון ווס טוט דר בעל הבית נעמט ער בייא זייא צו דם ברוט אונ גוט זייא שון גאר נוט ווייל זייא חאפון איינור באם אנדרון אזו אוז גאט אז ער זעהט אז איינור גזולת ביי דעם אנדרון זאגט ער צו דער ערד זוא זאל נוט געבון אור פרוכט עס זאל גאר נוט וואקסון דאס זאגט דער פסוק (ויאמר אלהים לנח) גאט האט געזאגט צו נח אוך זעה דוא מענשון גזלן איינור ביי דעם אנדרון אוז גאר שלעכט דעם ווס מען גזלות אום אובור דער ווס ער גזולת אוז אום גוט אובר דעם (קץ כל בשר בא לפני) דער סוף פון אלו בשעפנוש אוז גקומון פר מור איך זאל זייא פר דארבון וויא אזו (כי מלאה הארץ חמס) ווארום דוא ערד וועט ווערין פול מוט רוב זוא וועט נוט געבון פון זיך איר פרוכט וועלון זייא אלו פאר דארבון ווערון (מפניהם) דורך זייערו שלעכטו מעשים:

## ספר

(ויהי) אונ אז נח איז אלט גווארון פיר הונדרט צווייא אונ אכצוג יאר זענון אום גשטארבון אלו פרומו אונ גאטס פארכטיגו לייט אונ עס איז גאר אובור גבליבן מתושלח אונ נח האט גאט ב"ה געזאגט צוא

## של"ה הקדוש

(כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ) דען אלו בשעפנושן האבון אור וועג אוף דער וועלט פאר דארבון מור זעהן אז די גרעסטו עבירה פר וועלכו די גאנצו וועלט איז געשטרפט גווארון מוט דעם מבול אוז גוועזן גלוי עריות אונ דרובר דארף יעדור מענש זוך מיט דעם גרעסטון זהירות הוטון פון דער עבירה ר"ל אונ בטראכטון צו ווס דוא עבירה קען ברענגון אונ מוז זוך צורוק האלטון פון דער תאוה אפילו מוט זיין איינגנו פרוא אונ דוא פרויא מיט אור איינגנום מאן מען זאל זוך חלילה נוט אובור געבון צו דער תאוה יעדור מאן זאל מקדש זיין איין פרויא וועלכו פאסט פר אום אונ זאל מוט איר לעבון ווי עס דארף צו זיין אונ זיי זאלון נוט זיין וויא דוא בהמות ווארום אוף אזעלכו מענשון וועלכו זענון אובר געבון צו דער תאוה אונ זענון נוט מבחין זאגט דוא תורה (ארור שוכב עם בהמה) פר פלוכט אוז דער מענש וועלכור הט פור מוט אבהמה אונ דרובר שטייט אונ דער פרשה פון דעם מבול (מכל הבהמה הטהורה תקח לך שבעה איש ואשתו) פון יעדור ריינו פיה זאלסטו נעמון זיבון פאר מאן אונ פרויא דאס לשון אוז איינגנטליך קשה וויא פאסט מאן אונ פרויא ביי בהמות נאר דוא תורה וויל אונז לאזון הערון דם אונ יענור צייט זענון דוא מענשון גלייך גוועזן צו דוא בהמות. זייא האבון קיין קידושין גהאט אזו ווי דו בהמות אונ

## הישר

מתושלח אונ צו נח זיי זאלון גיין אונ אום רופון אונ אלו גאסון קערט אפ פון דוא שלעכטו מעשים אונ אז איר וועט אזו טון וועט זוך גאט ב"ה בדענקון אוף דעם שלעכטס ווס ער האט זאלון ברענגון אוף אייך

זיך גרוס דער מוט אונ ברימון זוך דער
מיט אונ דם אנדערי איז דער ארימאן
ווערט פר שעמט דער מוט דם ער זאגט
אום דאס יענר איז מקבל צדקה אונ
דרום האט שלמה המלך גזאגט (מתהלך
בתומו צדיק) דער וואס גייט אזו וויא
איין תם אונ האלט זוך נוט גרוס דער איז
איין צדיק אונ ער איז זוכה דאס זיינו
קינדר וועלין אוך אזו פרום זיין אזו ווי
ער אונ דרוף האט שלמה המלך גזאגט
(רב אדם יקרא וגו') פול מענשן זענין
וואס שרייאן אום די צדקה אונ דם וום
זייא טון אובר איין פרומן וואר האפטיגן
מאן ווער קען גפינון אונ דאס איז גוויסט
דאס דרייא מעלות זענון אונ דוא צדיקים
איינס איז ווען ער איז פרום הייסט ער
אצדיק אונ ווען ער איז נאך מער פרום
הייסט ער איין תמים אונ די דריטו מעלה
הייסט (התהלכות) דאס איז טייטש ער
גייט גאנץ אלו צייט מוט גאט אונ דוא
דרייא מעלות זענון גוועזן אונ נח דרום
זאגט דער פסוק (נח איש צדיק וגו')
נח איז גוועזן אצדיק מוט זיינו מעשים אונ
איז גוועזן (תמים) גאנץ מוט זיין הארצן
ער האט נוט גרעט אוף די מעשים פון
הקב"ה אונ איז גגאנגון מוט גאט אלו
צייט אונ דרום שטייט דרייא מאל נח
ווייל ער הט גזעהן די וועלט צום ערשטן
ווי זוא איז גוועזן גבויאוט מוט שטעט אונ
לייט אונ דער נאך האט ער ווידער
גזעהון דוא וועלט פאר וויסט אונ דאס
מבול אונ דאס דריטו מאל הט ער ווידר
גזעהן די וועלט ווידר גבויאט מוט שטעט
אונ לייט אונ דער פסוק זאגט (בדורותיו)
דאס איז טייטש ער איז גוועזן אצדיק אונ
זיינו דורות וואס זייא זענון אלו רשעים
גוועזן מכל שכן ווען ער וואלט גוועזן
צווישען פרימו לייט וואלט ער נאך
פרימר גוועזן אונ נאך אטייל חכמים זאגין
פר קערט דעם פשט אונ זיינו דורות איז
ער גרעכינט גוועזן פר אצדיק אובר אונ
דעם דור פון אברהם וואלט ער נוט
גרעכינט

## ספר הישר

עס זאל נוט זיין אונ גאט ב"ה הט אזו גזאגט . אוך
גיב איך צייט הונדרט אונ צוואנציג יאר . אוב אור
ווערט זוך אום קערון צו מור אונ ווערט פאר לאזון
אייער שלעכטון וועג . אונ אזו הט מתושלח אונ נח צו
זייא גזאגט אלו טאג אונ דער פרוה אונ פאר נאכט
אבור דוא מענשון האבון נוט גוואלט צו הערון אונ
זענון גוועזן הארט אקוק :

ויאמר אונ גאט זאגט צו נח נעם דור אווייב אונ
האב מיט אור קונדר דען אוך האב גזעהן אז דוא
בוסט פרום אונ דעם דור אונ דוא מיט דיין ווייב אונ
קינדר וועלון בלייבון לעבון אוף דער ערד אונ נח
גנאנגן אונ האט גנומון אווייב אונ ווא הייסט נעמה
אשאכטער פון חנוך . אונ נעמה איז אלט גוועזן פונוף
הונדרט אכציג יאר אונ נח איז אלט גוועזן פור הונדרט
ניין אונ ניינציג יאר בשעת ער הט גנומון נעמה פאר
אווייב אונ נעמה הט גווינון דרייא זון אונ נח הט
זיי אנאמון גגעבון שם חם ויפת . אונ דוא דרייא
קינדר זענון אוף גוואקסון אונ זענון גגאנגן אונ גאטס
וועג אזו וויא מתושלח אונ נח האבון זייא גלערנט
אין למך דער פאטור פון נח איז גשטארבון אונ דער
צייט אונ למך איז אלט גוועזן זובון הונדרט זובציג יאר
אונ נח איז דעמולט אלט גוועזן פונוף הונדרט פונוף
אונ ניינציג יאר :

ויהי אונ נאך דעם הט גאט גזאגט צו נח דר סוף
פון אלו מענשון איז גקומון צו פר מור . פון וועגן
זייערו שלעכטו מעשים אונ נון איך וויל זייא פאר
דארבון פון דער ערד אונ דוא נח נעם צו דור פומסן
האלץ אונ זאלסט נייך וויא דוא ווייסט אונ זאלסט דור
מאכון איין גרוסון קאסטון אונ אזו זאלסטו מאכון דם
קאסטון דרייא הונדרט איילון דוא לענג פופציג
איילון דוא ברייט אונ דרייסיג איילון דוא הייך אונ
זאלסט מאכון איין פור אונ דער זייט עס זאל אובון
זיין איין אייל די ברייט . אונ זאלסט זוא אום שמורון
פון אינוויינוג אונ פון אוסון וויינוג מיט פעך . ואני
אונ אוך וועל ברענגון אמבול עס זאל פר דארבון
אלדונג ווס עס איז אוף דער ערד . אונ דוא נח מוט
דיינו קינדר זאלט אור קומון אין דער תיבה ארייין
אונ איר זאלט איין זאמלון פון אלו בשעפוניש צווייא
אמאן אונ אווייב אונ זאלסט זייא ברענגון אונ דער
תיבה אריין כדי עס זאל זיין אגידעכונוש אוף דער
וועלט אונ אוך זאלסטו ברענגון מוט פון אלו עסון
ווארג כדי אור זאלט האבון צו עסון . אונ אוך דוא
הבהמות אונ חיות אונ עופות זאלון אוך האבון
צו עסון :

בעת אונ דער צייט איז גשטארבון מתושלח דער
זון פון חנוך אונ מתושלח איז אלט גוועזן נייך
הונדערט אונ זעכצוג יאר אונ נח הט אריין גבראכט
אונ דער תיבה פון אלו בשעפנוניש וואס עס איז

גרעכינט גוועז פאר אצדיק דען אברהם איז פרימער גוועז פון אום אונ די תורה זאגט אינז ווידר נח איז גוועז אצדיק אונ פון זיינע צדקות וועגן האט אום גאט מציל גוועז פון דעם מבול (ותמלא הארץ חמס) אונ די ערד איז פול גווארן מיט רובינג אלי לייט האבן גזילות גטון (כי השחית כל בשר) אלו בשעפניש האבן פר דארבן זייער וועג כלומר זייא זענין אינקיישר גוועז אונ זייא האבן אויך גדינט אפ געטר (כי מלאה הארץ חמס) דאס לאנד איז פול גווארן מיט גזלה אונ הקב"ה האט פון דער גזלה וועגן צוא גחתמות די גזירה ווייל דער שכל ברענגט מיט מען זאל ניט גזלון וועז שון די תורה וואלט עס ניט פר באטן אונ דאס מבול איז דרום גקומען ווייל די לייט האבן ניט גוואלט גלייבן דם גאט קען די וועלט בנייאן אונ האבן אויך ניט גוואלט גלייבן דאס גאט גיט אכטינג אויף דעם מענשן צו בצאלן אגוטן שכר צוא די צדיקים אונ אשלעכטן שכר צוא די רשעים דען זייא האבן גזאגט גאט איז אויף דעם הימעל אונ גיט ניט אכטינג איף די לייט עס איז אלם גלייך סיי איינר איז פרום אודר בייז דרום האט גאט גבראכט דאס מבול אונ נח הצדיק מיט זיינע קינדר זענין איבר גבליבן דם וויזט אינז דאס גאט בצאלט אגוטן שכר צו די צדיקים אונ איין בייזן שכר צו די רשעים (עשה לך תיבת עצי גופר) גאט האט גהייסן מאכן אגרויסן קאסטן אזו וויא אגרוסע שיף אויף דעם וואסער אונ האט גהייסן בקלעבן מיט פעך פון אינוויינג אונ פון אויסן ווייניג וויא וואל דם הקב"ה האט גקענט מציל זיין דם צדיק נח מיט זיינע קינדר אן דעם קאסטן נאר גאט האט דרום גהייסן בואן דעם קסטן הונדרט אונ צוואנציג יאר כדי די לייט זאלן פרעגן נח וואס מכסטו וועט ער זיי זאגן דם גאט וועט ברענגן איין מבול וועלן זייא אפשר תשובה טון דער בחיי שרייבט ווארום האט נח קיין תפלה ניט גטון די וועלט זאל ניט חרוב ווערן אזו ווי מור גופונן ביי אברהם ווי באלד גאט האט אום גזאגט דם ער וויל סדום אונ עמורה חרוב מאכן אזו האט אברהם ווי פול מאל תפלה גטואן אויף די רשעים גמורים אונ אויך אזו האבן גטואן אלו נביאים נייערט נח האט גזעהן דאס קיין צעהן צדיקים זעהן ניט דא אונ זיין דור דרום האט ער ניט גקענט תפלה טון אויף זיי זיי זאלן בלייבן לעבן אונ אזו אויך אברהם האט ביי סדום אונ עמורה ניט גבעטן אויף ווייניגר פון צעהן צדיקים. נאך אפשט איז דרום האט נח איף זיי קיין תפלה גטואין ווייל גאט האט זיי מתרה גוועז הונדרט אונ צוואנציג יאר זיי זאלן פרום זיין אונ זיי האבן ניט צו גהערט. דער תולדות יצחק שרייבט דם וואס נח האט קיין תפלה גטואין דען נח איז נאר גוועז גוט צוא לייט אובר ניט גאנץ גוט צו גאט דען ער האט ניט גגלייבט דאס גאט וועט ברענגן דאס מבול ער האט גטראכט גאט מאכט זיי נאר אמורא זייא זאלן פרום ווערן: (וזה אשר תעשה) גאט האט גהייסן גרוס מאכן די תיבה דריי הונדרט איילן הויך אונ אפענצטר צו לייכטין דריי בודים איינום איבר דעם אנדערן איז גוועז אונ די תיבה דער איבר שטר בודים איז גוועז פר מענשון דער אנדרר איז גוועז פאר בהמות חיות ועופות

שר"ה
דאדורך האבן זייא אויף זוך דאס מבול גבראכט:
י (ואני הנני מביא את המבול מים על הארץ לשחת כל בשר) אונ אויך וועל ברענגן דאס מבול נאסור אויף דער ערד אלו פלייש צו פר דארבן דער

הקדוש
זהר אוז מזהיר כמה פעמים אז יעדור מענש זאל זוך בשעת הדבר אונ אמגפה ר"ל הוטון ארום צו זיין פון דער ישוב כדי דער משחית זאל אום ניט זעהן אונ זאל אויף אום ניט קיין שליטה האבין. אונ דאס איז

ועופות דר דרוטר אוז גוועז מוסט אריין צו ווארפון: (והקימותי את בריתי אתך) גאט האט גזאגט צוא נח אוך וועל מיין שבועה מוט דור האלטון דס דו פירות אין תבואה זאלון נוט פאר פולט ווערון אין דר תיבה אונ דו רשעים זאלון דוך ניט דר שלאגון וועגון דער תיבה אונ דו זאלסט קומען מוט דיינו קונדר מוט דוא ווייבר אונ דער תיבה אונ נח האט גמוזט שפייז ברענגון אונ דער תיבה דאס אלו בשעפנוש זאלון גונוג האבון צוא עסון אין צו טרונקון (כי אותך ראיתי) גאט הט גזאגט צו נח דו אליין בוכסט אצדיק אין דעם דור דרום שטייט דא נוט (צדיק תמים) אזו ווי איבון צוא לערנון אונז דס מען זאל דעם מענשון אונ דיא אוגין נוט פול לובן אונ גאט הט גהייסן נעמון פון בהמות אונ עופות טהורים זיבין כדי צו ברענגון אקרבן פון זיי אונ די תורה הט אן גשרובין ביי דער בהמה (איש ואשתו) גלייך ווי ביי אמענשון ווייל זיי גווינון קונדר אזו ווי דו מענשון אובר ביי עופות האט דו תורה נאר גשרובין (זכר ונקבה) ווייל זיי טראגון נוט קיין קונדר ווי מענשון נאר זייא לייגון אייער אין פירין אוים פוגלון (כי לימים עוד שבעה) גאט הט גווארט מוט דעם מבול זיבין טעג כדי מען זאל רעכט אבילות נוהג זיין אובר מתושלח דעם צדיק וואס ער אוז גשטארבון אונ דר צייט. דו גמרא זאגט אלו בשעפנוש זענון גוועז אונ דר תיבה אונ ווי הט גקענט אוויזול טור זיין אונ דער תיבה זיא אוז זייער גרוס. דיא חכמים זאגון נח האט דו הערנר פון דר חיה צו גבונדין צו דר תיבה אוז זיא גגאנגון נעבון דער תיבה. פרעגט ווידר די גמרא רב חסדא הט גזאגט דו וואסר זענון גוועז היים ווי פייער ווי אוז דו וויזיל טיר נוט ווארון פר ברענט. ענפרט דו גמרא נעבון דער תיבה אוז דם וואסער קאלט גוועז דרום אוז עוג מלך הבשן אוך גגאנגן נעבון דר תיבה אונ אוז ניט ווארון פר ברענט (ומן הבהמה אשר איננה טהורה) דר פסוק זגט פון אבהמה דו נוט ריין אוז זאלכטו נעמון (איש ואשתו) די חכמים פרעגון ווארום האט דו תורה לאנג גרעד פון אבהמה וואס נוט ריין איז. דו תורה הט גזאלט קורץ ריידן פון אבהמה טמאה נאר דו תורה לערונט אונז דס מען זאל מוט דעם מול ניט ריידון ביין ווי מען קען ריידון גוטס דען דו תורה הט נוט גוואלט ריידון טמאה ווייל דס אוז אמיאוס לשון דרום זאגט זיא דו נוט ריין איז מכל שכן דר מענש זאל גווארונט זיין פון ריידון מוט זיין מול מיסע רייד דען ער אוז מטמא זיין נשמה מוט מיסע רייד (אנכי ממטיר על הארץ) דער רעגון אוז גוועז פערציג טעג אונ פערציג נעכט

מפני

### ספר הישר

גוועז אוף דער ערד אזעלכו בשעפונוש ווס זענון נוט ריין גוועז זענון גוועז צוויי אזכר אונ אנקבה אונ פון דו בשעפנוש ווס אוז יוא ריין גוועז הט ער גנומון זיבון אזו ווי גאט הט אום גבאטון אונ אלו בהמות אונ חיות אונ עופות וואס זענון גוועז אוף דער ערד האבון ארום גרונגולט דוא תיבה פון אלו זייטון. אונ נח אוז דעמולט אלט גוועז זעקס הונדרט יאר אונ עס האבון זוך גשפאלטן אלו קוואלון פון אפ גרונד אונ אלו פענצטר פון דעם הומול האבון זוך געפינט אונ עס הט גרענונט אוף דער ערד פערציג טאג אונ פערצוג נעכט אונ גאט ב"ה הט פר שלאסון דוא תיבה:

ויתקבצו אונ עס האבון זוך איין גזאמולט אלו

### של"ה הקדוש

מרומז אונ דעם פסוק אוך וועל ברענגון דאס מבול וואסור. דס מיינט מען דעם משחית וועלכור הייסט מבול וועל איך ברענגון אונ וואסר אונ דרוביר הט גאט גהייסון אז נח זאל אריין גיין אונ דער תיבה בכדי דער משחית זאל אום נוט זעהן אונ נוט מקטרג זיין אוף אום:

א (ויאמר ה' לנח בא אתה וגו' אל התבה) דר פון לערנון מור אמדת דרך ארץ אז קיין אורח דארף נוט אריין גיין אונ אשטוב דארטן איין צו שטיין אן דעם ווילון אונ אן דעם רשות פון דעם בעל הבית אונ נח הט גווארט אונ האט נוט גוואגט אליין אריין צו גיין אונ דער תיבה בוז וואנון הקב"ה דער איינגעטלובור בעל הבית פון דער תיבה האט אום

(מפני מי המבול) נח איז גגאנגון אונ דר תיבה וועגון גרוס וואסר דען נח הט אלין גמיינט דס גאט וועט נוט ברענגון דאס מבול אונ ער איז נוט אריין גגאנגון אין דער תיבה ביז דאס וואסר האט אום גנייט (באו אל נח) אלו בשעפנוש זענון אליין גקומין צו נח אונ וועלבין דוא תיבה הט איין גלאזט דער איז גבליבין. דר רעגון איז גגאנגון צום ערשטין מוט רחמנות כדי זייא זאלון תשובה טון דר נאך אז גאט הט גזעהן זייא טאן קיין תשובה נוט האט ער גשוקט פול רעגון פון היים וואסער אונ זייא זענון אלו פר ברענט גווארון: (בעצם היום) אונ דעם מיטין טאג איז נח אריין גגאנגון אונ דר תיבה דען די רשעים הבון גזאגט ווען נח וועט גיין אונ דר תיבה וועלון מור אום דר שלאגון ער מוז מיט אונז שטארבון. הט גאט גזאגט איך וועל אום אונ מיטען טאג אריין לאזון: (ויסגור יי בעדו) גאט הט בשוצט פר אום דאס וואסר אונ די רשעים הבון אום קיין שאדון נוט גיטין. אטייל חכמים זאגון גאט הט נוט גולאזט שיינון די זין אונ די לבנה אונ די שטערון די אלו צוועלוף חדשים נאר ווי האט נח גקענט זעהן אונ דער פונצטער גאט הט אום צו גשוקט איין אבן טוב ער האט גלייכט אזו וויא אגרוס לעכט אונ דוא רשעים האבון גזעהן דס זיי ווערון פאר לורין האבון זיי גוואלט אובר קערון דוא תיבה מוט נח האט גאט גישוקט לייבון אין בערון אונ אנדערו חיות האבען זייא גיטייט אלו רשעים אונ גאט הט פרור גלאזט טייטון אלו בהמות אונ חיות אונ עופות אונ דר נאך די מענשון אזו וואל וויא דער מענטש איז צום אונטרשטון ווארון בשפון אזו איז ער אוך גבליבון ביז צום אונטרשטון אונ גאט הט דם אלין גוטון כדי דר מענש זאל תשובה טון אונ ברכות זאגט די גמרא פר קערט רבי אמי זאגט דער מענטש איז צום אונטרשטון בשפון גווערון אובור אונ מבול איז ער פרור פר לורון גוורון אזו ווי אונ פסוק שטייט (וימח את כל היקום וגו.) שטייט פרור אדם אונ דר יך בהמה (חמש עשרה אמה מלמעלה) די וואסרון זענון צום ערשטון גוועזן גלייך מוט דוא בערג און דר נאך זענון די וואסרון גוועזן העבור אובור אלו בערג פופצעהן איילון: דא ווערין דר טראנקין אלו בשעפנוש אונ וואסער



כל אשר נשמת וגו.) פון דאנון לערנון מור אפ דם די נשמה גייט אום דורך דער נאז ווען דר מענש שטרבט אזו וואל וויא גאט הט גבלאזן די נשמה אונ דר

נאז

### שלי"ה הקדוש

גהייסון אריין גיין (כי אותך ראיתי צדיק לפני) דען דיך האב איך גזעהן פיר איין גרעכטון פר מור פון דעם פסוק לערנון מור אז מען דארף נוט אוף נעמון איין אורח אונ שטוב איידר מען ווייסט ווער ער איז אונ אוב מען דארף אום חושד זיין אונ נאך אמרת דרך ארץ לערנון מור פון דעם פסוק אז איין אורח ווס הט רשות אריין צו גיין אונ שטוב טאר נוט אריין ברענגון מוט זיך נאך אנדרו אורחים ביז ער זאל פר זייא באוונגדר רשות האבון אונ דרובר האט הקב"ה

### ספר הישר

שלעכטו מענשון מוט אנגדר איין ערך פון זובון מאל הונדרט טויזנט מענשון מענור אונ ווייבור אונ זייא קומון אלו צוא נח פר דער תיבה ויקראו אונ אלו מענשון האבון גרופון צו נח עפון אונז אוף די תיבה וועלון מור אריין גיין אונ דער תיבה אונ פר וואס זאלון מור שטארבן הט נח גענפרט צו זיי מוט אהוך קול פונדער תיבה אונ הט צו זייא גזאגט פר וואר איר הט ווידר גשפענגט אן גאט ב"ה אובור דעם האט גאט ב"ה אוף אייך גבראכט דם שלעכץ צו פר

נאז ביי אדם הראשון אזו אוך גייט זו ווידור ארום דורך דער נאז (מכל אשר בחרבה מתו) אליך וואס אוף דר טרוקונוש איז גוועזן זענון וואררן גטייט נאר די פיש אונ וסור זענון גבליבון דען זיי זענון אפ גלופון אונ דם ים אוקינוס וואס ער גייט ארום דר נצר וועלט (וישאר אך נח) נח איז איבור גבליבון אונ אליך וואס מוט אים אונ דר תיבה די חכמים זאגון עוג מלך הבשן איז גבליבון זוצון לעבון דער תיבה אויף אברעט אינטר דם דך פון דר תיבה אונ נח הט גמכט אלך אונ דר תיבה אונ הט צו עוג עסן גגעבון דען עוג הט גשוורון דם ער זאל זיינו קונדר קיין ביז נוט טון אונ דרום שטייט (אך נח) אך איז טייטש גמונרט דען אמל הט נח גזומט צו געבון עסון דם לייב איז גקומון דר לייב אונ הט אים גומונרט בלוט (ויגברו וגו׳.) די וסרון הבון זוך גשטרקט אונ גמערט הונדרט אונ פופצונ טעג (ויזכור אלהים) גאט הט גדענקט נח אונ די בהמות אונ חיות אונ הט שטול גמכט דם וואסור פרעגט דר רבינו בחיי ווארום זענון די עופות נוט גדענקט גווארן איז דר תירוץ די בהמות אונ חיות זענון ווארון בשאפון מוט דם מענשון אונ דם זעקסטון טאג דרום הט ער זיי גדענקט מוט דעם מענשון (ותנח התיבה וגו׳) דם איז טייטש זיבוצון טאג אונ חודש סיון הט די תיבה גרואט אוף די

ברג ארדט דר רמב״ן שרייבט צוסערשטון הט גרעגונט פערצוג טאג אונ אין דוא פערצוג טעג זענון די וואסור אלו טאג גרעסור גווארן ביז זיי זענון גווארן פופצון איילון העכור איבור אלו בערג אונ די קוואל ברונון אונ די פנצטר פון דם הומול זענון ווארון געפונט אונ די וואסור זענון אונ זייער שטרקייט גוועזן הונדרט אונ פופצונ טעג אונ דר נאך הט גאט גשוקט איין שטארקון ווינט אזו זענון ווארון פר שטפט די קוואל ברונון אונ די פענצטור פון דם הומול ווי די וואסור זענון ארום גגאנגון זענון ווארון צו גשלאסון אונ דוא תיבה איז גוועזן פיר איילון אונ וסור ביז ראש חודש תמוז דער נך הט מען גזעהן די שפיצון פון די בערג צעהן טאג אונ אב אזו הט נח געפינט דם פענצטר פון דער תיבה אונ נאך דריי וואכין הט ער גשוקט די טוב פון דר תיבה צו זעהון אז די ערד איז טריקון אונ נאך דרייסיג טאג הט נח אפ גיטון די דעק פון דר תיבה (וישלח את העורב) נח הט גשוקט די ראב צו זעהון אוב די וסור איז ווארון גמונרט הט דוא ראב נוט גוולט גיין זו הט גזגט מור זענון אין דער תיבה נושט מער נאר מאן אונ ווייב טמר וועל אוך ווערון פר לורון אזו וועט מיין גלייכון אונ דר וועלט נוט זיין אין נח הט אום נוט גוואלט ווידר ארין נעמון אונ דר תיבה ער הט גזאגט די ניצט נים

## ספר הישר

פילונון אייך אונ צוא פר ווישטון פון דוא ערד • ויען אונ נח ענפרט ווידור צו זיי פון דער תיבה אזו צו זאגון אצונד אז אור זעהט שון דוא צרות פון אייערו לייבור ווילט אור תשובה טון צוא גאט ב״ה ווארום האט אור נוט תשובה גטון אונ דוא הונדערט אונ צוואנצונ יאר אצונד ווערט אייך גאט אוך נוט צוא הערון אונ אור וועט נוט מצליח זיין מיט אייערו רייד (ויתפלל) אונ נח טוט תפלה צוא גאט אונ זאגט אוך בעטן דוך גאט העלף אונז דען מור האבון קיין כח נוט צו ליידון דם וואס הט אונז ארום גרונגולט אונ גאט הט צו גהערט דאס קול פון נח אונ גאט האט גמאכט איבור פארון איין ווינט אוף דער ערד איז די וואסר גשטולט גווארן אונ דוא תיבה הט שון גרואט

## של״ה הקדוש

גזאגט צו נח (בא אתה וכל ביתך אל התבה) דוא אונ דיין גאנצעס הויז :

ז (ויבא נח ובניו ואשתו ונשי בניו אתו אל התבה) אונ עס איז אריין גנאנגן נח אונ זיינו זין אונ זיין פרוי מוט דוא פרויען פון זיינו זין אונ דער תיבה דוא תורה דער ציילט אונז אז דוא מאנון זענון אריין גנאנגן בזונדר אונ דוא פרויען בזונדר צו ווייזון אונז לערנין אונז אז אונ אאונגליקס צייט דארף זוך דער מענש וואס איז אפילו נזוברט פון דער צרה קיין תענוגים אן טאן אונ קיין פר גנוגון נעמון אונ דארף אפילו פון זיין איינגו ווייב ווייט זיין בכדי ער זאל זוך מצער זיין מוט דעם צער פון כלל :

ניט אויף עסן אונ אויך ניט אויף אקרבן האט גאט גזאגט צו נח נעם אום אריין דעו. ער איז אן גבריית צו אשליחות אונ די טעג פון אליהו הנביא דען אליהו הנביא איז גוועזן פר בארגן פר אחאב מלך ישראל אין האט נוט גהט צו עסן הבין דוא ראבן אום גברכט פלייש אונ ברוט פון דעם הויז פון יהושפט מלך יהודה אונ דם אורט ווי ער איז גוועזן פר בורגן (וישלח את היונה מאתו) אונ ער האט גשיקט די טוב פון זיך פרעגט דער רבינו בחיי ווארום שטייט נוט ביי דר ראב (מאתו) דם ווייזט אונז דם די עופות טהורים זענן גוועזן מוט נח אונ זיי הדר אונ עופות טמאים זענן בזונדר גוועזן דרום שטייט נוט (מאתו) ביי דר ראב [illegible]ה עלי זית וגו'.) דוא טוב איז גקומן ווידר צו פליהן אונ האט גברכט אבלט פון אייל ביירט בום אונ איר מול איז קשה ווי האט די טוב איין בלט גנומן אלו ביימר אין דר וועלט זענן הך אום גריסן גוורין איז דר תירוץ אונ ארץ ישראל איז קיין רעגן נוט גגנגן נאר די וסרן פון אנדרי לגדר זענן אפ גלאפן אהין דרום זענן די ביימר פון ארץ ישראל נוט ווארן אום גריסן אונ אטייל חכמים זאגן זוא האט גבראכט איין בלאט פון דעם גן עדן נוא איז דאך ווידר קשה ווי האט נח גוויסט דם די וסרן זענן אפ גלאפן ווען דם בלאט איז גוועזן פון דעם גן עדן דארטן איז דאך קיין מבול נוט גוועזן שרייבט דער רמב"ן דוא טור פון דעם גן עדן איז גוועזן צו גשלאסן אז דאס מבול איז גוועזן כדי דיא וואסר זאלן נוט אריין לופן אונ גן עדן אונ אז דוא וואסרן זענן אפ גפלון האט מען געפינט די טור איז דוא טויב אריין גפלוגן אהין אונ האט גנומן דאס בלאט זו האט גקענט איין בעסר בלאט ברענגן נאר זו האט דרום גבראכט איין אייל בורט בלאט וואס בוטר איז צוא ווייזן דער מוט צו נח דם עס איז בעסר ציא עסן אבוטר בלאט פון גאטס האנד

איידער זיסו שפייז פון מענשענס הענד (יבשה הארץ) ווען שון די ערד איז גאנץ טריקן גוועזן איז דאך נח מוט זיין גזינד ניט ארום גגאנגן פון דער תיבה נח האט גזאגט גאט האט מיר גהייסן גיין אונ דר תיבה וועל איך אן זיין רשות נוט ארום גיין אונ דער ספר הישר שרייבט אז נח האט געפינט דאס פענסטר פון דר תיבה אזו האט גאט אום גבאטן דאס ער זאל ניט ארום גיין ביז צום יאר דרום איז נח ניט ארום גגאנגן פון דאנן האבן חנניה מישאל ועזריה זיך אפ גלערנט אז נבוכדנצר האט זיי גהייטן אריין ווארפן אונ קאליך אויבן איז דוא גריב פון דעם קאליך אובן גוועזן זייער טוף אונ גאט האט זיי איין נס גטון דם דוא גריב איז גווארן גלייך מוט דער ערד האבן זייא דאך נוט גוואלט ארום גיין אן רשות פון נבוכדנצר (צא מן התיבה וגו') אצינד האט הקב"ה גהייסן זייא זאלן זיך בהעפטן צו זייערו ווייבר דרום זאגט דר פסוק נח מוט זיין ווייב אונ די קונדר מוט זייערו ווייבר אובר אז זייא זענן גגאנגן אונ דער תיבה האט דער פסוק די מאנין בזונדר גזאגט אונ די ווייבר אויך בזונדר גזאגט דען אונ דער תיבה איז זייא פאר באטן גוועזן צו בהעפטן זיך צוא זייערו ווייבער אזו איך צוא אלו בשעפונש איז דאס פאר באטן גוועזן אונ דרייא זענן גוועזן וואס האבן זיך בהעפט אונ דער תיבה צו זייערו ווייבר דער ערשטער איז חם דער זון פון נח אובר הקב"ה האט אום גשטראפט דאס אלו קונדער וואס ווערין ארום קימן פון אום זאלן זיין שווארץ דאס זענן די מוארן דוא נארפן דער אנדרר וואס האט זיך בהעפט צוא זיין נקבה אונ דער תיבה דאס איז איין הינד אונ דער דריטר איז דער ראב וואס האט זיך בהעפט אונ דער תיבה צו זיין נקבה. אונ זייא זענן אויך גשטראפט גווארן (כי יצר לב האדם וגו') גאט האט גזאגט

איך וועל מער נוט שלאגן דעם מענשן מיט אמאל ווייל דער יצר הרע איז ביי דעם מענשן פון זיין יוגנט דען ווי באלד דר מענש ווערט געבורן אזו קומט דר יצר הרע צו אים אבער דער יצר טוב קומט ערשט ציא דעם מענשן צו דרייצן יאר דרום האט דער מענש גרוסי צרות פון דעם יצר הרע ווייל ער איז מיט אים גוואקסן פון זיין יוגנט אן אונ דער יצר טוב איז ביי אים אינאסט דרום קען דער יצר טוב נוט בשטיין אקעגן דעם יצר הרע (עוד כל ימי הארץ וגו') גאט האט גזאגט עס מיז זיין אצייט דס דער מענטש מוז אוף דער ערד זייען אונ שניידן קעלט אונ היץ זומור אונ ווינטער זאלן נוט פאר שטערט ווערן אונ אוך וועל נוט טייטן מער אלו די לייט מוט אמאל אזו ווי איך האב גטאן ביא דעם מבול אבער דאך וועלן עטליכו גבורן ווערן אונ עטליכו וועלן שטארבן דרום זאגט דער פסוק עס וועט זיין שנוט אונ זייאון כלומר די לייט וועלן גבורן ווערן אונ וועלן ווידר שטארבן אונ דורך וואס וועלן זיי שטארבן דורך קעלט אונ דורך היץ דרום זאגט דער פסוק (קור וחום) קעלט אונ היץ דען ווען דער זומור מוט דעם ווינטער צו שיידן זוך אזו קומן פול חלאים דרום פאסטן מור נאך סוכות אונ נאך פסח שני וחמישי שני ווייל דער זומר מוט ווינטער צוא שיידן זוך אזו ווערן דוא אוירים פר ענדערט פאסטן מור דם אלו שינוי אוירים זאלן אונז נוט שאדן טון דער תולדות יצחק שרייבט אזו מיינט דער פסוק גאט זאגט אוך וועל קיין מבול מער נוט ברענגן אבר אוך וועל די לייט שטראפן דורך קעלט אונ דורך היץ די היץ וועט פר ברענען די תבואה אודר אוך וועל מאכן אקעלט דאס דוא תבואה וועט נוט וואקסן (ואך את דמכם וגו') אונ דרום הט גאט דא גזאגט צו נח ווער פון איך עס וועט דר שלאגן ווערן וועל אוך פר שטיין אונ וועל דעם רוצח אנקמה טון ווייל גאט האט צו נח מתיר גוועזן צו עסן פלייש אונ צו אדם הראשון איז אסור גוועזן צו עסן פלייש אזו ווען נח וועט גאך יאגן חיות צו חאפן אונ צו עסן טאמר וועלן זיי אום דר שלאגן דרום האט יאט דא גזאגט ווער עס וועט איך דער שלאגן וועל אוך אונ אום איין נקמה טון עס סיי אמענש וום וועט דעם אנדערן מענשן דער שלאגן אונ עס סיי אחיה וואס וועט אמענשן דער שלאגן אונ דרום אוך מוז דער פסוק זאגן (ומוראכם וחתכם וגו') אייער פארכט וועט זיין איף אלו חיות (ויצא נח ובניו וגו') מען קען פרעגן גאט האט דאך גזאגט צו נח ער זאל ארוס גיין מוט זיין ווייב כלומר ער זאל זוך בהעפטן צוא זיין ווייב קונדר צו האבן אונ ווארום הט נח נוט גוואלט זוך בהעפטן צו זיין ווייב דען ער רעכינט דא נח מוט זיינו זון אונ די ווייבר רעכינט ער בזונדער אוז דער תירוץ פון דריי זאכן וועגן הט נח זוך נוט גוואלט בהעפטן צו זיין ווייב דאס ערשטו אוז ער הט מורא גהאט פר דעם מבול עס וועט ווידער קומן אוף זיינע קונדר דרום הט ער גזאגט צו וואס זאל איך מער קונדר האבן דרום האט גאט אום גשווירן ער וועט מער קיין מבול נוט ברענגן דאס אנדרו אוז נח הט זוך גפארכטן דוא חיות רעות וועלן זיינו קונדר טייטן ווייל דער מענש האט עבירות גטון פון אדם הראשון אן אונ ווייטער אזו האט די חיה רעה מאכט צו דער שלאגן דען זו זאגט אוך בון גלייך ווי דער מענש ווען ער וויל די תורה נוט האלטן דרום האט גאט גזאגט צו נח די דארפסט דוך נוט פרכטן פאר דוא חיות דען אוך וועל געבן אייער פארכט איף די חיות אונ דרום שטייט באלד (ויברך אלהים וגו') גאט האט גבענשט נח אונ זאגט צו אום פרוכפרט זוך אונ מערט זוך

כלומר פרבט איך נוכט פר די חיות אונ
בהעפט איך צו איערי ווייבר קונדר צו
האבן אונ דם דריטע איז נח הט גטריבט
זייני קונדר וועלין זיין בייז אונ וועלין
איינר דם אנדרן דר שלגן דרום הט גאט
גזגט (אך את דמכם וגו׳) ווען איינר וועט
דם אנדרון דר שלאגון אזו וועל איך דעם
רוצח דר שלאגון (מיד כל חיה אדרשנו)
ווען אחיה וועט אמענש דר שלאגון וועל
איך די חיה דר שלאגון פרעגט מען הט
דען די חיה שכל דאס מען זאל זי אום
ברענגון נייערט אזו איז דר פשט גאט
זאגט ווען אמענש וועט זיין חבר דער
שלגון וועל איך דם חברם בלוט פרשטון
פון אום דורך אחיה אוך וועל איך אום
שוקין אחיה רעה אונ זי וועט אום צוא
רייסון (מיד האדם וגו׳) מען קען פרעגן
אוף דעם פסוק וואס דארף ער צו זאגון
פון איין חיה אונ פון אמענשון אונ פון
איין ברודער נייערט דיא תורה לערונט
אונז דאס אונ פור ערליי אופנים ווערט
אמענש דר שלאגון איינם איז דער וואס
הרגות זוך אליין פאר צרות דרוף זאגט
דער פסוק (ואך את דמכם וגו׳) ווער עם
וועט זוך אליין דר שלגון וועל איך אום
שטראפון דאס אנדערי איז אמענטש
רייצט אן אוף זיין חבר איין בייזון הינד
אודר אחיה רעה אונ זיי דר שלאגון אום
דרוף זאגט דער פסוק (מיד כל חיה
אדרשנו) דאס איז טייטש ווער עם דער
שלאגט זיין חבר דורך איין חיה רעה
דעם וועל איך שטרפון דאס דריטע איז
איין מענטש שוקט זיין קנעכט צוא
הארגונין זיין חבר דרוף זאגט דער פסוק
(מיד אדם וגו׳) איז טייטש ווער עם וועט
הרגונין זיין חבר דורך איין שליח דם וועל

איך שטראפון דם פערדי איז איינער דר
שלגט אליין זיין חבר דרוף זאגט דר פסוק
(שופך דם האדם וגו׳) דאס איז טייטש
ווער עם פר גוסט אליין דם בלוט פון זיין
חבר וועט זיין בלוט פר גאסון ווערון:
דם איז דר צייכון וום גאט הט באוויזון דעם
רעגן בוגן:



(את קשתי נתתי בענן) גאט הט גזאגט צו
נח אוך גוב דור אצייכון אז אוך וועל
מיין שבועה האלטון אוך וועל מער דם
מבול נוט ברענגון אונ אז די לייט וועלון
שלעכט זיין וועל אוך לאזון רעגון גיין
אין וועל שטעלון ארעגון בוגון אוף דעם
הימל צו ווייזון זיי אור זענט ווערט אוך
זאל מוט איך מלחמה האלטון אונ זאל
לאזון גרוסע רעגון גיין צו דער טרונקן
איך נאר אוך וויל מיין שבועה האלטון
דרום שטייט דער רעגון בוגין מוט דוא
עקון ארויף דם ווייזט אז גאט האט שלום
מיט אונז אונ וויל אונז נוט שיסן אונ אז
גרוסי צדיקים זענון אונ דעם דור שטייט
קיין רעגון בוגין נוט ווייל די צדיקים זענון
מגין אוף דעם דור. דרום איז קיין רעגון
בוגין נוט גשטאנון אונ דוא טעג פון

חזקיהו

ספר הישר

אונ דער רעגון האט שון אוף געהערט (ויקרא) אונ נח
רייפט צו גאט ב״ה נאך מער אונ זאגט אוך בעט דוך
גאט צוה אום פון דעם פר שלוסונג אונזרי לייבור דען
איך בון שון זייער מוד פון זופצן (וישמע) אונ גאט

של״ה הקדוש

כא (וישת מן היין וישכר ויתגל בתוך אהלה) אונ
נח הט גטרונקן פון דעם וויין אונ האט זוך בערושט
אונ זוך אף גדעקט אונ זיין גצעלט דוא תורה דער
ציילט אונז דוא מעשה כדי מען זאל זוך אמוסר

חזקיהו המלך און פון רבי שמעון בן יוחאי און נוט דיא טעט פון רבי יהושע בן לוי (ויחל נח) נח הט געפלאנצט אויין גרטון דען ער הט מוט זוך גנומין ויין טרובין צו פלאנצון אויין גארטון דרום האט דוא תורה אן גשריבין דס פלאנצון פון הם ויין ביי דעם רעגון בוגין צו ווייזון ווי ארעגון בוגון ווייזט דם די לייט זענון ביז אזו אוך ווער עם וויל ויין טרונקן זאל וויסין דס פול ביין קומט פון פול טרונקון ער קען פון זיין חיות קומין ווי שלמה המלך הט גזאגט (למי אוי למי אבוי) צו וועמון אוז ויי צו דם וום טרונקט פול ויין און נוט דורא ויין אליין נאר אפילו אנדרו גוטראנק וואס מען ווערט שיכור פון זיי אוז אליץ אום גזונד דרום פלעגט מען פאר צייטון מוזין וואסר צו מישן צוא ויין ווען מען פלעגט וועלון בענשון אובר אבעכור ויין וייל זייער ויין אוז גווען זייער שטרק הט מען דער מוט גוויזון דאס עס אוז נוט ראוי אברכה צו מאכון אובר דעם ויין וייל פיל ביין קומט פון אום דרום זאגט דער פסוק (ויחל נח) נח אוז גווארון אום היילוג וייל ער האט פול ויין גטרונקן ווי וואל ער אוז גווען אצדיק ער האט מציל גווען דוא גאנצו וועלט מוט זיין פרומקייט דען פון אום איז דו גנצו וועלט ארום גקומין דאך וייל ער הט פול ויין גטרונקן הט ער זוך אוף גדערט און זיינו קונדר האבון זוך פר זינדוגט דער מיט און ער האט זיינו קונדער פר שלטון דורך דעם. דרום הט דו תורה אי גשריבין דרייצון ווין ביי דעם ויין צוא ווייזון אז דר מענש אוז ראוי צו קומן און גן עדן

פון זיין פרומקייט וועגון וום דר גן עדן אוז גטיילט אויף דרייצען טייכון פון גיטן בומל צוהין זוך און דעם גן עדן און דרייצון שטאפלון זענון און גן עדן וום צדיקים זיצן דרוף אבר ווען ער טרונקט פיל ויין ווערט ער פאר טרובין פון דוא דרייצון שטאפלון הער מדרש שרייבט אין דר צייט וום נח הט גוואלט פלאנצון דעם ויין גארטון הט אום בגעגונט אשד אין האט צו אום גזאגט מאך מוט מור חברותה צו פלנצון דעם ויין גארטון אבר דאך זיי גידהוט זלסט נוט פול ויין טרונקן דען אוך וועל דוך מזיק זיין דרום אז דער מענש אוז פר טרונקין מאכט אום דר שד גאר משוגע ער מוז פול ביין טון׳ רי חייא בר אבא זאגט דעם טאג הט נח גפלאנצט דעם ויין גארטון און אין דעם טאג הט ער פול ביין גטאן דורך דעם ויין ער אוז ווארון אום היילוג (ויתגל בתוך אהלה) ער האט זוך אוף גדעקט וועגון דעם ויין דרום שטייט (ויתגל) דם איז טייטש פר טרובין צו ווייזון דורך פול ויין טרונקין זענון זיינו קונדער ווארון פר טרובין און גלות דען דוא עשרת שבטים זענון ווארון פר טרובין פון ארץ ישראל וייל זיי הבון פול ויין גטרונקין אין דאבון דורך דעם פול ביין גטאן וויא אין פסוק שטייט (השותים במזרקי יין) אין שבט יהודה ובנימין זענון אוך ווארון פאר טרובון פון וועגון ויין (וירא חם אבי כנען) כנען דער זון פון חם הט גזעהן ווי נח ליגט אוף גדעקט האט ער גזאגט צוא זיין פאטר חם אוז חם גגאנגון און הט אוך גזעהן ווי זיין פאטר ליגט אוף

נדרעקט

ספר הישר

ב״ה הט צו גהערט דו רייד פון נח און זאגט צו אום אז דם יאר וועט דער פולט ווערון דרעמולט וועסטו ארום גיין (ויהי היום) און אז עם אוז גקומון דער טאג וואס גאט האט צוא זייא גזאגט אז זייא זאלון ארום גיין פון דער תיבה זענון זייא אלו ארום גגאנגן און אומלוכר אוז גגאנגן צוא זיין וועג און זיין ארט ׃

של״ה הקדוש

ארפאפ נעמון וויא ווייט מען דארף זיך הוטון פון שכרות פון נח וום אוז גוועזון אצדיק און אחכם און איז כבשל גווארון פון ויין טרונקן און דער מדרש זאגט בדרך רמז אז דרייצון מאל ויי שטייט און דר פרשה צו ווייזון וויא גרום דם אומגליק און דם ויי וום קומט ארום פון שכרות ׃

גדעקט הט ער דם גזאגט צו זיינו ברודר שם ויפת האבון זיי גושפעט פון זייער פאטר גאר שם הט באלד גנומין אקלייד אין האט צו גדעקט זיין פאטר אונ יפת הט דר נאך אויך גהאלפון זיין ברודר שם צו דעקון זיין פאטר דרום הט שם זוכה גוועזן דם זיינו קונדר זאלון מקבל זיין מצות ציצית וואס זענון אונ דוא קליידר. אונ יפת ווייל ער האט אויך גהאלפון צוא דעקון זיין פאטער דרום וועלון זיינו קונדער ווערון צו גדעקט מוט קבורה אונ דוא טעג פון גוג ומגוג דען גוג ומגוג וועט ארום קומון פון יפת אונ וועט מלחמה האלטון מוט די ישראל אונ דוא טעג פון משיח אונ ער וועט ווערון דר שלאגון דורך משיח וועט גאט אום בצאלון זיין שכר דם זיי וועלון קומון צו קבורה:

דאם אוז ווי שם ויפת האבון צו גדעקט זייער פאטערם שאנד:



פון דאנון לערנון מור ווען צוויי טון איין מצוה אונ איינר איילט זוך מער צוא טון די מצוה ווי"א דער אנדרר אוז ער מקבל אבעסורון שכר פון דעם אנדרן אזו ווי מיר גפונון ווייל שם האט זוך גאיילט צו בדעקון זיין פאטערם שאנד אונ יפת אוז ערשט דר נאך גקומון צו בדעקון האט שם אבעסורון שכר מקבל גוועזן ווי"א יפת אונ ווייל חם האט פר שעמט זיין פאטר אונ הט נוט צו גדעקט זיין שאנד דרום זענון זיינו קונדער וואורון פר שעמט אונ זענון גפאלון אונ דוא הענט פון מלך אשור אונ ער האט זיי"א גפורט נאקיט אויף גדעקט קעגון דוא לייט אונ אז נח איז וואורון אויף גוואכט פון זיין וויין אוז ער גוואר גווארון וואס חם האט גיטון דרום הט ער פר שלטין כנען דם פערדון זין פון חם ער זאל זיין אייבוג ארגעבט צוא זיינו ברידר נאך קען מען זאגון ווייל אז זיי זענון ארום גנאנגון פון דער תיבה הט גאט זיי געבענשט אונ חם אוז גוועזן אונ דר ברכה דרום האט נח אום אליין נוט גשאלטין נאר זיין זון כנען. רבי חייא זאגט די נארפון קומון דרום ארום פון חם ווייל חם אוז גלעגון ביי זיין ווייב אונ דער תיבה (ויחי נח אחר המבול) נח האט גלעבט נאך דעם מבול דרייא הינדרט אונ פופציג יאר דוא יארון פון נח זענון גוועזן ניין הינדרט פופציג יאר: (ואלה תולדות בני נח) אונ דער פרשה זענון ווארון גדאכט זיבצוג מאנון פון די קינדר פון נח פון די זענון ארום גקומון זיבציג לשונות דער פסוק רעכינט זיי כדי מען זאל וויסון פון וואנון אברהם אוז ארום גקימון ווארון ער אוז ארום גקומן פון שם. דר רמב"ן שרייבט די תורה הט אונז גוויזון דאם אברהם אוז איך גוועזן איינר ווס הט עדות גזאגט אז גאט אליין האט דוא וועלט בשאפון דען אברהם איז אלט גוועז אכט אונ פופציג יאר אז נח איז גשטארבון האט אברהם גרעט מוט נח אונ ער האט אום גזאגט פון זיין פאטור למך וועגון אז ער האט גזעהן אדם הראשו"ן ווס גאט האט אום בשאפון אונ דעם בשעפנוש פון דער וועלט אונ אברהם הט דאם גזאגט צו יצחק אונ צו יעקב אונ יצחק אונ יעקב די הבון גזעהן שם דעם זון פון נח וואס אוז גוועזן אונ דר תיבה הט ער זיי דער צוילט דוא מעשה פון דעם מבול אונ פון דער תיבה יעקב האט דאם ווייטר דער צילט זיינו קונדר

דרום דר ציילט דער פסוק די נעמן פון
שם אונ זיינו קונדער (הוא החל להיות
גבור בארץ) נמרוד איז גוועזן אגרוסער
רשע ער האט עצות געגעבן מורד צו זיין
אן גאט אונ דוא צייטן פון דור הפלגה
דרום ווען מען האט אויף איינעם גוואלט
זאגן דו ביסט ארשע פלעגט מען זאגן
דיא ביסט אזו ארשע וויא נמרוד (הוא
היה גבור ציד) ער איז גוועזן אשטרקר
יאגער ער פלעגט דוא לייט חאפן מוט
זיינו רייד מורד צו זיין אן גאט דער פרקי
רבי אליעזר שרייבט פון וועגן רבי יודא
דם העמד וואס גאט האט גמאכט צו אדם
הראשון דם הט נח מוט גינומן אונ דער
תיבה דער נאך האט ער דם העמד געגעבן
צו נמרוד אונ ווען נמרוד הט דאס העמד
אן גטאן זענן גיקומן אלו בהמות חיות
עופות אונ האבן זוך גביקט צו אום דען
אויף דעם העמד זענן גוועזן אוס גמאלט
אלו בהמות חיות עופות דרום האבן דוא
לייט גמיינט נמרוד איז אגרוסר גבור אונ
האבן אום פאר אמלך גמאכט אבר זיך
האט ער אן גהובן צו זאגן:

(דאס איז דער טארום פון דור הפלגה)



(הבה נבנה לנו עיר) לאמיר זוך בואן
אגרוסין טארום ביז אונ הימול אונ זייא
האבן אום אויף גיבואט זיבן אונ צוואנציג
מייל הויך שטאפלין זענן גוועזן צוא מזרח
אונ שטאפלון צו מערב אונ ווער עס האט



ציגעל ארויף גבראכט איז ער ארויף גגנגין
צוא מזרח אונ איז אראפ גגאנגען צוא
מערב כדי איינר זאל דעם אנדרון נוט
ענג מאכון צו גיין אונ ווען איינר איז
אראפ גפאלן אונ איז גהרגת גווארן הט
זייא נוט גהארט ווייל עס זענון פוהל
טוזונד מענשן גוועזן וואס האבון צוגול
גטראגן אבער ווען אצוגול איז אראפ
גפאלן האבון זיי זוך זייער מצער גוועזן
אונ האבון גוויינט אונ האבון גזאגט ווען
קען אנדרער צוגול אויף דעם אורט
ווידר קומון אונ זיי הבון גזאגט ווארום
וויל גאט זיין אונ הימול אמלך אונ מור
אויף דר ערד מור וולון ארויף גיין מלחמה
האלטון מוט אום אונ מור וועלון אובון
קונוגן אונ זיי האבון גשטעלט איין אפ
גאט אויף דעם טורום אונ האבון אום
געגבן אשווערד אונ דר האנד הט דו
יעלט גמיינט דו אפ גאט פורט מלחמה
מוט גאט. דער מדרש שרייבט דר דור
הפלגה איז דרום אזו שלעכט גוועזן ווייל
זיי זענון צו רייך גוועזן. רבי לוי זאגט
אונ דריי טעג הט איין אשה אקונד גהאט
דיא רבנן זאגון אונ איין טאג האבן זיי
אקונד גוהאט יאונ אין דעם טאג איז דם
קונד גגאנגען אונ האט שפל גהאט צו
גיין ווי מען הט אום גשוקט דרום זענון
דוא לייט פון מבול פאר לורון גווארון
אונ דו אנדרו לייט פון דור הפלגה ווס
האבן גבועט דעם טורום מורד צוא זיין
אין גאט דו זענון נוט פר לורון גוורון
ווייל דו לייט פון דעם מבול הבון גזילה
גטאן דרום זענון זייא פאר לורון גווארון
אובר דו לייט פון דור הפלגה הבון זוך
זייער לוב גהאט אונ שלום איז צווישון
זיי גוועזן דרום זענון זייא אובור גבליבן
רבי זאגט וויא גוט איז דער שלום דען
ווען אפילו ישראל דינון עבודה זרה אונ
האבון שלום צווישון זוך זאגט גאט אויך
קען זיי נוט טון דם דור הפלגה האט

גזאגט נאך טוזונד און זעקס הונדערט און זעקס און פופציג יאר ווערן דוא הומלן שלאף דרום מוזן מיר מאכן פור הוכו גמערטו זיילן אום צוגול אוף אוטלוכו זייט איין זייל דאס דער הומל זאל זוך אן לעהנין און זאל נוט אראפ פאלן און זיי האבן גזאגט מיר וועלן מאכן אטורום בוז און הימל און וועלן ארויף גיין און וולן גרוסו פענסטר אום האקן און הומול דאס דו וואסרן זאלן גאר און גאנצן ארום רונן כדי אז גאט זאל מער קיין מבול ברענגן.

רבי ירמיה זאגט דריא כתות זענן גווען איין כיתה הט גזאגט מיר וועלן ארויף גיין אוף דעם הימל און וועלן דורטן וואנן דוא כיתה האט גאט פאר שפרייט אוף דער גאנצער וועלט דו אנדרו כיתה הט גזגט מיר וועלן דרטן עבודה זרה דינן דוא כיתה הט גאט פר מושט זייערו רייד דו דרוטי כיתה האט גזאגט מיר וועלן מוט גאט מלחמה האלטן און הימל דו דאזוגי כיתה הט גאט פר פלוכט זייא זענן גווארן אפין און ים קעין און אלרליי שדים איז גוורין פון זיי רבי יוחנן זאגט פון דם טורום איז אדרוט חלק ורון פר ברענט און אדרוט חלק איז וואורן איין גזונקן און דר ערד און אדרוט חלק איז גבלובין שטיין (ונבלה שם שפתם) מיר וועלן צוא מישן זייערו רייד דער פרקי רבי אליעזר שרייבט גאט הט גזגט צו דו זיבצוג מלאכים וס גיין ארום דעם כסא הכבוד לאמור גיין אראפ און לאמר צו מושין זייערו רייד אוף זיבצוג לשונות איין גאט האט גורל גווארפן מוט דוא מלאכים איז איטלוכן זיין גורל גפלון איין אומה און גאטס גורל איז גפאלן אויף אברהם און אוף זיינו קונדר אזו ווי און פסוק שטייט (כי חלק יי עמו יעקב חבל נחלתו) און ווייל זיי האבן איין עבירה גיטון מוט זייערו רייד דם זיי הבון גזאגט מיר וועלן בואן איין טורום דרום האט גאט זיי גשטראפט און האט זיי צו מושט זייערו רייד דען בוז דם דור הפלגה הבון אלו גרעט לשון הקודש דען דו וועלט איז ווארן בשאפן מוט לשון הקודש און ווי גאט האט צו מישט זייערו רייד אזו ווען איינר הט דעם אנדרן גהייסן ברענגן אהאק הט ער אום גבראכט איין אנדרו זאך דען ער הט נוט פר שטאנן וס ער זאגט און דרום האבן זיי דם טורום נוט גקענט בואן (לא יבצר מהם) דאס איז טייטש עס איז גאר נוט גמונרט פון זייא דען זיי האבן גרום מזל גהאט צום בואן דרום הט זיי גאט פר שפרייט אזו ווי און פסוק שטייט (ויפץ יי אותם) רבי נחמיה זאגט גאט הט אלו לענדר גבראכט קיין בבל און אוטליכם לגד הט איין גשלונגין זיין אומה דו רבנן זאגן גאט הט אוף זיי גמאכט אום גיסן דם ים און ער הט זיי דער טרענקט נייארט דרייסוג משפחות הט גאט גלזט לעבן (אלה תולדות שם) ווארום שטייט גשרובן ביי דו לייט ווי לאנג זיי האבן גלעבט און הבון גווינון זין און טעכטר און שטייט נוט גשרובין דם זיי זענן גשטרבון אזו ווי עס שטייט גשרובן פון אדם הראשון בוז נח איז דר תירוץ ווייל פון שם איז ארום גקומן בית דוד און משיח וס ער וועט איבוג לעבן אזו ווי און פסוק שטייט (חיים שאל ממך נתתה לו אורך ימים עולם ועד) און ווידר עס שטייט דרום קיין מיתה נוט ביי נח מיט זיינו קונדר ווייל דו וועלט איז פון זיי וורן גבואוט אובר דו דורות פון אדם ביז נח דו זענן אלו פר לורן גווארן און מבול און ווידר דו דורות פון אדם בוז נח די הבון זייער לאנג גלעבט דרום שטייט ביי זיי גשרובן וימת כלומר זיי האבן גנוג גלעבט אובר דו דורות פון נח אן האבן נוט לאנג גלעבט דרום שטייט ביי זיי נוט גשרובן דם זיי זענן גשטארבן (וימת הרן על פני תרח אביו בארץ מולדתו באור כשדים) הרן איז גשטרבן

פַאר זַיין פָאטֶר תֶּרַח אונ דֶעם אוּר אוּר כַּשְׂדִים דֶר פָּסוּק לֶערְנְט אוּנְז דָם אַבְרָהָם הָט זוּך מוֹסֵר נֶפֶשׁ גִוֶועֶן פוּן גָאטְס וֶועגוּן דְרוּם הָט עֶר זוֹכֶה גִוֶועֶן דָם גָאט הָט מוּט אוּם גְרֶעט אוּנ ווִי זָאל גָאט רֵיידוּן מוּט אַבְרָהָם אוּנ זָאל נוּט לָאזוּן ווִיסוּן וָואס אַבְרָהָם אוּז גִוֶועֶן פַר אַצַדִיק דְרוּם לָאזְט אוּנְז דֶר פָּסוּק ווִיסוּן דָאס אַבְרָהָם הָט זוּך גְלָאזְט וַארְפוּן אוּנ פַייאֶר פוּן גָאטְס וֶועגוּן דֶען זַיין פָטֶר תֶּרַח הָט פַר קוֹפְט אָפּ גֶעטֶר אִין הָט גֶזֶעצְט אַבְרָהָם עֶר זָאל אוּם פַאר קוֹפוּן דוּ אָפּ גֶעטֶר אוּנ וֶוען אֵיינֶר אוּז גְקוּמִין קוֹפוּן אֵיין אָפּ גָאט אַזוּ הָט אַבְרָהָם אוּם גְפְרֶעגְט ווִי אַלְט בּוּסְטוּ הָט עֶר אוּם גֶעֶנְפֶרְט פוּפְצִיג אוֹדֶר זֶעכְצוּג יָאר אַזוּ הָאט אַבְרָהָם צוּא אוּם גְזָאגְט ווֵיי צוּ דוּר דִיא בּוּסְט אַלְט זֶעכְצוּג יָאר אוּנ ווִילְסְט דִיךְ בּוּקוּן צוּ אֵיינֶם וָואס אוּז אֵיין טָאג אַלְט דֶען דוּ אָפּ גָאט אוּז עֶרְשְׁט הַיינְט גְמַכְט גְוָורוּן אַזוּ אוּז יֶענוּר אַוֶועק גְגַאנְגוּן בְּחֶרְפָּה אַמָאל אוּז אֵיין אִשָּׁה גֶקוּמִין אוּנ הָאט גְבְּרַכְט אֵיין שִׁיסוּל מוּט זֶעמוּל מֶעל אַקָרְבָּן צוּ דוּא אָפּ גֶעטוּר הָאט אַבְרָהָם גְנוּמוּן דוּ שִׁיסוּל מוּט זֶעמוּל מֶעל אוּנ הָט זִיא גְשְׁטֶעלְט פַר דוּא אָפּ גֶעטוּר אוּנ הָט גְנוּמוּן אַגְרוּסוּן שְׁטֶעקוּן אוּנ הָאט צוּא בְּרָאכוּן אַלוּ אָפּ גֶעטוּר נָאר אַגְרוּסוּן אָפּ גָאט הָאט עֶר גְלָאזְט שְׁטֵיין אוּנ הָט אוּם גְגֶעבּוּן דֶעם שְׁטֶעקוּן אוּנ דֶער הַאנְד אַזוּ אִיז תֶּרַח גֶקוּמִין אוּנ הָט גְזָגְט צוּ אַבְרָהָם וֶוער הָט דָם גִיטוּן הָט אַבְרָהָם גְזָאגְט אֵיין אִשָּׁה הָט גְבְּרַכְט זֶעמוּל מֶעל פַר אַקָרְבָּן אַזוּ הָאבּוּן זוּךְ דוּ אָפּ גֶעטוּר מוּט אַנַנְדֶר גְקְרוּגְט אִיטְלוּכֶר הָט גְוָולְט פְרוּעֶר עֶסוּן אַזוּ הָט דֶר גְרֶעסְטֶר אָפּ גָאט גְנוּמִין אֵיין שְׁטֶעקוּן אוּנ הָט זֵיי אַלוּ צוּ בְּרָאכוּן הָאט תֶּרַח גְזָאגְט צוּ אַבְרָהָם הָבּוּן זֵיי דֶען שֵׂכֶל אוֹדֶר הָאבּוּן זֵייא דֶען חַיוֹת אוּנ זוּךְ הָאט אַבְרָהָם גֶזָאגְט אַז זֵיי הָאבּוּן יוֹא קֵיין שֵׂכֶל נִיט וָוארוּם זָאלוּן מִיר זֵיי דִינוּן הָט תֶּרַח אוּם גְנוּמִין אוּנ הָט אוּם גְגֶעבּוּן צוּ נִמְרוֹד

אִין דֶר הַאנְד הָט נִמְרוֹד גְזָגְט צוּ אַבְרָהָם ווִילְסְטוּ דוּךְ בִּיקוּן צוּ דֶם פַייאֶר אוּז גוּט אִין וֶוען נוּט וֶועל אוּךְ דוּךְ הֵייסוּן אַרַיין וַארְפוּן אוּנ דֶעם פַייאֶר אוּז הָרָן דֶער בַּיי גְשְׁטַאנוּן אוּנ הָט זוּךְ גְטְרַאכְט אוּךְ וֶועל זֶעהְן וֶועט אַבְרָהָם נִיצוֹל וֶוערוּן פוּן דֶעם פַייאֶר וֶועל אוּךְ זָאגוּן אוּךְ דוּן דֶעם גָאט פוּן אַבְרָהָם אוּנ וֶוען נוּט וֶועל אוּךְ דִינוּן וָום נִמְרוֹד דוּנְט אוּנ אַז אַבְרָהָם אוּז אַרוּים גְגַאנְגוּן גַאנְץ פוּן דָעם פַייאֶר הָט מֶען גְפְרֶעגְט הָרָן וֶועמוּן דִינְסְטוּ הָט עֶר גְזָאגְט דֶם גָאט פוּן אַבְרָהָם הָט מֶען אוּם אוּנ דֶם פַייאֶר אַרַיין גְוָוארְפוּן זֶענוּן אוּם זַיינוּ גֶדֶערוּם וָוארוּן אַנְגַשְׁרִימְפוּן אוּנ עֶר אוּז גְשְׁטָרְבּוּן אַזוּ אוּז אֵיין מַלְאָךְ גוּקוּמוּן אוּנ הָט אוּם אַרוּם גְוָוארְפוּן פוּן דֶם פַייאֶר פַר זַיין פָאטֶר תֶּרַח דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק (וַיָּמָת הָרָן עַל פְּנֵי תֶּרַח אָבִיו) הָרָן אוּז גְשְׁטָרְבּוּן אוּבֶּר זַיין פָאטֶר תֶּרַח דֶען וֶוען תֶּרַח וָואלְט נוּט גֶקְלָאגְט פַר נִמְרוֹד אוּף אַבְרָהָם וָואלְט הָרָן נוּט גְוָוארְפוּן גְוָוארוּן אוּנ פַייאֶר אַרַיין פוּן דַאנוּן לֶערוּנְט מֶען אָפּ דָאס אַמֶענְשׁ זָאל זוּךְ נוּט פַר לָאזוּן אוּף אֵיין נֵס נַייאֶרְט וֶוען עֶר ווִיל זוּךְ לָאזוּן אוּם בְּרֶענְגוּן פוּן גָאטְס וֶועגוּן זָאל עֶר נוּט טְרַכְטֶן דָם גָאט וֶועט אוּם אֵיין נֵס טוּן דֶען וֶוען עֶר פַר לָאזְט זוּךְ אוּף אֵיין נֵס אַזוּ גוּט עֶר נוּט גֶערוּן זַיין גוּף צוּ גָאט דְרוּם טוּט אוּם גָאט קֵיין נֵס נִיט אַזוּ ווִי מוּר גְפוּנוּן בַּיי הָרָן ווַייל עֶר הָט גְזֶעהְן דָם צוּ אַבְרָהָם אוּז אֵיין נֵס גְשֶׁעהְן אַזוּ הָט עֶר זוּךְ גְלָאזְט וַארְפוּן אוּנ פַייאֶר דְרוּם הָט אוּם גָאט קֵיין נֵס גְטוּן דְרוּךְ הָאבּוּן דוּ חֲכָמִים גְזָאגְט אֵין סוֹמְכִין עַל הַנֵּס מֶען זָאל זוּךְ נוּט פַאר לָזוּן אוּף אֵיין נֵס (וַתְּהִי שָׂרָה עֲקָרָה וגו׳) אִיז קָשֶׁה אַז שָׂרָה אוּז גִוֶועֶן אֵיין עֲקָרָה ווֵייסְט מֶען דָאךְ וואל זוּ הָט קֵיין קִינְדֶער גְהַאט וָואס דַארְף נָאךְ שְׁטֵיין אֵין לָהּ וָלָד אִיז דֶער תִּירוּץ עֶס זֶענוּן דָא פוּל ווַייבֶּר וָום קֶענוּן קֵיין קוּנְד נוּט גְווִינוּן אוּנ יָאךְ

פיל יארון האבון זייא יוא קונדר דרום זאגט דער פסוק שרה הט נוט גקענט גווינון אפילו נאך פיל יארון דרום הט אברהם אונ שרה גמכט זוך איין מסקנא זיי זאלון ארום גיין פון זייער לאנד צו גיין אונ לאנד כנען וואס דאס אוז איין היילוג לאנד טאמער וועלון זייא דארטון זוכה זיין קונדר צו האבון אונ דאס אוז גוויסט דם אברהם אוז גוועזן דער עיקר אונ דער האר אפילו איבור זיין פאטרם הוז גזונד אונ ווי אברהם הט אן גהובן גיין אונ לאנד כנען זענון זייא אום אלו נאך גגאנגון נאר אברהם הט מכבד גוועזן זיין פאטר תרח אונ הט אום גמכט איין האר אפילו איבר זוך דרום שטייט (ויקח תרח את אברם בנו ואת לוט בן הרן) תרח הט גנומון אברם מוט זיין גאנץ הוז גזונד צו גיין אונ לאנד כנען (וימת תרח בחרן) אונ תרח אוז גשטארבון אונ חרן אוז דא צו פרעגין וורום הט די תורה נוט אן גשריבון ביי די קונדר פון שם בוז אהר דם זיי זענון גשטרבן נייארט ביי תרח הט זו גשריבון די מיתה די חכמים זאגון אתירוץ די תורה הט גמיזט אן שרייבון דם ער אוז גשטרבון כדי די לייט זאלון נוט זאגון אברהם אוז אוועק גגאנגן פון זיין לאנד פון פאטר אונ מוטרם גבורד אונ הט זייא פר לאזט ווי עס שטייט (לך לך מארצך וממולדתך) גיי אוועק פון דיין לאנד אונ פון דיין משפחה אונ ווי שוקט זוך דם אברהם זאל נוט מכבד זיין דם פאטר אונ זאל אום אוועק וורפון דרום האט דער פסוק פרויר גשריבון (וימת תרח) תרח אוז גשטרבון אונ באלד דר נאך שטייט (לך לך מארצך וממולדתך) אונ דרום רופט אום דר פסוק וימת וייל ארשע הייסט ביים לעבון אמת אונ ווען שוין גאט הט גזאגט צו אברהם (ואתה תבוא אל אבותיך בשלום) דוא וועסט קומון נאך דיין טוט צוא דיינו עלטורון מוט שלום דרונגון דער פון אונזרו חכמים דם תרח הט אחלק לעולם הבא אוז דר תירוץ תרח האט גנאסון דם זכות פון זיין זון אברהם דאס ער אוז גקומון אונ גן עדן דא הט די פרי מציל גוועזן דעם בום כלומר אברהם אוז גוועזן דיא פרי פון תרח אונ תרח אוז גוועזן דר בום דר מדרש לערונט אפ פון דאנון דם אלו העלצר זענון כשר גוועזן צום מזבח צום פייאר אום גנומון העלצר פון איי"ל בור בום פון ווין שטאק דוא האט מען נוט גדרפט ברענגון צום פייער אונ צום מזבח וייל מען האט גהאט בומול אונ ב"ד אונ אוך ווין צום מזבח דרום הבון דיא צוויי פירות מציל גוועזן אוף זייערו ביימר פון דם פייער אזו וואל ווי אברהם אוז גוועזן דוא פרי פון תרח אונ האט מציל גוועזן תרח פון דעם פייער פון דעם גיהנם אונ די חכמים האבון גזאגט ברא מזכה אבא ואין אבא מזכה ברא דאס אוז טייטש אזון אוז מציל זיין פאטר פון דעם גיהנם אובר אפטר אוז נוט מציל זיין זון פון דם גיהנם אזו ווי דר פסוק זאגט (ואין מידי מציל) כלומר אברהם הט נוט מציל גוועזן זיין בייזון זון ישמעאל:

## הפטרת נח

(רני עקרה לא ילדה) דער נביא זאגט זינג די שטאט ירושלים וום די בוסט גלייך גוועזאינ גלות ווי איין אשה איין אום טרכטרן וום זו הט קיין קונדער נוט גווינון אונ עס אוז אור

**נופת**

כי מי נח זאת לי (ישעיה נ"ד) דאס טייטש דען דוא וואסער פון נח אוז דוא דאזיגו צו מור ר' יוסי פרענט איב דער ווארט זאת גייט אוף דיא וואסער גהער דאך צו שטיין הם (זייא לשון רבים) אונ אוב

**צופים**

אוף דוא אומה ישראל גהער דאך צו שטיין את דו אלא דאס ווארט זאת אוז ארמז אוף איין שם הקודש אז דער פסוק זאגט ואני זאת בריתי אותם אונ נאך דעם מבול שטייט זאת אות הברית יגוי את קשתי

איר נוט אן גקומן קיין קראנקייט פון ווייאון
ווייל זו הט קיין קונד גטראגון אונ איר בוך
זינג דען אצונד וועלון פול קונדר זיין אונ דר
שטאט וס זו איז גוועזן פר וויסט אונ גלות
דען ירושלים איז גוועזן גלייך ווי איין אלמנה
חיה ווס איר מאן לעבט (הרחיבי מקום אהלך)
דער נביא זאגט צו ירושלים מאך ברייט דם
אורט פון דיין גצעלט פון וועגון דיינע פול
קונדר אונ איך אנדרו שטעט פון ארץ ישראל
די זאלון גרוס אונ ברייט אום צוהון די אום
העננון פון זייער גצעלט אונ דר לענגר דיינו
שטריק אונ דו נעגול פון דעם גצעלט טוא
שטארקון (כי ימין ושמאל תפרוצי) דען דוא
וועסט דוך שטארקון אוף דר רעכטר זייט אונ
אוף דר לונקר זייט אונ אוך אוף אנדרו זייטן
אין דיינו קינדר וועלון ירשונון ארץ ישראל
אין וועלון בזעצון דו שטעט ווס זענון גוועזן
פאר וויסט (אל תיראי כי לא תבושי) האב קיין
מורא נוט דען דוא וועסט אייבוג שון נוט
מעהר פאר שעמט ווערון דוא וועסט האבון
אזו פול גוטס דס דוא וועסט פר געסון דוא
חרפות ווס דו האסט גהאט אונ דו חרפה פון
דיין אלמנה שאפט וועסטו שון נוט מעהר
גדענקון (כי בועליך עושיך) ווייל דיין מאן
דיין בשעפר איז יי צבאות זיין נאמן אונ דיין
אוס לייזר דער היילוגר פון ישראל דר גאט
פון דער גאנצר וועלט וועט ער ווערון גרופן
זאגט דער נביא דוא בוסט נוט אזו ווי איין
אשה וואס איר מאן איז גשטארבון (כי כאשה
עזובה) גייערט ווי איין אשה איין פר לאזונע
ווס איר מאן צערונט אוף איר אונ פאר לאזט
זיא אווייל אונ קערט זוך ווידר אום צו איר
אזו האט דוך גאט גרופען (ואשת נעורים כי
תמאס) אונ גלייך וויא איין ווייב וואס מען
הט פון דר יוגינט ווען זוא ווערט נמאס אוף
איר מאן אזו גדענקט ער זוא באלד אונ דער
בארומט זוך אובער איר (ברגע קטן עזבתיך)
ווייל דיר וועט פול טובות ווערון גגעבון אונ
דיא טעג פון משיח וועט זוך דיר דאכטן אז
דאס גלות איז נאר ווי איין אוגון בלוק דען
מיט גרוס רחמנות וועסטו זיין דער לייזט
(בשצף קצף הסתרתי) מוט ויינוג צארון האב
איך

נופת

נתתי בענן אונ דער פשט איז אזו כי מי נח זאת לי
ווייל נח הט נוט מתפלל גוועזן אונ אויסער דעם איז
זיין זכות נוט גוועזן אזו גרוס דאס ער זאל קענון זיין
דער מגין הדור אנטקעגון מבול דרום איז נייטוג
גוועזן עס זאל נתגלה ווערון דער שם זאת דאס דורך
אום זאל אפ גהאלטן ווערון דער מבול אונ דם איז
דער סוד פון דעם רעגון בויגן דרום אונ רי שמעון
בן יוחאי צייטון איז נוט גזעהן גווארון קיין רעגין
בויגון ווייל ער איז גוועזן דער מגין הדור אונ מוט
תפלה פלעגט ער מבטל זיין אלו גזירות ווי דוד המלך
ע"ה הט גזאגט מושל באדם צדיק מושל יראת אלהים
דאס טייטש הקדוש ב"ה איז אמושל אוף אמענטשין
אונ דער צדיק געוועלטוגט אובר דו גזרה פון הקב"ה
כביכול היינו ער איז מבטל דוא גזרות פון הומיל.
וויא עס וואר גשעהן דוא מעשה מוט רי שמעון בן
יוחאי דם ער איז אמאל גזעסן בייא דעם טויער פון
דוא שטאט לוד הט ער דער זעהין דוא זון טוקט זוך
ארונטער דרייא מאל נאך אנאנד נאך דעם איז ווא
גווארון פונצטער אונ אין איר מוטון האט זוך גזעהן
שווארצו געלו פלעקון. זאגט ער צו זיין זון רי
אלעזר קום מוט מיר אונ זייא גטרייסט דען עס איז
דא אגזר אונ הומל אונ עס איז נאך דא צייט דר ייסוג
טעג אונ הקדוש ב"ה איז מור דאס ראמוט מודיע
וואראום ער טוט נוט אפ קיין שום זאך וויא ער זאגט
נוט אן פריער זיינו צדיקים וויא דער נביא זאגט כי
לא יעשה יי אלהים דבר כי אם גלה סודו אל עבדיו

צופים

הנביאים גייענדונ זענון זייא ארייך אונ אנויין נארטון
האבון זייא דער זעהן אשלאנג דאס ער האלט אפון
דם מול אונ שאפעט אונ לאזט גיפט אונ דער ערד.
הט רי שמעון אום גטאן אקלאפ אובערון קאפ איז ער
גווארון שטול אונ האט גשאקעלט מוטון צונג. האט
זיך רי שמעון אן גרופון שלאנג שלאנג גייא אונ זאג
דעם אייבערשטין שלאנג היינו דעם שטן אז רי שמעון
בן יוחאי גפונט זוך אוף דער וועלט האט דער שלאנג
תיכף ארויין גרוקט דם קאפ אונ איין נארו זאגט רי
שמעון אוך בון גוזר אזו נוט וויא דער אונטרשטער
שלאנג האט זוך אום גקערט אונ דוא לאך פון ערד
אזו איך זאל דער אייבערשטר שלאנג זוך אום קערון
אונ דוא לאך פון טופון אפ גרונד. דער ווייל האט
ער זוך גשטעלט מתפלל זיין. אונ מוטון דער תפלה
האבון זייא דער הערט שרייענדונג דוא ווערטר פוטקרי
דקיטפא עולו לאתריכו אור הויפט לייט פון פורעניות
נייט צורוק אוף אייער ארט דען דוא מקטרגים וועלון
שון מער נוט וויירקען ווארום רי שמעון בן יוחאי הט
זייא מבטל גוועזון. וואול צו דור רי שמעון דאס
דיין האר פאר לאנגט צו געבון דור מער כבוד פון
אלעמון דען בייא משה רבינו ע"ה איז גשריבון ויחל
משה דאס הייסט ער האט באקומון איין ווייטאג
איידער ער האט אום גבעטון בייא השי"ת אז ער
זאל מבטל זיין דיא גזרה פון חטא העגל דען ויחל
איז לשון חיל ווייטאג אונ אז דוא רי שמעון בוסט
עטוואס גוזר איז הקדוש ב"ה באלד מקיים ארער

איך איין אוגין בלוק פר בארגין מיין פנים פון דיר אונ מיט איין אייביגין חסד האב איך מיך איבער דיר דער בארימט אזו זאגט גאט דיין דער לייזר (כי מי נח זאת לי) דען אזו ווי דאס וואסר פון נח אזו איך אזו דם גלות אזו וויא איך האב גשווארין איך זאל מעהר קיין מבול ניט ברענגין אוף דער וועלט אזו איך האב איך גשווארין איך זאל מער ניט צערנין אוף דיר ישראל אונ זאל מער ניט אן שרייאן אוף דיר (כי ההרים ימושו והגבעות תמוטינה) דוא בערג

נופת

ווען ער איז וואס עס איז גוזר קענסטו מבטל זיין באלד הט דוא זון ווידער אן גהובין צו שיינין אונ דער שווארצער פלעק איז שון מער ניט גזעהן. הט זיך ר' שמעון אן גרופין דם בעטייט אז אוף דוא

וועלין אפ גטין ווערין אונ די הייך וועלין צו גיין אבר מיין שבועה וועט אייביג בלייבין אזו זאגט גאט דיין דער בארמיגער. אונ סנהדרין זאגט די גמרא רב יודא זאגט צו זיין זון רב יצחק אמענש הט ניט קיין נחת רוח נאר פון זיין ערשטע ווייב אבר ניט פון דר אנדרר דרום זאגט דר פסוק (כי בועליך עושיך) רב שמואל זאגט פון וועגין רב איין אשה הט ניט קיין נאכץ גטריי הארץ נאר צו דעם מאן ווס הט זיא גנומען אז זוא איז גוועזן איין בתולה:

צופים

וועלט איז שון דא אפריילובקיים אז ער איז גקומין צוריק אהיים האט ער מגלה גוועזן גרוסי סודות אונ דעם פסוק כי צדיק יי' צדקות אהב ישר יחזו פנימו וועלכי עם זענין שייך צו דעם ענין:

# פרשת לך

לך לך) שלמה המלך ע"ה זאגט אונ משלי (הולך את חכמים יחכם וגו') דער פסוק לערינט אונז דם דער מענש זאל זיך בהעפטין מיט קליינו אונ פרומו לייט אונ זאל זיך אפ שיידין פון רשעים דרום זאגט דר פסוק (הולך את חכמים יחכם) דר ווס גייט מיט די חכמים דער

נחלת

רבי יהודה פתח. רבי יהודה הייבט אן עס שטייט הנצנים נראו בארץ עת הזמיר הגיע וקול התור נשמע בארצנו זאגט רבי יהודה קום אונ זעה וויא אמענטש גהער נאר עוסק זיין זיין בתורה ובמצות יומם ולילה דען די מעלה פון דער תורה איז איבער אלע מעלות דען בייא דעם איז פר האנדין צוויי גרוסי מעלות לעבין מיט עשירות אזו שטייט אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד אונ כבוד מיינט מען עשירות ווארום איין עושר הט כבוד אונ דאס איז אליץ דורך דער תורה. דען אלע

ספר

לך לך) גייא ארום פון דיין טובה וועגין פון זיין גבורד אונ פון דיין פאטורם הוז גזונד צום לאנד וואס איך וועל דיר ווייזין צו געבין דאס לאנד דיר אונ צו דיינו קינדר דען אונ דעם דאזיגין לאנד וועל איך דיך בענשין אונ דארט וועל איך דיך מאכין צו אגרוס פאלק אונ איך וועל אכפערין דיין נאמין

ווערט קלוג אובר דער ווס בהעפט זיך צוא רשעים דער ווערט צו בראכין אזו וואול ווי דער ווס בהעפט זיך צו חכמים אזו קומט דער פון דאס ער דונט רעכט גאט גדענקט ער אלו צייט אונ אזו איך דר ווס בהעפט זיך צו די רשעים דער פאר געסט אונ גאט אלו צייט אונ

לערינט

צבי

נאכט נעמט דער מלאך מט"ט אלע נשמות הצדיקים אונ ווייזט זייא פר הקב"ה אונ דוא מלאכים ווארטין מיט זייער שירה זאגין ביז עם זאמלין זיך איין אלע נשמות הצדיקים אונ הייבין אן צוא זאגין שירה בנאנד צו הקב"ה דרום שטייט הנצנים נראו בארץ מיינט מען דוא מענטשין פון דר ערד ווס זענין עוסק בתורה לשמה עת הזמיר הגיע מיינט מען די צייט איז גקומין זינגין זמירות ותשבחות צוא דעם באשעפער. דורך ווען ווערין דוא אלע זאכין זאגט ער פון וקול התור דאס איז דער

הישר

אונ עס זאל ווערין גבענשט מיט דיר אלו משפחות וואס זענין אוף דער ערד אונ אצונד שטייא אוף אונ גייא ארום פון דער שטאט די אונ דיין ווייב אונ אליץ ווס דיין איז אונ אויך אלו ווס זענין גוויזין גיווארין אונ דיין הויז אונ אלו די לייבור וואס דוא האסט דור איין גזאמלט אונ חרן אונ קער ווידור צום לאנד

לערונט זוך אפ פון דוא רשעים זייערו
בייזו מעשים דרום זאל דר מענש גוורונט
זיין דאס ער זאל זוך נוט בהעפטון צוא
רשעים מען זאגט אוי לרשע אוי לשכינו
אונ אברהם הט אוך גוואלט מקיים זיין
דוא תורה אונ רעכט דונון גאט אזו וויא
דוא גמרא זאגט אברהם האט פון זיין
שכל מקיים גוועזן דוא גאנצו תורה אונ
ווען זייא זענון שוין נאך נוט געגעבון גוורון
דרום האט גאט גזאגט צו אברהם (לך
לך מארצך וממולדתך) גייא אוועק פון
דיין לאנד אונ פון דיין משפחה וייל
זיי זענון רשעים דו חכמים זאנון אברהם
איז גוועזן גלייך צו איין כלי מיט בשמים
וואס שטייט אונ איין אום ריין אורט אזו
ווייסט קיינר נוט פון דעם גוטון ריח ווען
דיא כלי ווערט אובר ארום גנומון פון
דעם אום ריין אורט אזו ווערט מען גוואר
פון דעם גוטון ריח אזו איז אוך אברהם
גוועזן צווישון רשעים וום האבון עבודה
זרה גדונט דרום האט גאט גהייסון צוא
אברהם גיין אוים זיין לאנד צוא לאזון
וויסון זיינו גוטו מעשים ווס ער האט אונ
זיך אונ דם איז גוועזן איינם פון דוא צעהן
פרובונג וואס גאט האט אברהם גפרובט
אוב ער וועט האלטון זיין גבאט צו אוועק

ווארפין

### נחלת צבי

מלאך מס"ט וואס זאמילט איין אלע נשמות
הצדיקים זאלון זאגון שירה צו הקב"ה דרום
שטייט יעלזו חסידים בכבוד דורך דעם מלאך
מס"ט וואס ער הייסט כבוד ירננו על משכבותם
טאן זייא זינגון בייא נאכט אז דוא מענטשען
שלאפון • רבי יעקב זאגט אלו נשמות
הצדיקים זענון בשאפון גוואר'ן מתחת כסא
הכבוד דען דוא נשמה פירט דעם גוף אונ
ווייזט אום צוא טאן דעם רצון הבורא דען אז
הקב"ה שוקט אראפ דו נשמה אונ גוף אריין
שטייט ויאמר ה' אל אברהם דאס מיינט מען
הקב"ה זאגט צייא דער נשמה ווס זוא הייסט
אברם דאס איז צווייא ווערטר א"ב ר"ם דוא
נשמה הייסט אב וייל זוא איז איין פאטור צו
דעם גוף רם הייסט זוא וייל זוא איז פון איין
הויכן ארט דרום הייסט זוא אברם אונ השי"ת
זאגט אור אן זוא זאל הוטון דוא תורה מיט
דיא מצות אונ ענטפערט איר אובער הונדרט
שליסלען דאס הייסט מען זאל מאכען אלע
טאג הונדרט ברכות מיט אוטליכע ברכה
ציהט ער אויף זוך איין שליסל דרום שטייט
לך לך עם באטרעפט הונדרט אונ אזו זאגט
הקב"ה לך גיי ארוים מארצך פון דיין לאנד דם
מיינט מען דעם גן עדן וממולדתך פון דיין
משפחה מיינט מען דוא מלאכים פון דעם
הימל ומבית אביך מיינט מען אלע כוחות
הקדושה אל הארץ אשר אראך אויף דר ערד אונ
ועלכון גוף איך וועל דור ווייזון דער נאך
בענטשט הקב"ה דוא נשמה מיט זיבון ברכות
(א) ואעשך לגוי גדול איז איין ברכה. (ב) ואברכך.
(ג) ואגדלה שמך. (ד) והיה ברכה. (ה) ואברכה
מברכך (ו) ומקללך אאור (ז) ונברכו בך כל
משפחות האדמה. וילך אברם גייט דוא נשמה
אראפ כאשר דבר אליו יי' אזו ווי השם יתברך
הט גהייסון וילך אתו לוט גייט מיט אום תיכף
דער יצר הרע וואס ער הייסט לוט דען ער
איז דר נחש וואס ער האט אז גירעט צו אדם
הראשון אז ער זאל עסון פון דעם עץ הדעת

### ספר הישר

כנען אונ אברם שטייט אויף אונ נעמט זיין וייב שרי
אונ אלץ דם זיינוגו אונ אלו דו וואס זענון גוועזן אונ
זיין הוז אונ אוך אלו וואס זייא האבון זיין אמונה
אן גנומון אונ חרן אונ זענון ארום גגאנגן צו גיין צום
לאנד כנען :
(ויבואו) אונ זייא קומון קיין כנען אזו וויא גאט
ב"ה הט צו זייא גזאגט אונ ער נייגט זיין גצעלט
אונ פלון מורה אונ אוך לוט זיין ברודרם זון מיט
אלץ דאס זיינוגו זענון אוך גוועזן מיט אים אונ גאט
האט זוך ווייטור בוויזון צו אברם אונ זאגט צו אום
צו דיינו קונדר וועל איך געבון דאס דאזוגו לאנד אונ
אברם הט גבויעט איין מזבח צו גאט ב"ה וואס האט
זיך צו אום בוויזון אונ דער מזבח שטייט נאך אונ
פלון מורה בוז אונ היינטוגון טאג אונ דעם זעלבון
יאר איז גוועזן אגרוסור הונגר אונ כנען אונ אלו
זוצרם פון כנען האבון נוט גקענט דער ליידון דעם
גאנץ גרוסון הונגער (ויקם) אונ אברם איז אויף
גשטאנון אונ הט גנודרט קיין מצרים אונ אברם איז
גקומון צום טייך פון מצרים הט ער זוך אבוסול אם
גרוט פון דעם וועג ביים בארטון פון טייך הט אברם

דערפֿן זיין וואנונג ווי ער הט אלו זיינו טעג גוואנט אונ אוז דארטון בקענט אונ זאל גיין אונ איין פרעמד לאנד זיין איין בעל תשובה אונ דס אוז גוועזן דאס ערשטו פרובונג אונ דם צעהנטו פרובונג אוז דו עקידה דו צווייא פרובונג זענון צו אנגדר גגלכון דרום שטייט דא (לך לך מארצך) אונ ביי דר עקידה שטייט אוך (לך לך אל ארץ המוריה) אונ שעכט דיין זון יצחק פאר איין קרבן דם לערונט אונז דס איין מענש לאזט זוך לובור טייטון איי ער זאל פאר טרובון ווערון פון זיין אורט ווי ער אוז גבורון גווארון דם ער זאל זיין משפחה פאר זוך נוט זעהן (ואעשך לגוי גדול) דו חכמים זאגון דרי ווענ מונרט דעם מענש דרייא זאכון עם מונערט אום קונדר ער קען אונ וועג

קיין קונדר נוט האבון אונ עם מונערט אום געלט עם גייט אוועק אוף הוצאות אונ עם מונערט אום איין שם טוב דען מען קען אום נוט אונ איין פרעמד לאנד דרום הט גאט צו גזאגט צו אברהם דם עם וועט דוא דרייא זאכון נוט גמונערט ווערון ווען שון ער וועט גיין אונ וועג דאס אוז טייטש (ואעשך לגוי גדול) אוך וועל דוך מאכן צו איין גרום פאלק דען אונ דעם לאנד בוסטו נוט זוכה קונדר אוך צו האבון אונ דארטון ועסטו יוא האבון קונדער (ואגדלה שמך) אונ אוך וועל גרים מאכון דיין נאמון (ואברכך) אונ אוך וועל דוך בענטשון מוט פול געלד (והיה ברכה) אונ דוא ועסט זיין איין בענטשר גאט האט גזאגט צו אברהם בוז אהער זענון דוא ברכות גוועזן אונ

מיין

נחלת

אונ דאס ווארט לוט אוז טייטש פר שאלטון דען ער אוז פר שאלטון גווארן. ווארום אוף ארור מאכט דער תרגום ליט אונ בוז דרייצען יאר וואס זייא הייסן שני ערלה גוועלטינט דר יצר הרע אליין אונ דעם מענטשן דער נאך קומט דער יצר הטוב אונ דער שורש נשמה וואס ער הייסט חמש ושבעים שנה אונ דר צייט בצאתו מחרן גייט זו ארום פוזדר האנט פון דעם יצר הרע גום הייסט חרן ער אוז נאר צארינדיג

צבי

אונ פול מוט דין דען דוא קדושה קומט צוא דעם מענטשען איין ביינן דעם יצר הרע אונ דיא נשמה דער ייעקט אום דונון צוא השי״ת אונ פורון אום אונ רעכטין וועג ויקח אברם את שרי אשתו דער גוף אוז אקעגון דער נשמה ווי איין נקבה אקעגון איין זכר. דרום זאגט דער פסוק ויקח אברם דו נשמה נעמט את שרי אשתו דאס מיינט מען דעם גוף פון דרייצעהן יאר אונ ווייטער וגם את לוט דער יצר הרע

ספר הישר

נקוקט אונ טייך האט ער גזעהן אז זיין ווייב שרי איז זייער שיין. זאגט אברם צו שרי נאך דעם אז גאט ב״ה הט דוך בשאפון מוט אשיין גשטאלט אזו האב איך מורא פאמור ועלון די מצרים מוך הארגינן כדי דוך צו נעמון פר אווייב. דרום זאלסטו זאגון אז איך בון דיין ברודר ווער עם וועט דוך פרעגון כדי מיר זאלין לעבון בלייבון (ויבואו) אונ אברם מוט זיינו לייט זענון גקומון קיין מצרים האבון דוא קנעכט פון מלך גפרעגט צו אברם ווס האסטו אונ קאסטון. עפין אוף וועלון מור זעהן וואס אונ קאסטון אוז דא. האט אברם גזאגט דעם קאסטון וועל אוך נוט עפונין. אונ ווייא פול אור וועט זוך הייסון געבון וועל אוך געבון. ענטפרון די הערון פון פרעה צוא אברם דיין קאסטון איז פול מוט עדוי נשטיין גוב אונז דער פון איין צעהנטול הט אברם צו זיי גזאגט אוך וועל אייך געבון ווויא פול אור ווולט נאר. אור זאלט דעם קאסטון נוט עפונון אבר זיי האבון זוך גשטארקט מוט גוואלט אונ עפונון דעם קאסטון אונ זעהן אז עס לוגט איין אשה זייער אשיין נשטאלט. אונ האבון זוך זייער פאר וואונדרט אוף דעם גרוסון שונהייט פון שרי. אונ שרי איז גנומון גווארון צו פרעה. אונ אברם האט זייער באנק גטון אונ אברם בעט גאט ב״ה ער זאל שרי בשערמון אונ שרי האט אוך תפלה גטון צוא גאט ב״ה. אונ גאט ב״ה הערט דוא תפלה פון שרי אונ הט גשוקט איין מלאך מציל צו זיין שרי. אונ פרעה איז גקומון אונ הט זוך גזעצט נעבון שרי אונ זאגט דער מענש וואס האט דוך גבראכט אהער וום קער ער דור אן. הט זוא גזאגט ער אוז מיין ברודור זאגט פרעה צו איר. אוף אונז איז מוטול מור זאלין אום דער הייבון אונ צו אום אזו אכבוד אן טון ווס דו וועסט אונז זאגון:

מיין האנד איך האב גבענשט אדם אונ
נח אונ היינט גוב איך זייא אפ אונ דיין
האנד דוא זאלסט בענשין וועמן דוא
ווערסט וועלין (ואברכה מברכיך ומקללך
אאור) אונ איך וועל בענשין דיינע
בענשור אונ דיינו פליכר וועל איך
פליכען כלומר איך וועל פרור בענשין
דעם ווס וועט דיך בענשין כדי דיין ברכה
זאל מקוים ווערין אונ דור אונ דעם וואס
וועט דיך פליכין וועל איך פרור פליכן
כדי דיין קללה זאל אונ דור נוט מקוים
ווערין דער מדרש תנחומא שרייבט דר
פסוק זאגט (לך לך) דם הט גאט גוויזין
צו אברהם דם צו הונדרט יאר וועט ער
קינדר האבין דען לך לך איז הונדערט
אונ דער צאל דו גמרא שרייבט אונ ראש
השנה אונ ערשטין פרק ר׳ יצחק זאגט
פינף זאכין זענין מבטל גזירות רעות פון
דעם מענשין צדקה געבין אזו וויא אונ
פסוק שטייט (וצדקה תציל ממות) דאס
אנדרו איז גאט בעטין אזו וויא אונ פסוק
שטייט (ויצעקו אל יי בצר להם
וממצוקתיהם יוציאם) דם דריטו איז
ווען מען פר ענדרט דעם מענשין זיין
נאמין אזו ווי דער פסוק זאגט ביי שרה
(לא תקרא שמה שרי כי שרה שמה)
מען זאל זוא נוט רופין שרי נייערט שרה
איין אנדערין נאמין אזו וועט זו קונדער
האבין דאס פערדו איז שינוי מעשה
ווער עס פאר ענדערט זיינו מעשים פון
בייזין צו גיטין דער איז מבטל פון זיך
גזירות רעות אונ איין טייל חכמים זאגין
שינוי מקום ווען ער גייט אוועק פון
דער שטאט ווי ער הט קיין מזל נוט אונ
גייט אונ איין אנדרר שטאט דר קען זיין
מזל פר ענדרין צו גוטין . דו גמרא זאגט
דריי זאכין מאכין קורצין דעם מענש דם
לעבין ווען מען רופט אים צום ספר תורה
אונ ער גייט נוט אזו ווי אונ פסוק שטייט
(כי היא חייך ואורך ימיך) אונ ווען מען
גיט אים אכום צום בענטשין אונ ער
בענשט נוט אזו וויא אונ פסוק שטייט
ואברכה

### נחלת צבי

ווערט נוט אפ גטאן פון אום ואת כל רכושם
אשר רכשו אלע אורע מעשים טובים וואס זוא
האט גטאן נאך דרייצעהן יאר מוט דעם כח
פון דר נשמה ואת הנפש אשר עשו בחרן אונ דוא
אלו מצות וואס ער האט גטאן ביז דרייצעהן
יאר וואס זענין נאר גוועזן מוט דעם יצה״ר
דרום זענין זייא נוט קיין רעכטע מעשים. אונ
דאס פאר רוכט אלץ דוא נשמה אונ פורט
דעם מענטשין אונ רעכטין וועג מוט תשובה
ומעשים טובים אונ גיין אין שול אונ אין
בית המדרש אריין כדי דר יצר הרע זאל בטל
ווערין דרום שטייט ויעבור אברם בארץ עד מקום
שכם דאס הייסט ער איז גיגאנגן אין בית
המדרש אריין דארטין רועט דוא שכינה אזו
וויא עס שטייט בייא יוסף ואני נתתי לך שכם
אחד על אחיך עד אלון מורה . דאס איז דר בית
המקדש וואס דארטין זענין דוא מורי הוראות
פון דער וועלט מיינט מען דו סנהדרין זענין
דארטין גזעסין אונ מוט דעם ווערט דר יצה״ר
אונטר טענוג אזו ווי איין קנעכט. דרום הייסט
ער כנעני אז ער טוט מעשים טובים ווערט
אלץ פר רוכט. אונ אז נוט הייסט ער כנעני
דאס הייסט אחר וואס ער רונגילט ארום
הין אונ הער . אזו איז ער פריער רעט ער
אן מען זאל טאן איין עבירה דער נאך גייט
ער ארוף איף דם הומול אונ איז מקטרג אוף
דעם מענטשין אונ נעמט רשות אונ גייט
ארפ צו נעמון ביי דעם מענטשין דו נשמה
שטארבט דער מענטש אונ ווערד ערד אזו
וויא פריער איידער ער איז גיבארין גיווארין
אונ אז דוא צייט קומט דער מענטש זאל
שטארבין וילך למסעיו דם איז טייטש ער גייט
אוועק פון דער וועלט וואס זוא ווערט אן
גרופן נגב ער גייט עד בית אל אונ וויל גיין אל
המקום אשר היה שם אהלה בתחלה בין בית אל ובין
העי דאס מיינט מען ער וויל גיין אין גן עדן
אריין וואס דארטן פרייט זוך השי״ת מוט דוא
נשמות הצדיקים איז זוא זוכה קומט זוא אל
מקום המזבח אשר עשה שם וואס הקב״ה האט
גמאכט בראשונה צום ערשטין אונ דער מלאך

(ואברכה מברכיך) אונ דאס דריטו אוז ווען ער האלט זוך דוך אזו ווי מור גפונון ביי יוסף הצדיק וויל ער האט זוך עפוס הוך גהאלטון אוז ער פרור גשטארבון פר זיינו ברידר (וילך אברם כאשר דבר אליו יי) אוז אברם גגאנגון וויא גאט הט צוא אום גרעט אונ ער אוז אלט גוועזן פינוף אונ זובציג יאר אז ער אוז ארום גגאנגון פון חרן הט גאט גזאגט צו אום די בוסט אלט פינוף אונ זיבצוג יאר אונ מיזט דוך אום שלעפון אונ לאנד וויא אבעל תשובה דר פר וועט פון דור ארום קומון איין דער לייזור צו יודון דאס אוז אסתר המלכה זוא אוז אלט גוועזן פינוף אונ זובציג יאר אז זו אוז ארום גנגגון פון מרדכי צו אחשורוש דרום הט זו גהייסן האדמה דם אוז אונ דער צאל פינוף אונ זיבצוג: (ואת הנפש אשר עשו בחרן) אברהם האט פול גוטס אונ קנעכט איין גיזאמולט אונ חרן אונ האט אלין מוט גינומון ווי וואל ער האט זאלין פריר אום קלובון זוך איין אורט ווי צו וואנון דר נאך אלין מוט נעמון נאר אברהם הט זיך פאר לאזט אויף גאט ער וועט אום געבן אגוט לאנד אונ האט באלד אלין מיט גנומון. אוך אוז דער פשט (אשר עשו בחרן) אברהם האט מגייר גוועזן מאנון אונ שרה האט מגייר גוועזן ווייבר אוז גלייך זיי הבון זיי בשאפון אזו הט האט יצחק אוך גוטון ווי אונ פסוק שטייט (וישב יעקב בארץ מגורי אביו) אונ יעקב אוז גזעסון אונ לאנד וואס זיין פאטער יצחק הט מגייר גוועזן אונ אזו הט יעקב אוך גוטון אזו ווי אונ פסוק שטיט (ויאמר

יעקב

נחלת צבי

מיכאל שטייט אונ ער גינעהנט דוא נשמות הצדיקים לריח ניחוח צוא אגישמאקין ריח אוז זיא זוכה אהין צו קומן ויקרא שם אברם בשם ה׳ אונ ווערט נצרר בצרור החיים דם אוז אליך אז ער האט מתקן גיוועזן דעם גוף אזו וויא מען דארף ער האט איין גיבויגון דעם יצר הרע אונ אז אפילו ער קומט מקטרג זיין העלפט אום זיין נשמה דרום שטייט ויהי ריב בין רועי מקנה אברם ובין רועי מקנה לוט דם מיינט מען דער יצר טוב מוט זיינו חילות קריגט זיך מוט דעם יצר הרע מוט זיינו חילות דען איטליכר וויל מען זאל אום פאלגון אובער דעם אוז דער גוף אונ צער אוף דר וועלט: ויאמר אברם אל לוט זאגט דוא נשמה צום יצר הרע אוך בעט דוך אל נא תהי מריבה ביני ובינך ווארום זאלסטו מוט דיינע חילות קריגן מיט מור אונ מוט מיינו חילות כי אנשים אחים אנחנו מור זענון דאך קרובים דען דער יצר טוב איז בייא דער רעכטער זייט פון דעם מענטשון אונ דער יצר הרע אוז בייא דער לינקר זייט דרום זענון זייא קרובים דם הייסט נאהענט וויא דען הלא כל הארץ לפניך הפרד נא מעלי עס אוז דאך דא גונוג רשעים אויף דער וועלט גייא דור צוא זייא דען זיי וועלון דוך פאלגון נאך זאגט ער צווא אום אם השמאל אז דוא וועסט מיך אן ריידין אז איך זאל עובר זיין איין לאו אין דער תורה וועל איך דיך ניט פאלגין ואימינה וועל איך טאן אמצוה ואם הימין אונ אפילו אז דוא ווערסט מוך אן ריידון אוך זאל טאן אמצוה וועל אוך דוך אוך נוט פלגין דען אמאל רעט אן דר יצר הרע אז מען זאל טאן אמצוה פון גדלות וועגון אדר עס זאל דער פון ארוים קומון איין עבירה אונ ער האלט אזו לאנג מלחמה בוז ער זעהט אז ער קען גאר נוט פועל זיין שטייט ויפרדו איש מעל אחיו גייט ער אוועק פון אום דענסט מאל

אוהל יעקב

(וילך אברם כאשר דבר אליו ה׳ וילך אתו לוט) אונ אברם אוז אוועק גגאנגן פון חוץ לארץ אזו וויא גאט הט צו אום גרעט אונ לוט אוז מיט אום גגאנגן דער מדרש שרייבט לוט אוז גוועזן צו אברם אטפל אונ אברם אוז גוועזן דער עיקר אזו וויא אסוחר אז ער פארט נאך סחורה זאגט מען דער אונ דער סוחר פארט נאך סחורה אונ אז דער סוחר נעמט מיט אמשרת זאגט מען דער אונ דער סוחר פארט נאך סחורה אונ דער משרת פארט אוך מיט אום ווארום דער עיקר אוז דער סוחר אונ דער טפל אוז דער משרת דם זאגט דער פסוק (וילך אברם כאשר דבר אליו ה׳) אברם אוז גגאנגן קיין ארץ ישראל אזו וויא גאט הט צו אום גרעט (וילך אתו לוט) לוט אוז מוט אים אוך גגאנגן אברם הט אום מוט גנומן:

יַעֲקֹב אֶל בֵּיתוֹ וְאֶל כָּל אֲשֶׁר עִמּוֹ הָסִירוּ אֶת אֱלֹהֵי הַנֵּכָר) דָאס אִיז טַייטְשׁ טוּט אָפּ פוּן אַייךְ דִי אָפּ גֶעטֶר. אוּנ סַנְהֶדְרִין אִין פֶּרֶק חֵלֶק זָאגְט רֵישׁ לָקִישׁ דֶר וָוס לֶערְנְט זַיין חַבֵרִים זוּן תּוֹרָה אִיז גְלַייךְ ווִי עֶר הָאט אִים בַּשַׁאפִין. אַזוֹ ווִיא דֶר פָּסוּק זָאגְט (וְאֶת הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר עָשׂוּ בְחָרָן) רַבִּי אֲבִיהוּ זָאגְט דֶער וָואס בְּרֶענְגְט זַיין חַבֵר צוּ אַמִצְוָה אִיז גְלַייךְ ווִי עֶר הָאט אִים בַּאשַׁאפִין: (וַיַּעֲבֹר אַבְרָם בָּאָרֶץ עַד מְקוֹם שְׁכֶם) אַבְרָהָם הָאט תְּפִלָּה גִיטוּן אוּנ שְׁכֶם דָאס זַיינוּ קִינְדֶר זָאלִין נִיט פַאר לוּרִין דוּא מִלְחָמָה אוּנ שְׁכֶם אוּנ אַבְרָהָם אִיז גִיקוּמִין בִּיז אֵלוֹנֵי מוֹרֶה וָואס דָארְטִין וֶועלִין דוּא יוּדִין שְׁוֶוערִין צוּא גָאט דָאס זַייא זָאלִין הַאלְטִין דִי תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת דֶר תּוֹלְדוֹת יִצְחָק שְׁרַייבְּט אַבְרָהָם אִיז גְגַנְגֶן פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט אוּנ הָט גְזָגְט צוּ דִי לַייט דֶם גָאט אִיז אוּנ הוּמֶל אוּנ עֶר הָאט בַּשַׁפוּן הוּמֶל אִין עֶרְד אוּנ דְרוּם הָט גָאט גְמוּזְט פְּרוּר זָאגוּן צוּ אַבְרָהָם (וַאֲבָרֶכְךָ וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ) דֶם אִיז טַייטְשׁ אוּךְ וֶועל דוּךְ בֶּענְשׁוּן מוּט פוּל גֶעלְד דִי וֶועסְט זַיין רַייךְ אוּנ אוּךְ וֶועל גְרוּם מַכוּן דַיין נָאמוּן דֶען וֶוען אַייגֶר אִיז נִיט רַייךְ אוּנ הָט קֵיין שֵׁם נוּט אַזוּ וֶוערוּן זַיינוּ רֵייד נוּט אָן גְנוּמִין צוּ דִי לַייט אוּנ זַיי וֶועלוּן אוּם נוּט פָלְגוּן צוּ דִינוּן גָאט אוּנ דָא אִיז שׁוֹן מְתוּרָץ אֵיין קַשְׁיָא גָאט הָט גְזָאגְט צוּ אַבְרָהָם גֵיי אַוֶועק פוּן דַיין לַאנְד אִין אוּךְ וֶועל דוּךְ רַייךְ מַאכוּן אוּנ וֶועל גְרוּם מַאכוּן דַיין נָאמוּן אִיז קָשֶׁה ווִי שׁוּקְט

וויך

נחלת

וְאַבְרָם יוֹשֵׁב בְּאֶרֶץ הַנֶּגֶב זוּצְט עֶר בְּשַׁלְוָה אוּנ עֶר אִיז זוֹכֶה צוּא זוּצִין אִין גַן עֵדֶן וָוס עֶר אִיז פוּן דְרוּם זַייט דָאס הַייסְט פוּן דֶער רֶעכְטִיר זַייט צוּא הקב״ה אוּנ דֶער נָאךְ שְׁטֵייט וְאַבְרָם כָּבֵד מְאֹד בַּמִּקְנֶה דָאס מֵיינְט מֶען עֶר הָט זֵייעֶר פִיל מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים אוּנ לוֹט דָם אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זוּךְ מְחַבֵּר מוּט דִי רְשָׁעִים דְרוּם שְׁטֵייט וַיֶּאֱהַל עַד סְדוֹם אוּנ ווַייטֶר שְׁטֵייט וְאַנְשֵׁי סְדוֹם רָעִים וְחַטָּאִים לַיְיָ מְאֹד ווַייל דֶר יֵצֶר הָרָע רֶעט זַייא אָן צוּא ווִידֶער שְׁפֶּענִיגוּן אִין גָאט בָּרוּךְ הוּא כְּדֵי עֶר זָאל זַייא מַאכֶן פַּאר לִירִין אוּנ אַז דוּא נְשָׁמָה בְּלַייבְּט שׁוֹין אָן דֶם יֵצֶר הָרָע אוּנ דֶער גוּף בְּלַייבְּט שׁוֹין רֵיין פוּן עֲבֵירוֹת טוּט הקב״ה זַייזְוואוּנוּנג בַּיי אוּם אוּנ אִיז זוֹכֶה צוּא יַרְשְׁנֶן יְרוּשָׁה עֶלְיוֹנָה וְתַחְתּוֹנָה דְרוּם שְׁטֵייט ווַייטֶר וַיְיָ אָמַר אֶל אַבְרָם אַחֲרֵי הִפָּרֶד לוֹט מֵעִמּוֹ שָׂא נָא וגו׳. לֵךְ אֶתְנֶנָּה קוּם הִתְהַלֵּךְ בָּאָרֶץ וגו׳. זַיי דוּךְ מִשְׁתַּעֲשֵׁעַ אִין אֶרֶץ הַחַיִּים מִיט אַנְדֶרֶע צַדִּיקִים בִּיז עֶר קוּמְט צוּא דֶעם מִזְבֵּחַ לַיְיָ דוּרְךְ דֶעם מַלְאָךְ מִיכָאֵל אַזוֹ ווִיא אוֹיבֶּן אִיז גִישְׁטַאנוּן אוּנ לוֹט בְּלַייבְּט בַּיי דִי רְשָׁעִים אוּנ זַיי זוּנְדִיגוּן דוּרְךְ אוּם זַיי הָאבֶּע, שׁוֹן קֵיין תְּרוּפָה נוּט דְרוּם שְׁטֵייט וַיִּשְׁמַע אַבְרָם כִּי נִשְׁבָּה אָחִיו דֶער צַדִּיק דֶער הֶערְט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז גִיפַאנְגֶען גִיוָוארֶען מוּט גְרוֹסֶע

צבי

עֲבֵירוֹת ווִי עֶר דֶר הֶערְט דָאס וַיָּרֶק אֶת חֲנִיכָיו יְלִידֵי בֵיתוֹ גֵייט עֶר מוּט נָאךְ צַדִּיקִים וָוס זֶענוּן מְחוּנָךְ בְּמִצְוֹת וַיִּרְדֹּף עַד דָּן אוּנ יָאגְט נָאךְ דִי רְשָׁעִים צוּא שְׁטְרָאפוּן זַייא אוּנ זַייא מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין אוּנ אִיז זַיי מוֹדִיעַ דֶעם דִין פוּן דֶעם גֵיהִנָּם אוּנ פוּן עוֹלָם הַבָּא אוּנ לָאזְט זַיי נִיט אָפּ טָאג אוּנ נַאכְט וַיֵּחָלֵק עֲלֵיהֶם לַיְלָה זַיי שְׁטַייעֶן אוֹיף הַאלְבֶּע נַאכְט צוּ שְׁטְרָאפֶן זַייא בִּיז זַייא זֶענִין זַייא מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה שְׁטֵייט ווַייטֶער וַיִּרְדְּפֵם עַד חוֹבָה אֲשֶׁר מִשְּׂמֹאל לְדַמָּשֶׂק זַיי הָאבּוּן דוּא רְשָׁעִים גְשְׁטְרָאפְט בּוּז זַייא זֶענוּן גְנַאנְגוּן מוּט חוֹבָה וָוס אִיז פוּן דֶר לִינְקֶר זַייט דָאס הַייסְט מִצַד יֵצֶר הָרָע אוּנ הָבּוּן זוּךְ נוּט בַּהֶעפְט לְצַד הַיָּמִין מִצַד הַיֵּצֶר טוֹב עֶס שְׁטֵייט ווַייטֶער וַיָּשֶׁב אֵת כָּל הָרְכוּשׁ דָם מֵיינְט מֶען זַייא זֶענוּן חוֹזֵר בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה וְגַם אֶת לוֹט אָחִיו וּרְכֻשׁוֹ הֵשִׁיב זַיי אוּנ דֶער יֵצֶר הָרָע זֶענוּן חוֹזֵר בִּתְשׁוּבָה זָאגְט רַבִּי חִיָּיא דֶער צַדִּיק וָוס הָט גִישְׁטְרָאפְט דוּא רְשָׁעִים אוּנ הָאט זַייא מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה גִיוֶועזְן אַז דוּא נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹם פוּן זַיין גוּף גֵייט אוּם אַקֶעגוּן מִיכָאֵל כֹּהֵן גָדוֹל וָואס עֶר אִיז מַקְרִיב דוּא נִשְׁמוֹת הַצַדִיקִים אוּנ גִיט אוּם שָׁלוֹם דְרוּם שְׁטֵייט וּמַלְכִּי צֶדֶק מֶלֶךְ שָׁלֵם דָאס מֵיינְט מֶען מִיכָאֵל עֶר אִיז דֶר רֹאשׁ פוּן דוּא שַׁעֲרֵי שָׁלוֹם וָצֶדֶק אוּנ זָאגְט צוּ אוּם

זיך דם אברהם זאל דינון גאט פון שכר ווענגון נייארט דר פשט אוז אברהם הט ניט גדונט גאט פון שכר וועגון נאר גאט האט גזאגט צו אברהם ווייל דו ווילסט זאגון צו דו לייט זיי זאלון מוך דינין אונ ווען דו ועסט זיין ארום וועלון זיי דיינו רייד נוט פר נעמון אונ בפרט דו בוסט פון אפרעמד לאנד זיי קענון דוך נוט דרום מוז איך דוך בענשון מוט געלד אונ מוט איין שם טוב דו זאלסט קענון פריי ריידון מיט שרים נאך איין קשיא פרעגט מען ווארום זאגט דר פסוק (ואברכה מברכיך) איך וועל בענשון דיינו בענטשר כלומר פיל בענטשר אונ ביי דר קללה שטייט (ומקללך אאר) אונ דיין פלוכר וועל איך פלוכן כלומר איין פלוכר אוז דר תירוץ פיל לייט האבון גבענשט אברהם ווייל ער הט זיי גברכט לעולם הבא דרום זגט ער דיינו בענטשר אובר פלוכר זענון ניט פיל גוועזן נאר נמרוד ער הט אברהם גפלוכט ווייל ער הט אום גוויזון אז נמרוד איז קיין גאט נוט דרום זאגט גאט דעם

פלוכר וועל איך פר פלוכין (ויבן מזבח) אין ער הט גבויאט איין מזבח אונ שטייט ניט דר ביי (ויקרא בשם יי) ער רופט אונ גאטס נאמון דען ער הט מורא גהט אום צו שרייאון גאטס נאמון אובר ווי אברהם איז ווייטר גקומון צום בארג ווי דר שלטון איז נוט גוועזן שטייט שון גשריבון (ויקרא שם בשם יי) ער הט אום גשריגון מען זאל דינון גאטס נאמון אונ הונטן אונ דר פרשה שטייט נאך איין מאל (והכנעני אז בארץ) דאס לערונט אונז דם אברהם האט גזאגט צוא לוט דיינו פסטוכער קריגון זוך מוט מיינו פסטוכר ווייל מור האבון פיל בהמות אונ הער שלטון אוז שטארק אונלאנד אזו וועט ער אונז פר טרייבען פון העם לאנד דרום לאמור שטילון דוא קריג דרום שטייט צוויי מאל (והכנעני אז בארץ) איין מאל צו ווייזון אז אברהם האט מורא גהאט אום צוא שרייאון גאטס נאמון אונ דאס אנדערו מאל ווייזט אז אברהם האט מורא גהאט צו קריגון זוך מוט לוט דאס הער שלטון זאל

נחלת

שלום אוז דיין קומען זגט רבי חייא פון דאנן לערנון מור אפ אז איינער קומט פון דעם וועג אונ איינער גייט אקעגון אונ גיט אים שלום איז גלייך ווי ער גיט אים עסון אונ טרונקען דרום שטייט לא יבוא עמוני ומואבי בקהל יי על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים האבן דען דוא ישראל בדארפט לחם ומים זייא האבן דאך גיהאט דעם מן וואס אוז בעסער פון אלע אכילות אויך האבן זיי גיהאט דעם באר של מרים נאר ווייל זיי האבן זיי נוט מקדים בשלום גיוועזן אוז גלייך ווי זייא האבן זייא גיווינציגט זייער לחם ומים אזו אויך מיכאל בענטשט דוא נשמה אונ זאגט צו אים ברוך אברם לאל עליון קונה שמים וארץ וואול צוא דור וואס דוא האסט דער צו זוכה גיוועזן אונ דר נאך זאגט ער אים וברוך אל עליון אשר מגן צריך בידך גילויבט אוז גאט וום ער הט דור מוסר גיוועזן דוא רשעים אין דיין האנט דוא זאלסט

צבי

זיי מחזיר בתשובה זיין ויתן לו מעשר מכל דם מיינט מען הקב"ה גוט צו דער נשמה מעשר דאס הייסט איין אות ה׳ פון זיין כסא הכבוד וואס ער הט מוט דעם אות דו וועלט בשאפן אונ קריינט דוא נשמה דאן ווערט זוא גאנץ אונ הייסט שוין אברהם אונ דער מוט ווערט זיא צרורה בצרור החיים דרום שטייט מעשר מכל דם מיינט מען פון השי"ת וום הייסט כל רב חסדא זאגט ווען השי"ת וויל טאן איין דין דו רשעים באראט ער זוך פריער מוט דוא נשמות הצדיקים אזו וויא עם שטייט מנשמת אלוה יאבדו דאס הייסט אז דוא נשמות פון דיא רשעים בדארפון פאר לארון ווערון • ווערין זייא פר לארון דורך דער נשמה פון דעם צדיק אונ דער שר של גיהנם שטייט פאר דוא נשמות הצדיקים אונ בעט זיי זאלון ניט מתפלל זיין פאר דוא נשמת הרשעים נייערט זייא זאלון זיי ארין געבין אונ זייערע

זאל זיי נוט פר טרייבון פון דעם לאנד
אונ דער תולדות יצחק פרעגט נאך
איין קשיא ווארום אוז אברהם אוועק
געגאנגון פון ארץ כנען פון דעם היילוגון
לאנד פון הונגער וועגון גאט הט דאך
אום געהייסון גיין צום לאנד כנען אוז דר
תירוץ אברהם האט מורא געהאט דוא
כנענים וועלון זאגון אברהם אוז גוקומון
אונ אונזער לאנד אונ האט מגייר גווען
דו עובדי ע"ז דרום אוז דער הונגר גקומן
אונ דעם לאנד דרום אוז אברהם אוועק
געגאנגון פון וועגון דעם הונגר ובפרט דם
איז גוועזן דער ערשטר הונגר אונ דער
וועלט אזו וועלון דוא עובדי ע"ז זאגון
דאס אוז גוקומין וועגון דער אמונה פון
אברהם (הנה נא ידעתי וגו') אברהם
האט גזאגט צו שרה אצונד ווייס איך אז
דיא בוסט אשיינו אשה דען דער סדר אוז
אונ וועג ווערט איין מענש מיאוס אונ
דיא בוסט דאך אונ דיין שונהייט נאך
איין פשט אוז אברהם אונ שרה זענון
גוועזן זייער בצניעות אברהם האט קיין
מאל נוט גזעהן דעם גוף פון שרה נייערט
אצינד זענון זייא געגאנגון אובער איין
וואסער האט שרה אוף געהובען אורע
קליידור אזו האט אברהם דר זעהון אור
לייב דרום האט אברהם צוא אור גזאגט
אצונד ווייס איך אז דוא בוסט שיין אונ
מיר קומון קיין מצרים זייא זענון שווארצו
לייט אונ זענון נוט גוואנט צוא זעהון
אשיינו אשה אזו וועלון זייא דיך וועלון
נעמון אונ וועלון מוך דר שלאגון דרום
אונ אלו ערטער וויא מהר וועלון קומון
זאלסטו זאגון דוא בוסט מיין שוועסטער
כדי ווען מען וועט דיך וועלון נעמון אזו
וועלון זייא מוך לכל הפחות לאזון לעבון
אונ וועלון מור נאך אפשר מתנות געבון
אזו וויא דער סדר אוז דאס מען גוט דעם
ברידר פון דער כלה מתנות הער רבינו
בחיי שרייבט פון וועגון דעם רמב"ן
אברהם האט איין עבירה גטון וואס ער
האט זיין ווייב שרה גבראכט צוא איין
עבירה

נחלת

הענט אריין וועלון זיי מאכון זיי נידערון אונ
גיהנם דרום שטייט ויאמר מלך סדום אל אברם תן
לי הנפש והרכוש קח לך דער מלך סדום מיינט
מען דער גיהנם ער בעט צו אברם דאס אוז
דער צדיק גיב מור דעם נפש פון דו רשעים
וועל איך זייא דן זיין אונ זיי זייא נוט מציל
מוט דיין תפלה והרכוש אונ דוא וואס האבען
תשובה גיטאן נעם דור צוא מציל זיין זיי פון
גיהנם ויאמר אברם אל מלך סדום הרימותי ידי אל
יי וגו' דא שווער איך דוא מענטשן וואס איך
האב זייא אלע טאג התראה געטאן אז זייא
זאלון תשובה טאן אונ האב זייא גזאגט אז זיי
וועלון קיין תשובה נוט טאן וועלון זיי אריין
פאלון אונ גיהנם אונ זייא האבון מוך נוט
גיוואלט פאלגון שווער איך אויב איך וועל

צבי

זייא מציל זיין פון דיין רשות מוט תפלה נעם
דיר זייא זיי זענון אונ דיין רשות: רבי יהושע
בן לוי זאגט אמאל בין איך גיוועזן ביא דער
טיר פון דעם גיהנם האב איך גזעהן ווי מען
איז דן דוא רשעים אונ זייא שרייען ווי צוא
אונז דען דוא צדיקים: פלעגון אונז תמיד
שטראפון אונ מור האבין זיי נוט גוואלט צוא
הערון אונ דער נאך האב איך ווידר געהערט
איין קול שרייט דו רבי יהושע בר לואי הלט
צוא דיין מויל אונ שטאפ עס צוא דען דוא
האסט נאך קיין רשות נוט אזו וויא אנדרע
צדיקים צוא בעטון אוף זייא אוף זייא שטייט
ועסותם רשעים כי יהיו אפר תחת כפות רגליכם נאך
איין פשט אוז הרימותי ידי אל יי דוא נשמה
שווערט אז זוא זאל נוט מציל זיין דו רשעים

של"ה

(הנה נא ידעתי כי אשה יפת מראה את) נון ווייס
איך דם דו בוסט אשיינו פרויא . אונ בוז אהער הט
אברהם נוט גוויסט אז שרה אוז אשיינו פרויא . דר

הקדוש

פון זעהן מור דוא גרוסו צניעות פון אברהם אבינו
דם ער הט זיך קיין מאל דם פאר גענונון גנומון
זיין ווייב צו בטראכטון . אונ מור דארפון לערנון

עבירה דען ווייל ער האט מורא גהאט מען וועט אום הער שלאגן דרום האט ער גמאכט דאס מען זאל שרה נעמון פאר אווייב אונ זוא איז דאך גוועזן איין אשת איש ער האט גקערט פר לאזון זוך איך גאט ער קען אויטליבון מענטשון מציל זיין אונ גאך איין עבירה האט ער גיטין ער איז ארויס גגאנגון פון לאנד כנען פון וועגון הונגר אונ דרום זענון די ישראל גוועזן אונ גלות מצרים פיר הונדרט יאר אונ דם לנד ווי אברהם הט איין עבירה גיטין דם איז מצרים אובר אינזרו חכמים זאגון דם גלות מצרים איז ניט גוועזן פון דר עבירה וועגון נייערט ווייל אברהם הט גזגט צו גאט (במה אדע כי אירשנה) מוט וואס וועל אויך וויסן דם מיינו קונדר וועלון ירשונין דם לאנד כנען אונ ווייל גלות מצרים איז גקומין וועגון בייזו רייד אקגון גאט דרום הט עם גווערט פור הונדרט אונ דרייסיג יאר אובר דם גלות וואס מור זענון אונ אום דר איז גקומין פון דריי זאכון וועגון פון וועגון בייזו מחשבות אין בייזו מעשים אונ קנאה דרום גווערט אונזר גלות אזו לאנג דר רמב"ן שרייבט אברהם הט גזאגט צו שרה זו זאל זאגון אז ער איז אור ברודר אובר שרה הט נוט גוואלט אזו טון זו זאל פר לייקינון אור מאן נייערט אז זיי זענון גקומין קיין מצרים אזו הבון זיי שרה גלובט מוט אור שיינקייט

אין האבון גזאגט זו איז ראוי צו דם מלך אין האבון זיא נוט גפרעגט אוב זו הט אמאן אונ שרה הט שטול גשוויגון זוא הט נוט גזאגט דם זו איז דם ווייב פון אברהם נייערט אברהם הט אן גהובון צו זגון זו איז זיין שוועסטר אונ דרום הט דר מלך צו אברהם גוטס גיטין פון שרה וועגון אין דרום הט פרעה גזאגט צו אברהם (מה זאת עשית וגו׳) וואס הסטו אזו גיטין צו מור וורום האסטו נוט גזגט דם זו איז דיין ווייב אבר צו שרה שטייט נוט דם פרעה זאל אור עפום רעדון ווארום זו הט ניט גזאגט דם זו איז דם ווייב פון אברהם דען שרה הט שטול גשוויגון זו הט נוט פר לייקונט אור מאן דען אזו איז ראוי צו איטלוכן פרום ווייב אונ מען קען אויך פרעגון ווארום הט אברהם מורא גהט זיי וועלון אום דער שלאגון עם איז דאך אלו גוים פר באטון גווארון צו פר גיסון בלוט אזו וויא עם איז זיי פאר באטון גווארון אשת איש אזו ווי מור גפונון דם פרעה האט גזאגט צו אברהם ווארום האסטו מור נוט גזאגט דאס זו איז דיין ווייב אזו וואלט אויך אונ אור נוט אן גורורט ני ווארום הט אברהם מורא גהאט איז דר תירוץ אברהם האט גזאגט דוא מצרים זענון גשווינד נאך זנות וועלון זיי מוך גווים טייטון כדי שרה זאל נוט זיין קיין אשת איש ווי וואל דם רציחה איז אזו



נחלת צבי

וום האבון קיין תשובה נוט גטאן בלעדי רק אשר אכלו הנערים קום אונ זעה וויא אזו דוא תורה איז גלובט פר גאט דורך אור איז אמענש זוכה לחיי עולם הבא אונ דער וום לערונט מוט אנאנדערון איז ער נאך מער זוכה דרום שטייט רק אשר אכלו הנערים דאס מיינט מען די וואס האבון גלערונט תורה מוט אנדרו אונ מוט קינדר איז זייער שכר כפול זיי זענון אונ גן עדן מוט דער שכינה ווען ר׳ שמעון פלעגט זיין זעהן דוא קונדר ביי זייער רבי פלעגט ער זאגון אויך וועל גיין זעהן דוא שכינה דרום זאגט די נשמה צום שר של גיהנם אלו וועל איך נוט מציל זיין נאר רק אשר אכלו הנערים דוא וום האבון גלערונט תורה מוט אנדערע דוא וועל איך מציל זיין פון זיין האנט אונ ניט אויך אליין וועל זייא מציל זיין נאר דוא אבות וום הייסון ענר אשכול וממרא הם יקחו חלקם וועלין זייא אויך נעמון זייער חלק זייא וועלון אויך העלפן מציל זיין צו זייא :

גרום ווי אשת איש דאך ווען זוא וועט זיין איין אשת איש אזו וועלין זייא אלו מאל איין עבירה טון אובער ווען זייא וועלין מוך טייטון וועלין זייא נאר איין מאל איין עבירה טון אוך ווען אוך וועל לעבון וועלין זיי זוך פר מור שייאון צו לוגון ביי שרה אוך קען מען פרעגון מען טאר קיין מענטשון נוט מאכון זונדיגון אונ וויא האט אברהם גזאגט זוא איז זיין שוועסטר דר מוט הט ער דו לייט גמכט זינדיגון איז דר תירוץ אברהם האט צו שרה גט געגעבון אוף אקליינר צייט אונ ער הט זוך גטראכט ווען מען וועט זו נעמון וועט זוא נוט זיין קיין אשת איש (ויהי כבוא אברם מצרימה) אונ אז אברהם איז גוקומון קיין מצרים אונ דם פסוק איז גהערט דם אברהם אליין איז גקומון קיין מצרים איז קשה וויא איז שרה גוועזן איז דר תירוץ אברהם האט שרה בהאלטון אונ אקאסטון נאר מען הט גוואלט פון אברהם מכס נעמון הט מען אום גהייסון עפונון דם קאסטון צו זעהן ווס פאר אסחורה דרונון לוגט הט אברהם גמוזט עפונון דעם קאסטון אזו איז פון דם קאסטון ארום גנגגן אלעכט דאס אונ דר גאנצר שטאט איז לעכטוג גווארון פון איר שונקייט (ותקח האשה וגו') דו אשה איז ווארון גנומון אונ הויז פון פרעה דער פרקי רבי אליעזר שרייבט מוט צעהן פרובונג איז אברהם ווארון גפרובט דם ערשטו איז ווי ער איז גבורן גווארון האבון אום דו מכשפים גוואלט דר שלאגון ווייל זיי האבון גוויסט דם ער וועט אנייא גלובון אונ דער וועלט אוף ברענגון אזו איז ער פאר באהרגון גוועזן אונ אהייל דרייצון יאר אונ האט נוט גזעהון דו זון אונ דו לבנה אונ ווי ער איז ארום גגאנגון פון דר הייל האט ער גרעט לשון הקודש אונ האט גרעט ביז אוף אלו אפ געטר דם אנדערו פרובונג איז גוועזן ער איז גפאנגון גוועזן צעהן יאר

זיבון יאר אונ לאנד כותה אונ דריי יאר אונ ברד אונ דער נאך האט מען אום גווארפון אונ קאלך אובון אונ אין קלוך אובון הט גאט אום אוך גהאלפין דער פון. דאס דריטו פרובונג איז גוועזן ער הט גמוזט אוועק גיין פון זיין לאנד אונ פון זיין משפחה אונ אפרעמד לאנד אזו וויא אבעל תשובה. דם פערדו פרובונג איז דער הונגר איז גוועזן אונ לאנד כנען אזו הט ער גומוזט גיין קיין מצרים. דאס פופטו פרובונג איז גוועזן מען האט אום זיין וויב צו גונומון דאס איז גוועזן אום פסח אזו הט גאט גבראכט פלאג אויף פרעה אונ אוף זיין הויז גוזונד אונ דאס איז גוועזן ארמז דאס גאט וועט נאך ברענגון אוף פרעה נגעים אונ פרעה הט גשרובון צוא שרה אכתובה פון גאר זיין גאלד אונ זולבר אונ פון אלו זיינו קנעכט אונ דונסטון אונ דאס לאנד גושן הט ער איר אוך איין גשרובון אונ דר כתובה דרום זענון דו ישראל גזעסון אונ לאנד גושן אז זיי זענון גוקומון קיין מצרים אונ אבימלך הט אוך שרה גנומון איז גקומון דער מלאך מיכאל מוט אבלוסו שווערד אונ הט גוואלט דר שלאגון דם אבימלך דם זעקסטו פרובונג איז גוועזן עם זענון אוף אום גוקומון גרוסו גבורים צוא דער שלאגון אום אונ זייא האבון אן גוהובון אונ לוט אזו איז גוקומון דער מלאך מיכאל אונ האט גזאגט צו אברהם אזו וויא אונ פסוק שטייט (ויבא הפליט ויגד לאברם) דם איז טייטש דר אנטרונר איז גקומון אונ הט עם גזאגט צו אברהם אונ ווארום הייסט מיכאל אנטרונר ווייל אז הקב"ה הט אראפ גווארפון פון דם הומול דעם מלאך סמאל הרשע אזו הט סמאל אונ מיכאל אן גנומון אונ הט אום גוואלט מוט זוך נעמון האט הקב"ה דעם מיכאל גמאכט אנטרונן פון אום דרום הייסט מיכאל אנטרונר וויא באלד אברהם הט גוזעהון דם זיי האבון גפנגון זיין ברודרם

זין לוט אזו הט ער נאך גיאגט אונ הט זייא גהרגות אונ האט מציל גוועזן לוט אברהם הט גיאגט רבש"ע איך לויב דיך דר פר ווס דו האסט מיר גהאלפין אונ די מלאכים האבין דרויף גזאגט (ברוך אתה יי מגן אברהם) (ולאברם היטיב בעבורה) אונ פרעה הט צו אברם גוטס גוטין פון וועגין שרה ער האט אים געגבין שאף אונ רינדער אונ אלרלייא בהמות דרויף זאגט דיא גמרא בבא מציעא אונ פרק הזהב דער מענש זאל גווארינט זיין צו מכבד זיין דם ווייב דען די ברכה קומט אונ דם הויז פון דם ווייב וועגין אזו ווי אונ פסוק שטייט (ולאברם היטיב בעבורה) רבא האט גזגט צו די לייט זייט מכבד אייערו ווייבור וועט איר רייך ווערין (וינגע יי את פרעה) אז פרעה הט גהלטין שרה בייא זיך צוא ליגין בייא אים אזו גוקומין א מלאך אונ האט גברכט צרעת אויף פרעה דם ער הט נוט גקענט בייא אים ליגין אונ שרה הט תפלה גוטין אגאנצי נאכט אונ האט גזאגט רבונו של עולם דוא האסט אברהם צוא גזאגט גוטין צו טון בון אוך אויף דם ווארט ארוס גגנגין מוט אברהם אונ דער מלאך האט גהאלטין איין בלוזו שוועבד אונ דעם האנד אונ הט גוולט דער שלאגין פרעה אזו הט שרה גזאגט צו פרעה דם זו איז אברהמס ווייב דרום ווי שוקט זיך דם ער זאל ביי איר ליגין האט פרעה גרופין צו אברהם אונ הט צו אים גזאגט ווס האסטו מיר נוט גזאגט דם זו איז דיין ווייב אונ פרעה הט צו אים גזאגט נעם דיין ווייב דען פרעה הט גוואלט גוואר ווערין אויב זו איז זיין ווייב אבר אברהם הט זייער מורא גהאט צו זאגין דם זו איז זיין ווייב טמור וועלין זיי אום דר שלגין אונ פרעה הט גוואלט וויסין דם אמת דען ער הט זיך גטראכט אפשר וויל שרה אים נוט פר אמאן דרום זאגט זו דם זו איז אברהמס ווייב כדי פרעה זאל זו לזין גיין דרום הט פרעה גזגט צו אברהם איך הב זו גנומין צו איין ווייב כלומר זו וועט ביי מיר זיין איין מלכה אונ נוט איין קייפס ווייב דרום זאג אויב זו איז דיין שוועסטר אבר אברהם הט שטול גשוויגין אונ הט גאר נוט גרעט אזו

של"ה הקדוש

פון אונזר פאטער אברהם אונ פון אונזר מוטור שרה מדת הצניעות . אונ מדת הבושה . ווייא ווייס מור קענין :

(ואברם כבד מאד במקנה) אונ אברם איז גוועזין שווער בלאדין מוט פוך מיט זולבר אונ גאלד אונ ער איז פארט גגאנגן אונ זיינו רייזין . די רייזין וועלכו אברהם הט גמאכט איז גוועזין צו לערנין דוא וועלט אז עס איז דא אגאט . אונ מוט יעדור רייזו וועלכו ער הט גמאכט . איז זיין ערקענטניס אונ השגה גרעסור גווארין אונ דוא תורה דער ציילט אונז אז ווען גלייך אברהם איז גוועזין בלאדין מיט זייער פול רייכקייט אונ עס איז זייער שווער גוועזין שטענדיג אוף רייזין צו גיין (עם כל זאת) הט ער דארוף נוט גזעהן . האט נוט גשוינט נוט זיין פאר מעגין נוט זיין טרחה אונ איין מינוט נוט מבטל צו זיין מעבודת הבורא :

(ויאמר אברם אל לוט) אונ אברם האט גזאגט צו לוט איך בעט דיך עס זאל נאר קיין קריג נוט זיין דאס לערונט אונז וויא ווייט מיר דארפין זיך היטין פון מחלוקת אונ ווען עס מאכט זיך חלילה אקריג וויא פול מען דארף זיך מוה געבין דעם פייער צוא לעשין איידר ער שטארקט זיך באלד וויא אברהם איז גוואר גווארין אז עס האט זיך אן גפאנגין איין קריג צו וושין זיינו אונ לוטס הורטין האט ער באלד גבעטין לוט אונ האט גזוכט אמיטל דעם קריג צוא שטערין אונ (על דרך הצחות) איז מען מדקדק אונ ווארט מריבה וואס אברהם האט גזאגט אונ נוט (אל יהיה ריב) וויא אונ פסוק פרואר שטייט וויל (ריב) הייסט אקליינו קריג אונ איין אן פאנג אבר (מריבה) וואס עס קומט בלשון נקבה בדייטעט אגרוסין קריג ווס פאר ברייטרט זיך אונ פר גרעסרט זיך אלו ווייל וויא אנקבה וועלכו טראגט אונ גבארט אומר אונ בכוונה הט אברהם גברוכט דם ווארט (מריבה) אום צו זאגין איין ריב דם הייסט איין אן פאנג פון אקריג איז דאך שון גוועזין איך בעט דיך מור זאלין נוט צו לאזין עס זאל ווערין אמריבה דם הייסט אגרוסו קריג ווס פאר גרעסרט זיך אונ פר מעהרט זיך אלו ווייל :

אזו האט פרעה פר שטנון דס זו איז זיין ווייב דרום האט ער צו אום גזגט גיעם דיין ווייב אונ גיי דר בחיי פרעגט ווארום האט אברהם נוט גענפרט צו פרעה אונ ווייטר ביי אבימלך אז ער האט גנומן שרה האט אום אבימלך גפרעגט ווארום האסטו נוט גזאגט דס זו איז דיין ווייב ווי האסטו גזאגט זו איז דיין שוועסטר האט אברהם אום יוא גענפרט דרוף איז דר תירוץ פרעה האט גזאגט צו אברהם גיעם דיין ווייב אונ גייא כלומר זום דא נוט לאנג דרום האט אברהם מורא גהאט צו ענפרון פרעה ער זאל זוך נוט פר זומין אונ איז באלד אוועק גגאנגון אבר אבימלך האט נוט גזאגט גיי אוועק דרום האט אברהם אום גמוזט ענפרון ווארום ער האט גזגט זו איז זיין שוועסטר (וישלחו אותו ואת כל אשר לו) דר פסוק לערונט אונז פרעה האט נוט אפ גנומין די מתנות וואס ער האט גגעבון צו אברהם פון וועגון שרה וויא וואל ער האט גוקענט יוא אפ נעמון וייל אברהם האט אום גנארט אונ ער האט גזאגט זו איז זיין שוועסטר דאך האט גאט אנס גטואון דס ער האט ביי אום נוט אפ גנומון אונ פרעה האט אברהם בלייט אין איז אליין נאך גגאנגון פור טרוט דרום האט ער זוכה גוועזן דאס די ישראל זענון גוועזן בייא אום אונ גלות אונ מצרים פור הינדרט יאר (וילך למסעיו) דר תולדות יצחק שרייבט אברהם איז גוועזן אצדיק ער איז נוט נאגין גערון גוועזן דוא מתנות דען וואלט עס איין אנדרון גטראפון ער זאל בקומון גרוסו מתנות דורך רמאות אזו וואלט ער גשווינד אוועק גגאנגון אונ וואלט זוך ווייט אוועק גלאזט פון פרעה כדי ער זאל קיין חרמה נוט האבון אונ ער זאל נוט אוועק נעמון די מתנות אבר אברהם האט נוט אזו גטאן נייארט וילך למסעיו ער איז גגאנגון צו זיינו ערשטו ציאונג כלומר אזו ווי ער פלעגט צו גיין נוט גשווינד אונ האט אלו מאל איבער גנעכטוגט אונ דוא נעכטלוגר ווי ער האט גנעכטוגט אז ער איז גגאנגון פון דם לאנד כנען צום לאנד מצרים אינזרו חכמים זאגון אברהם האט גבארגט געלד אונ אלו הארברוג ווי ער איז גגאנגון פון דם לאנד כנען צום לאנד מצרים דען ער האט מורא גהאט צו ווייזון געלט אונ די הארברוגין פון וועגון גזלנים דרום איז אברהם ווידר איין גשטאנון אונ דוא הארברוגין צוא בצאלון זיינו חובות אוך לערנון אונזערו חכמים אפ פון דאנון דס איין מענש זאל איין שטיין אונ די הארברוגין ווי ער איז פרור איין גשטאנון כדי ער זאל דעם ערשטון בעל הבית קיין חרפה נוט אן טון (ולא נשא אותם הארץ) אברהם אונ לוט האבון גהאט פיל בהמות אונ זיי האבון נוט גהאט גינוג פאשו פר זייערו בהמות דרום איז גוועזן גרוס קרוג צווישון די פאסטוכר פון אברם אונ לוט (והכנעני והפריזי אז בארץ) דער רמב"ן שרייבט אלו זיבון אומות האבון אחלק גהאט אונ לאנד כנען נאר עס איז נוט גוועזן גינוג פאשו פר אלו זייערו בהמות דרום האבון אלו יאר אנדרו גוואנט אונ לאנד אונ דענסט מאל איז דר כנעני אונ דר פריזי גזעסון אונ דעם לאנד דרום האבן זוך די פאסטיכר פון אברם אונ לוט מוט אנגדר גקרוגט זיי האבון גזאגט דער כנעני אונ דר פריזי זיצון אליין אונ לאנד וייל עס איז ווינוג פאשו פר אלו בהמות אונ ווי וועלון מור גרים קענון בשטיין מוט אינזרו בהמות נאך איין פשט איז די קרוג איז גוועזן איבר דעם דוא פאסטוכר פון לוט זענון גוועזן רשעים אונ האבון גפאסוט זייערו בהמות אונ פרעמדו פעלדר אונ די פאסטוכר פון אברהם האבון זיי גשטראפט ווארום זיי נאזלון פרעמדו לייט האבון די פאסטוכר פון לוט זיי גענפרט גאט האט דם לאנד גגעבון צו אברם בירושה אונ אברם האט קיין זין נוט אונ לוט איז זיין גענסטר יורש אזו איז דם נוט קיין גזלה דרום זגט דר פסוק (והכנעני והפריזי וגו')

דר כנעני אונ דר פריזי איז הענסט מאל
נאך גוועזן אונ לאנד כלומר עס איז נאך
די צייט נוט גוועזן צו ירשנון דם דרום הט
אברהם גזאגט צו לוט ווס זאלין מיר זוך
קריגן אונ איין פרעמד לאנד לאמר זוך
צו שיידון אזו איז גגאנגן לוט אונ הט זוך
אום גקלויבין דם פלאץ פון דם ירדן וויל
דארטן איז גוועזן גוטי פאשע צו די בהמות:
(ויסע לוט מקדם) לוט האט אוועק גצוגון
פון דם קדמון פון דר וועלט כלומר ער
הט גזאגט אוך וויל נוט אברהם אונ אוך
נוט זיין גאט אונ ער הט זוך בהעפט צוא
סדום אונ עמורה אונ די לייט זענון גוועזן
ביז מוט זייער גוף אונ מוט זייער געלד
דאך הט זוך לוט בזעצט מיט די רשעים
זיין גלייכון די חכמים לערנון אפ פון
דאנון ווען מען דר מאנט איין רשע זאל
מען אום שענדון מען זאל זאגון (שם
רשעים ירקב) דען וויל דר פסוק דער
מאנט סדום אונ עמרה דר ציילט ער
זייער ביז די גמרא שרייבט אונ חלק די
לייט פון סדום זענון אובר דם אזו שלעכט
גוועזן וויל גאט הט זיי געגעבון זייער פיל
ברוט אונ גאלד אונ זילבר אונ זיי האבן
גזאגט מיר וועלון אונזר לאנד פר מאכון
דאס קיין אורח זאל נוט קומן אונ אונזר
לאנד דען זיא קומן נאר צו נעמון אונזר
גאלד אונ זילבר אונ זיי פלעגון געבון
פאלשו פסקים ווען איינר איז גפארון
איבר איין בריק הט ער גימוזט געבון פיר
רענדליך אונ ווען ער איז דורך דם וואסר
גפארון לעבון דר בריק הט ער גימוזט
געבון אכט רענדליך ווען איינר הט זיין
חברס וייב גשלגון אונ זו הט מפיל גוועזן
דם קינד הבון די דיינים גפסקות ער זאל
ביי איר ליגן ביז זו וועט ווידר טראגדיג
ווערין דען די עבירה פון זנות אונ אשת
איש איז ביי זיי נוט גאכט גוועזן אונ ווען
איינר הט זיין חבר גשלאגון ביז בלוט איז
פון אום אפ גגאנגון האבון דיא דיינים
פסקות דם דר גשלגור זאל בצאלון זיין

חבר וייל ער הט אום בלוט גלאזט גלייך
ווי איין רופא איין מאל איז אליעזר דר
קנעכט פון אברהם גקומין קיין סדום הבון
זיי אום גשלאגון איז פון אום בלוט גגאנגון
איז ער באלד גגאנגון צו די דיינים אונ הט
יענום גרופין האבון די דיינים גפסקות דם
ער זאל יענום בצאלון וייל ער הט אום
בלוט גלאזט צו איין רפואה גלייך ווי איין
רופא אזו הט אליעזר גנומין איין גרוסין
שטיין אונ הט אוף דם דיין גווארפון ביז
פיל בלוט איז פון אום אפ גגאנגון אונ הט
גזאגט צום דיין בצאל מיר פר דר רפואה
וועל אוך יענום בצאלון עס איז גוועזן איין
חתונה אזו איז אליעזר גגאנגון אויף דר
חתונה אום גבעטון אונ הט זוך גזעצט
אין עק טויש הט אום גפרעגט דער וואס
איז גזעסון לעבון אום ווער הט דוך גבעטין
איף דר סעודה הט אליעזר גזגט דו הסט
מיך גבעטון אזו איז דער מענש באלד
אנטלאפון ער הט מורא גהאט מען וועט
דר הערון ווס אליעזר זאגט איך אום דם
ער הט אום גבעטון אויף דר סעודה הט
אליעזר זוך ווידר גזעצט לעבון איין אנדרן
הט יענור אום אוך אזו גפרגט הט אליעזר
יענום אוך געענפרט אזו איז יענור אוך
ארוס גלפון אונ אזו הט אליעזר גיטין דם
גאנצון טויש ביז קיינר איז נוט גבלויבין
זיצון איז אליעזר גגנגון אונ הט זוך גזעצט
אליין אובר דם עסון אונ הט גגעסון דיא
גאנצו סעודה אונ זיי האבון גהאט איין
בעט פר דם אורח איז דר אורח לענגר
גוועזן פון דם בעט האבון זיי אום די פוס
אפ גהאקט איז ער קורצר גוועזן פון דעם
בעט האבון זייא אום אויסגיצוגון ביז ער
זאל זיין גלייך צום בעט אונ זייא האבון
גזאגט צו אליעזר ליג דוך אויף דם בעט
האט ער געענפרט פון דעם מאל אן וואס
שרה מיין הארינטו איז גשטארבון האב
איך איין נדר גטון איך זאל נוט ליגון אויף
איין בעט אונ ווען איין ארומן איז אהון
גקומן בעטון האבון זייא אום קיין ברוט

גוט גגעבון גייערט אוטלוכער האט אום געגעבון איין מטבע אונ האט זיין נאמון אן גשריבון אונ אז דער ארומן אוז גשטארבן האט אוטלוכר אפ גנומון זיין מטבע איין מאל האט איין מיידול איין שטוקול ברוט גגעבון שטולור הייט אז זוא אוז גגאנגון נאך וואסר האט זו אום ארום גטראגון אשטוקול ברוט מוט איין כיסול וואסער אונ ווי זיי זענון דם גוואר גווארון האבון זייא דאס מיידול אום גשמירט מוט האנוק אונ האבון זוא גלייגט פר דוא בינון אונ דיא בינון האבון זו אוף גגעסון אזו אוז איר גרוס גשריי גקומון פר גאט הט גאט גזאגט צוא זיין בית דין לאמור גיין זעהן וואס פר איין גשריי דאס אוז דם מיינט דער פסוק (זעקת סדום וגו׳) דאס אוז גמיינט דאס גשריי פון דעם מיידול דען (רבה) אוז בלשון קודש איין מיידול (ויי אמר אל אברם וגו׳) דר פסוק לערינט אינז דאס גאט האט נוט גרעט מוט אברם אונ דער צייט וואס לוט אוז ביא אום גוועזן נאר נאך דעם אז לוט האט זוך אפ גשייד פון אום אונ גאט האט צוא אום גזאגט (ושמתי את זרעך וגו׳) אוך וועל טון דיינו קונדר אזו פול ווי דער שטויב פון דער ערד (קום התהלך בארץ) גאט האט גזאגט צו אברהם שטיי אוף אונ גיי אונ לאנד אונ אור לענג אונ אור בּרייט אונ טוה איין חזקה אונ דעם לאנד דען איך וועל דאס געבון צו דור אונ צו דיינו קינדר (ויהי בימי אמרפל) אונ עס אוז גוועזן אונ דוא טעג פון נמרוד ער האט גהייסון אמרפל דאס מאכט אמר פול ער הט גזאגט מען זאל אברהם אריין ווארפן אונ קאלוך אובון דוא פור מלכים האבון גהלטון מלחמה מוט דו פונוף מלכים אונ האבון דער שלאגון דוא פונוף מלכים ווייל זיי זענון גוועזן זייער שטארק דאך אוז אברהם גגנגון מלחמה האלטון מוט דו פור מלכים ווייל זיי האבון גפאנגון לוט אונ דאס אוז גוקומון ווייל ער אוז גוועזן איין רשע אונ האט זוך בזעצט ביי דיא לייט פון סדום (ויבא הפליט ויגד לאברם) אוז גוקומון דר אנטרונר דם אוז עוג מלך הבשן אונ ער הייסט פליט ווייל ער אוז ווארון אנטרונון פון דער מלחמה פון דו פור מלכים אונ הט גזאגט צו אברם דם מען הט גפאנגן לוט אונ עוג הט עס גטון כדי אברם זאל נאך יאגון דוא מלכים אונ זאל אום קומון וועט ער נעמון שרה פר אווייב אונ איין טייל חכמים זאגון עוג הט דרום גהייסון פליט ווייל ער אוז ווארון אנטרונון פון דם מבול אונ הט גהייסון עוג ווייל ער אוז גוקומון צו אברהם אום ערב פסח אז מען האט מצות גובאקון דען עוג אוז טייטש אקוכול אונ אברהם האט גווינון דוא מלחמה אקעגון דו שטארקו מלכים (ועמק השדים בארות בארות חמר) אונ וויא דוא מלחמה אוז גוועזן אוז דורטון גוועזן טופו גרובר מוט ליים אזו זענון דו פונוף מלכים אהון ארייין גפאלון אונ זענון גושטארבון נאר דעם מלך סדום הט גאט איין נס גוטון דם ער אוז ארוס אונ דם הט גאט גטון ווייל מענשון הבן נוט גגלייבט דאס אברהם אוז גווארפון גוועזן אונ פייער אונ אוז ניצול גווארון אובור אצונד אז זיי הבון גזעהן דם גאט הט גהלפון דם מלך סדום פון דו טופו גרובר אזו האבן זיי שון גגלייבט דם עס קען זיין דאס אברהם אוז גווארפון גווארון אונ פייאור אונ אוז ארוס לעבדוג (והוא שוכן באלוני ממרא האמורי) אונ אברהם האט גרואט אונ דעם פלאץ פון ממרא אז מען הט אום גזאגט דאס לוט אוז ווארון גפאנגון דער ממרא אוז גוועזן דר חבר פון אברהם ער הט איין עצה גגעבון צוא אברהם ער זאל זוך מל זיין דען ער הט גזאגט צו אברהם ווען גאט זאל בגערון פון דוך דיין גאנצון גוף וואלסטו דאך אום גוים גגעבון מכל שכן דו ערלה דר גאט וום הט דוך מציל

גוועו פון דעם פייער אור כשדים אונ פון דעם הונגער אונ פון די מלכים דער וועט דיך היינט אויך מציל זיין דאס דו וועסט בלייבן לעבן אונ דרום הט ער גהייסן ממרא דם ווייזט אויף די פור זאכן וואס ער האט גזאגט צו אברהם דאס גאט הט אים מציל גוועו פון זיי. מלכים. מילה. רעב. אש. (וירק את חניכיו ילידי ביתו שמונה עשר ושלש מאות) אברהם הט גוואפונט זיינו שטרקו יונגון פון זיין הוז גזונד דריי הונדרט אונ אכצון מאנון צו נאך יאגון די מלכים אונ אפ צו נעמון לוט מוט זיין הוז גזונד אונזערו חכמים זאגון ער איז גנאנגון נאר מוט אליעזר אליין ווס ער האט אונ דר צאל דריי הונדערט מוט אכצון פרעגט דער בחיי ווי שוקט זוך דם דר פסוק זאל זגון בשיידלוך דריי הונדערט מוט אכצון אונ זאל נוט זגון בשיידלוך דם אליעזר אליין איז גנגנגון נייערט דר תירוץ איז אברהם הט מוט זוך גונומון דריי הונדערט מוט אכצון מאנון אונ ווי ער איז גוקומון צו דער מלחמה האט אברהם אום גהרופון ווער עס הט אונ זוך עבירות דער זאל זיך אום קערון אזו ווי דער סדר פלעגט זיין ביי דער מלחמה פון די ישראל אזו האבון זוך אלו אום גקערט נייערט אליעזר איז בייא אים גובליבון דרום שטייט (וירק את חניכיו) דאס הט צווייא טייטשון איינס איז ער הט גוואפונט זיינו יונגון אונ עס איז אויך טייטש ער הט אוים גליידיגט זיינו יונגון אונ האט זייא גלאזט אהיים גיין אונ אברהם איז גנגנגון נאר מוט אליעזר (כי נשבה אחיו) אברהם הט גהערט ווייא לוט איז גפאנגון גווארון הט ער זייא נאך גיאגט איז קשה ווארום רופט אים דער פסוק זיין ברודר ער איז דאך נאר גוועזן זיין ברודערס זון נייערט ער לאזט מוך הערון ווייא וואל דאס אברהם איז גוועזן איין צדיק אונ לוט איז גוועזן איין רשע האט דאך אברהם אים נוט אים גלאזט אונ האט זייא נאך גיאגט גלייך ווי ער איז זיין רעכטער ברודר (וירדוף עד דן) אברהם האט זייא נאך גיאגט ביז דער שטאט דן דארטון איז אים זיין כח שלאף גווארון ווייל דוא ישראל וועלון דר נאך עבודה זרה דורטן דינון (ויחלק עליהם לילה) אונ ער האט זיך פון זייערט וועגון צו טיילט מוט זיינו קנעכט ביי נאכט צו נאך יאגון זייא דוא חכמים זאגון אזו דעם פשט גאט האט דיא נאכט צו טיילט די ערשטו האלבו נאכט האט גאט אום איין נס גיטון דם ער האט דער שלאגון דוא שונאים אונ דוא אנדרו האלבו נאכט הט גאט בהאלטען צו זיינו קונדר צו דר שלאגון זיי ערו פיינד אונ מצרים מוט דער מכה פון בכורים אום פסח דער בחיי שרייבט אזו אברהם האט פון זייערט וועגון צוא טיילט דוא נאכט דוא ערשטו האלבו נאכט הט ער זייא נאך גיאגט ביז ער האט זיי דר יאגט אונ דוא אנדרו האלבו נאכט האט ער זיי גהרגות (ויצא מלך סדום) דער מלך סדום איז אברהם אקעגון גגאנגון אונ אטאל

וואס

של"ה הקדוש

(וישמע אברם כי נשבה אחיו) אונ אברם האט גהערט אז זיין ברודר איז גפאנגן גווארון דוא תורה דער ציילט אונז דוא מעשה אום אונז צו לאזון הערון אז עס איז זייער אגרוסו מצוה זוך מקרב צו זיין צו קרובים אונ זוך מוהע צו געבון זייא צו העלפין מור זעהון ווייא אברהם הט זוך מוסר נפש גוועזון אונ איז גגאנגן מלחמה האלטן מוט דוא קענוגון פון לוטס וועגון :

(אם מחוט ועד שרוך נעל) אוב פון אפאדום ביז אשוך בענדול אונ דער גמרא גפינון מור אז אונזרו חכמים האבון נוט גוואלט הנאה האבון פון אזאך ווס איז גקומון דורך אנם. אונ מסכת תענית (דף כ"ד) זעהן מור אז אלעזר איש בירתא ווס ער האט אוועק גגעבון דוא גאנצו נדוניא פון זיין טאכטר דוא גבאי צדקה אונ עס איז זוך בייא אים גבליבן נאר איין גולדן אונ גאט האט גטאן אנם אז פון דעם קליינום מעטבול ווייץ ווס ער הט גקויפט פר דעם גולדן איז פול גווארון דר גאנצר שפייכלר אונ אז זיין טאכטר

וואס אלו אומות האבון זוך אהון איין
גזאמולט אונ האבון דורטון גמאכט
אברהם פר אמלך אובר זייא אונ מלכי
צדק דער מלך פון ירושלים הט גבראכט
ברוט אונ וויין צו אברהם אונ האט אום
מכבד גוועזן ווי וואל דאס ער הט גהרגות
זיינו קונדער דוא פור מלכים דער מדרש
שרייבט דער מלכי צדק איז גוועזן דער
זון פון נח (ויאמר ברוך אברם לאל עליון)
אונ ער האט גזאגט גבענשט זאל זיין
אברהם אונ גלובט איז דער אייברשטר
גאט וואס האט אובר געענפערט דיינו פיינד
אונ דיינו הענד אונ וייל ער האט פרור
גבענשט צו אברם איי ער האט געבון
אלוב צו גאט דרום האט גאט גשטראפט
דעם מלכי צדק אונ האט פון אום אוועק
גנומען די כהונה אונ האט זו גגעבון צוא
אברהם אונ אברהם האט געבון מעשר
צו מלכי צדק וייל ער איז נאך דעמאלט
גוועזן אכהן אונ דער מלך סדום האט
גזאגט צוא אברהם גוב מיר מיינו נפשות
וואס דוא האסט צוא גנומען פון דוא

מלכים אונ דאס גוטס אונ דם געלט האלט
דיר האט אברהם אום געענפרט אוך האב
גשוורון צו גאט דם אוך זאל נוט אן רירון
איין רומין פון אשוך אונ קיין פאדום פון
אלומין וום דיין איז דם דו זאלסט נוט
זאגון דם דו הסט מוך רייך גמאכט (מחוט
ועד שרוך נעל) די חכמים זאגון גאט הט
גזאגט צו אברהם פון וועגון דם זכות וום
דיא הסטו גזאגט (מחוט) וועל אוך צו דיינו
קונדר געבון אמצוה פון פאדום דאס איז
מצות ציצית אונ וייל דוא האסט גזאגט
(ועד שרוך נעל) וועסט נוט אן רירון אפילו
איין רומין פון אשוך פון דעם מלך סדום
דרום וועלון דיינו קונדר האבון מצות
תפילין דם מען מכט פון רומין אונ וועלון
הבון מצות הליצה וום מען טוט מוט דעם
רומין פין דעם שוך (אל תירא אברם
אנכי מגן לך) גאט הט דא גזאגט צוא
אברם דריי זאכון דם ערישטו איז ער הט
מורא גהאט דם די קונדר פון דוא מלכים
וום ער הט דער שלאגון וועלון זוך נוקם
זיין אונ אום דרום הט גאט אים גזאגט
האב

## אוהל יעקב

(אל תירא אברם אנכי מגן לך) גאט האט גזאגט
צו אברם האב קיין פארכט נוט אוך בין דיין בשוצר.
דער מדרש זאגט אברהם האט גזעהן אז נמרוד האט
אום אריין גווארפון אונ קאלוך אובון ער זאל פאר
ברענט ווערון האט אום גאט מציל גוועזן הט ער מורא
גהאט אפשר האט גאט אום בצאלט זיין גאנצין שכר
אוף דער וועלט האט גאט צו אום גזאגט (אל תירא
אברם אנכי מגן לך) האב קיין מורא נוט אברם דוא
טובות וום אוך הב דור גטון האב אוך דור אומזוסט
גטון אונ דיין שכר איז לעולם הבא. למשל אונ
אגרוסר שטאט איז גוועזן אסאך סוחרים אונ זייער
סחורה ווערט גבראכט פון ווייטו מקומות נאר וייל
זייא זענון נוט גוועזן בכח אז איעדור זאל פארון
פלעגון זייא אום רוכטון איינום פון זייא אז ער זאל
ברענגון איעדרון זיין סחורה וואס ער דארף אונ ער
אליין האט זוך אוך גבראכט זיין סחורה איף זייערו
הוצאות דם געמליכי איז מיט אברם אוך ער איז גוועזן
דער בעסטור פון זיין דור וואס דורך זיין זכות זאל
אראפ קומין דוא ברכה פון דעם גאנצון דור וועגון
דרום איז כדאי אז אברם זאל נעמון זיין חלק אום
זיסט גאט זאל אום נוט אפ רעכונון פון זיין שכר
אונ זיין שכר זאל זיין בהאלטון אוף עולם הבא:

## של"ה הקדוש

הט אום דאס אפ גזאגט האט ער דעם ווייץ מקדיש
גוועזן אונ הט נוט גוואלט דער פון גניסון נוט מער
ווי איין אנדרר ארומור מאן פר דעם וום איז גוועזן
דורך אנס אוך גפונון מור אונ (מסכת שבת) בייא
דעם חסיד וום עס איז גשטארבון ביי אום זיין ווייב
אונ ער הט נוט גהאט ווער עס זאל זייגון זיין קינד
אונ גאט הט גטאן אנס אז פון זיינו ברוסט הט אן
גהובון צו געבון מולוך וויא ביי איינור פרוי האבון
דוא חכמים גהאלטון דם נס פר אחסרון אז גאט הט
אום נוט צו גשוקט אמוטל צו פר דונון וויא פול ער
דארף האבון צו נערהון זיין קונד אונ האט משנה
גוועזן פון זיינוס וועגון דוא טבע דאס איז אלץ
דערובר וויל מען דארף קיין הנאה האבון פון אנס
אונ דם קענון מור אם לערנון פון אברהם אבינו וום
ער הט נוט גוואלט קיין שום הנאה האבון פון דער
מלחמה אונ האט גזאגט אוך וועל גאר נושט נעמון
פון דור אונ דו זאלסט נוט זאגון אוך האב אברהם
רייך גמאכט וויל ער האט דא גזעהן אז דער נצחון
וואס ער האט מפלה גוועזן דוא פור מלכים איז
גוועזן אנס שלא בדרך הטבע אונ פון אנס הט ער
נוט גוואלט רייך ווערון אונ הט גגלובט אז דם וום
גאט האט אום צוא גזאגט אז ער וועט אוהם גרוס

דאס קיין מורא נוט דם אנדרו אוז ער הט אום צו גזאגט דם ער וועט הבון אזון דם דרוטע אוז (שכרך הרבה מאד) דיין שכר וועט זיין זייער פול אונ ער זאגט הרבה מיט צוויי ההין צו ווייזון ווען אברהם אונ שרה וועלון האבון איטלוכר איין (ה) אונ זייער נאמון וועלון זיי קינדר האבון אונ דרום ווייל רחל הט קיין (ה) נוט גהאט אין איר נאמון הט זו געגעבון איר דינסט בלהה צו יעקב וואס זוא האט גהאט צוויי (ההין) כדי איין (ה) זאל קומון צו רחל קינדר צו האבון אונ דם אוך הט גאט צו גזאגט צוא אברהם ער זאל האבון עולם הבא אונ אברהם האט נוט פר שטאנון וואס גאט הט אום צו גזאגט דען גאט הט אום נוט בשיידליך גזאגט דאס ער וועט אום קינדר געבון אונ עולם הבא דרום הט אברהם גזאגט וואס ניצט מיר וואס דוא וועסט מיר געבון ווען איך וועל קיין קינדר ניט האבון ווער וועט מיך ירשונין אזו האט גאט אום געענפרט זארג נוט דיין קנעכט אליעזר וועט דיך נוט ירשונין נייארט דיין זון וואס וועט ארוס גיין פון דיינו גדערום (ויוצא אותו החוצה) הט גאט אברהם אוס גצוגון פון זיין הויז אויף דר גאס אונ האט אום גוויזון די שטערון אין הט אום גזאגט אזו וואל ווי דו קענסט ניט ציילון די שטערון אזו פול וועלון זיין דיינו קינדער מען וועט זייא נוט קענון איבר ציילון איגזרו חכמים זאגון גאט הט אברהם אום גצוגון פון דער וועלט אויף דעם הימל אונ הט צו אום גזאגט דו ביסט העכר פון דוא מזלות אונ ווען שון דיין כוכב אונ דיין מזל ווייזט דאס דוא וועסט קיין קינדר נוט הבון קענסטו דם מזל פר ענדרין ווייל אוך האב דוך איך גהובון איבר די מזלות דם מיינט דר פסוק ויוצא אותו החוצה (והאמין ביי ויחשבה לו צדקה) אברהם האט גגלייבט אונ גאט אין הט דם גרעכונט פר א צדקה צו גאט וואס ער הט אום צו גזאגט צוא געבון

קינדער אונ נוט ער אוז דאס ווערט אזו שרייבט דער רמב"ן אונ דער בחיי שרייבט גאט האט צוא אברהם גרעכונט דם פר א צדקה אונ פר א גרוסו זאך וואס ער הט גגלייבט אונ דעם וואס גאט הט אום צו גזאגט דר תולדות יצחק פרעגט איין קשיא ווארום אז גאט הט צו גזגט צו אברהם צו געבון קינדר הט ער בלד גגלייבט אונ האט נוט בגערט קיין צייכון אונ אז גאט האט אום גזאגט דאס זיינו קינדר וועלון ירשונון דאס לאנד הט ער יוא בגערט איין צייכון אוז דער תירוץ אברהם הט גזאגט גוב מיר א צייכון דם מיינו קינדר וועלון ירשונון דם לאנד אזו וועל אוך שון ממילא וויסון דם דו וועסט מיר קינדר געבון נאך א קשיא פרעגט דר תולדות יצחק ווארום הט אברהם גזגט (ואנכי הולך ערירי) איך גייא אליין און קינדר הקב"ה האט דאך אום גזאגט (כי את כל הארץ וגו') צוא דיר אונ דיינו קינדר וועל איך געבון דאס לאנד אונ דיינו קינדר וועלון זיין אזו פול וויא דער שטוב פון דער ערד אוז דער תירוץ אברהם הט גמיינט דם וואס גאט הט צוא גזאגט צו געבון דם לאנד צו זיין זרע דם אוז גמיינט צו זיין משפחה אדר צו זיין הויז גזונד אובר נוט צו זיין אייגונום זון וואס וועט פון אום ארוס קומון דרום האט אברהם מורא גהאט אליעזר אוז אוך פון זיין הויז גזונד ער אוז דר עלצטר אונ זיין הויז אונ אוז גוועזן גלייך וויא איין זון אפשר וועט ער אום ירשונון דרום הט גאט גזאגט צו אברהם אליעזר וועט דיך נוט ירשונון (כי אם אשר יצא ממעיך) נייערט דער וואס וועט ארוס גיין פון דיינו גדערום כלומר פון דיין לייב ער וועט דיך ירשונון אונ דרויבער זאגט דא איין פסוק פון דיינו גדערום מער ווי אונ דר גאנצר תורה נאך א קשיא פרעגט אויך דער תולדות יצחק דוא תורה זאגט (והאמין ביי) ער הט גגלייבט אונ דעם

וָוס גָאט הָט אוּם צוּ גזָאגְט אוּז דָאךְ דָם מִשְׁמָעוּת אַצוּנְד הָט עֶר גגְלֵייבְּט אוּבֶּר פְּרוּר הָאט עֶר ח"ו נוּט גוּגְלֵייבְּט נַיְיעֶרְט אַזוֹ אוּז דֶער פְּשַׁט אַצוּנְד הָאט אַבְרָהָם גגְלֵייבְּט דָם גָאט וֶועט אוּם קוּנְדֶר גֶעבּוּן ווייל גָאט הָאט בַּשַׁיידְלֶעךְ גוּרֶעט דָאם פוּן זַיינוּ גֶדֶערוּם וֶועלוּן אַרוּם גֵיין קוּנְדֶר אָבֶּער פְּרוּר הָאט אַבְרָהָם גוּמֵיינְט דָאם זַיין מִשְׁפָּחָה אוֹדֶער זַיין קְנֶעכְט אֱלִיעֶזֶר וֶועט אוּם יַרְשׁוּנוּן (אֲנִי יְיָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאוּר כַּשְׂדִּים) גָאט הָאט גְזָאגְט צוּא אַבְרָהָם פוּן דֶעם מָאל אָן וָואם אוּךְ הָאב דוּךְ אוּים גוּצוֹגוּן פוּן אוּר כַּשְׂדִּים אוּנ הָאבּ דוּר אֵיין נֵם גְטוּן אוּז מַיין דֵעָה גוֶוען צוּ גֶעבּוּן דוּר דָם לַאנְד הָט אַבְרָהָם גְטְרַאכְט וֶוען זַיינוּ קוּנְדֶער וֶועלוּן עֲבֵירוֹת טוּן אָדֶר דוּ עוֹבְדֵי ע"ז וֶועלוּן תְּשׁוּבָה טוּן אַזוֹ וֶועט גָאט נוּט גֶעבּוּן דָאם לַאנְד צוּא זַיינוּ קוּנְדֶר דְרוּם הָאט אַבְרָהָם גְזָאגְט לָאז מוּךְ ווִיסֶען אוּבּ מַיינוּ קוּנְדֶער וֶועלוּן גוֹיִם יַרְשׁוּנוּן דָם לַאנְד אֲפִילוּ וֶוען זַייא וֶועלוּן עֲבֵירוֹת טוּן אָדֶר אֲפִילוּ וֶוען דוּ עוֹבְדֵי ע"ז וֶועלוּן תְּשׁוּבָה טוּן אַזוֹ הָאט אוּם גָאט גֶעעֶנְפֶרְט זַיי וֶועלוּן גוֹיִם יַרְשׁוּנוּן דֶר בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט אוּנ מִדְרָשׁ שְׁטֵייט אַז אַבְרָהָם אוּז גְבּוֹרוּן גְוָוארוּן אוּז אֵיין שְׁטֶערוּן אוּנ הוּמוּל א"ף גְגַאנְגוּן אוּנ מִזְרַח זַייט אוּנ הָט אַנְגְשְׁלוּנְגֶן פִיר שְׁטֶערוּן פוּן דֶער וֶועלְט הָאבּוּן דוּ חֲכָמִים גְזָאגְט צוּא נִמְרוֹד אַצוּנְד אוּז אַזוּן וָוארוּן גְבּוֹרוּן צוּ תֶּרַח וָואם זַיינוּ קוּנְדֶר וֶועלוּן יַרְשׁוּנוּן דוּא וֶועלְט אוּנ יֶענוּ

וֶועלְט אוּנְזֶר עֵצָה אוּז דוּא זָאלְסְט תֶּרַח גֶעבּוּן פוּל גָאלְד אוּנ זוּלְבֶּר עֶר זָאל דוּר גֶעבּוּן זַיין זוּן אוּנ דוּא זָאלְסְט אוּם דֶער שְׁלָאגוּן הָאט נִמְרוֹד בַּאלְד גְשׁוּקְט צוּא תֶּרַח אוּנ הָאט אוּם גְזָאגְט גוּבּ מוּר דַיין זוּן אוּנ אוּךְ וֶועל דוּר גֶעבּוּן פוּל גָאלְד אוּנ זוּלְבֶּר אַזוֹ הָאט תֶּרַח גְזָאגְט אַמָּשָׁל צוּ נִמְרוֹד מֶען זָאגְט צוּ אַפֶּערְד אוּךְ וֶועל דוּר גֶעבּוּן פוּל הָאבּוּר צוּ עֶסוּן נַייאֶרְט לָאז מוּךְ פְרוּר דַיין קָאפּ אָפּ הַאקֶען עֶנְפוּרְט דָאם פֶּערְד וָואם טוּג מוּר דֶער הָאבֶּער וֶוען דוּא ווִילְסְט מוּר דֶעם קָאפּ אָפּ הַאקוּן וֶוער וֶועט עֶסוּן דֶעם הָאבֶּר אַזוֹ אוּךְ וֶוער וֶועט יַרְשׁוּנוּן דָאם גָאלְד אוּנ זוּלְבֶּער וֶוען דוּא ווִילְסְט מַיין זוּן דֶר שְׁלָגוּן אַזוֹ הָט נִמְרוֹד צוּ אוּם גְזָגְט אוּךְ פַר שְׁטֵיי נָאךְ דַיינוּ רֵייד דָם דוּ הָסְט נָאךְ אַזוּן הָט תֶּרַח גְזָאגְט עֶר אוּז גְשְׁטָרְבּוּן הָט נִמְרוֹד גְזָאגְט אוּךְ ווִיל דֶם לֶעבְּדוּגִין וָום אוּז נֶעכְטוּן גֶבּוֹרוּן גְוָוארוּן אַזוֹ אוּז תֶּרַח גְגַאנְגוּן אוּנ הָט גְנוּמוּן אַקְלֵיין קוּנְד פוּן זַיין שִׁפְחָה אוּנ הָט גְבְּרַאכְט צוּ נִמְרוֹד אִין זַיין זוּן אַבְרָהָם הָט עֶר פַר בָּארְגוּן אִין אַהֵייל דְרַיי יָאר אַזוֹ הָט גָאט אוּם צוּ גִישׁוּקְט צְוֵויי שְׁטֵייעֶר פוּן אֵיינוּם אוּז גְגַאנְגוּן בִּימֶל אוּנ פוּן דֶעם אַנְדֶרוּן אוּז גְגַאנְגוּן הָאנוּק אוּנ זֶעמוּל מֶעל ווִי עֶר אִיז אַלְט גְוָוארוּן דְרַיי יָאר אִיז עֶר אַרוּם גְגַאנְגוּן פוּן דֶר הֵייל אוּנ הָט אָן גְהוּבּוּן טְרַאכְטוּן וֶוער הָט בַּשַׁפוּן הִימֶל אוּנ עֶרְד אִין מוּךְ אַזוֹ הָט עֶר גְזֶעהֶן דוּ זוּן הָט עֶר גְטְרַאכְט דוּ זוּן אוּז אַגָאט אוּנ הָט אֵיין גְאנְצִין

של"ה הקדוש

מאכון אונ רייך מאכון וועט מְקוּיָם ווערון בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע . אונ אוף נִסִּים דַארְף עֶר זוּךְ נוּט סוֹמֵךְ זַיין : (וְהֶאֱמִין בַּה׳ וַיַּחְשְׁבֶהָ לּוֹ צְדָקָה) אונ עֶר הָאט גְגְלֵייבְּט אונ גאט אונ עֶר הָאט דָאם גְרֶעכְוּנְט פַאר אַנוֹתְקִיים אֵלּוּ מְפָרְשִׁים לֶערְנוּן דֶעם פְּשַׁט אַז דוּא ווערְשְׁט (וַיַּחְשְׁבֶהָ לּוֹ צְדָקָה) גֵייט דָאם אוּף גָאט דוּא אֱמוּנָה וָום אַבְרָהָם הָאט גְהַאט אונ גָאט הָט דָם גָאט אוּם גְרֶעכְוּנְט פַר אַוָואלְטְהַאט . אונ דֶער בַּעַל עֲקֵדָה לֶערְנְט אַז דֶם גֵייט אוּף אַבְרָהָם דָם הַיְּמִט אַז אַבְרָהָם הָאט גְהַאלְטֶן אַז דוּ הַבְטָחוֹת וָום גָאט אִיז מַבְטִיחַ אוּם גִיטֶם צוּ טָאן אוּז דָם פוּן גָאט אַוָואהֲלְטַהַאט אונ אַחֶסֶד וֶועלְכוּ עֶר אוּז דָם נָאר נוּט וֶוערְט נָאךְ זַיינוּ מַעֲשִׂים אוּנ דֶער פוּן דַארְף זוּךְ יֶעדוּר מֶענְשׁ אַרָאפּ נֶעמוּן אַמוּסָר אוּנ בַּעקְלֶערוּן אַז דוּא טוֹבוֹת וָום מוּר הָאבּוּן פוּן גָאט אוּז נוּט פֶערְדוּנְטוּ נוּט אַשְׂכַר פַאר אוּנְזֶערוּ מַעֲשִׂים טוֹבִים נָאר לוּטוּר חֲסָדִים אוּנ צְדָקָה פוּן הַשִּׁי"ת :

גאנצן טאג תפלה גיטון צו דר זין אונ צו נאכט אוז די זון פר גאנגן אונ די לבנה אין די שטערין זענין אויף גגאנגן הט ער גמיינט די לבנה איז דער הער אונ דוא שטערין זענין זיינו קנעכט אונ הט תפלה גיטון צו דער לבנה אונ אקעגין טאג אוז די לבנה מיט די שטערין פר גאנגין אזו הט ער גוויסט דם זו אוז אויך קיין גאט ניט בוז ער הט ערקלערט דם גאט אונ הימל אוז איין גאט (במה אדע כי אירשנה) אברהם הט גזגט לאזמיך וויסן מיט ווס פר אזכות וועלין מיינו קונדר ירשנין דם לאנד הט גאט אים גענפרט דורך דעם זכות פון די קרבנות דרום שט״יט (קחה לי עגלה) נעם מיר אקאלב אונ אצויג אין אווידר אונ אטערקול טוב אונ איונגו טוב מיט דעם הט גאט אים גוויזן דאס זיינו קונדר וועלין ברענגין קרבנות פון בהמ׳ת אונ עופות אונ אברהם הט די בהמות צוא האקט אויף צוויי שטוק אונ הט גגעבין איין שטוק אקעגין דם אנדרין אין אוז איבר גפארין צווישין די שטוקר אין הט גשווארין ער זאל גאט איבוג דינין אונ אוב ער וועט אים נוט וועלין דינין זאל ער ווערין צו האקט אזו ווי די בהמות אונ גאט הט גשווארין צו אברהם ער זאל אים געבין דם לאנד אונ האט גישוקט זיין שליח דם אוז דאס פייאר אונ דם פייאר אוז גגאנגין צווישין די שטוקר גלייך ווי גאט אליין אוז דורך גגאנגין אין האט גשווארין ער זאל אים געבין דם לאנד אונ אברהם הט צו האקט אלו בהמות אונ דעם פוגול הט ער נוט צו האקט אויף צוויי שטוקר דאס האט ער גוויזין די ישראל ווס זענין גגלעכין צוא די פייגל די וועלין בלייבין אונ פייגול זענין גקומין אונ זענין גפלוגין אויף דוא שטיקור האט אברהם זיי אוועק גיאגט (והנה אימה חשכה גדולה נופלת עליו) אונ אמ׳רא אונ אגרוס פונצטרנוש אוז גפאלין אויף אברהם ווייל גאט הט אים

גוויזן דאס זיינו קונדער וועלין זיין אונ גלות אונ ווי וואלדם גאט הט גשווארין דם זיינו קונדר וועלין ירשונין דם לאנד דאך ווען זייא וועלין בייז זיין וועלין זייא פאר טריבין ווערין פון זייער לאנד (ידע תדע כי גר יהיה זרעך) גאט האט גזאגט צו אברהם דיינו קונדר וועלין זיין גרים אונ זיי וועלין מוזין ארביטן פור הינדערט יאר דאס גלות פון מצרים הט אן גהובין זיך פון דעם מאלאן וואס יצחק אוז גבורין גווארין ווען שון זייא זענין נאך ניט גוועין אונ מצרים דאך האבין זיי קיין לאנד נוט גהאט אונ זענין גוועין גלייך וויא גרים אונ פרעמדו לענדר זונט יצחק איז גיבורין גווארין הער בחיי שרייבט דאס גלות אוז דרום גוועין פור הינדרט יאר ווייל זיי האבין איין בייז אונ גוהט זיי האבין נוט גוואלט געבין צדקה צו עניים אזו האבין זיי גהסון רע עין דאס ווארט האט אונ דער צאל פור הונדרט (וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי) גאט הט גזאגט צו אברהם דם פאלק וואס וועלין שווער ארבוטון מוט דיינו קונדר וועלין אויך זיי משפטון אונ וועל אויף זיי שוקון צעהן מכ׳ת (ואתה תבוא אל אבותיך בשלום) אונ דו אברהם וועסט קומין אונ קבר צוא דיינו עלטורין מוט שלום דוא וועסט נוט זעהון קיין גלות אונ פון דאנון לערנון מור אפ דם תרח דר פאטר פון אברהם הט תשובה גוטון איי ער איז גשטרבון דען ער זאל הבון גשטארבון ארשע וואלט גאט נוט גזגט צוא אברהם דוא וועסט קומון צוא דיין פאטר דען אברהם אוז גוועין אצדיק אונ ווי שוקט זוך דם ער זאל קומון אויף יענר וועלט צוא ארשע הער רמב״ן פרעגט ווען די גזירה פון גאט אוז גוועין דם די ישראל זאלון זיין קנעכט אונ מצרים אונ זאלון גפיינוגט ווערון דורך זייער ארבוט נוא וואס זענון דוא מצרים שולדוג דאס גאט האט גזאגט ער וועט

זיי שטרפֿון אוז דער תירוץ דוא מצרים
האבון אום גטראכט פֿול בייז אונ האבון
מוט זיי גארבוט מוט שווערי ארבוט אונ
זייער כוונה אוז נוט גוועזן אויף דער
ארבוט נייערט זייא האבון גוואלט דו
ישראל אום רייסון פֿון דער וועלט מער
ווי דו גזירה אוז גוועזן אונ זיי האבון זייערי
קונדר גווארפֿון אונ ווסר דרום הט גאט זיי
גשטראפֿט (תקבר בשיבה טובה) דוא
אברהם וועסט ווערון בגראבון מוט אגוטו
עלטר דוא וועסט נוט זעהון אונ דיינו
קונדר קיין בייז דם לערונט אונז דאס
ישמעאל הט תשובה גטון ביי זיין לעבון
אין עשו אוז ביא זיין לעבון נוט זייער
שלעכט גוועזן אונ דרום אוז אברהם
גשטרבון פֿינוף יאר פֿר זיין צייט כדי ער
זאל נוט זעהן ווי עשו דונט ע"ז אונ דם טאג
זאס אברהם אוז גשטארבון האט עשו
גדונט ע"ז אונ הט גטון רציחה דען עס
אוז זייער גרום דר צער ווען איינר זעהט
בייז אונ זיינו קונדר דרום הט גאט גזגט
צו אברהם עס אוז בעסר דו זלסט שטרבן
פֿינוף יאר פֿרור כדי דו זאלסט נוט זעהן
קיין בייז אונ דיינו קונדער (ודור רביעי
ישובו הנה) גאט הט גזגט צו אברהם נאך
דריי דורות פֿון דיינו קונדר וועלון זוך אום
קערון אהער קיין ארץ ישראל ווייל דו
לייט וואס וואנון דא אונ א"י אוז זייער
מאס נאך נוט פֿר פֿול דרום אוז זייער
צייט נאך נוט גקומין צו פֿר טרייבון זיי פֿון
זייער לאנד דען גאט בצאלט ערשט ווען
די מאס ווערט פֿול מוט עבירות (והנה
תנור עשן ולפיד אש) גאט הט גשוירט
ארוך גיין צווישון דו שטוקר פֿליש פֿר
אסימן דס גאט הט גשוורון צו אברהם
ער זאל אום געבון דם לאנד כנען (ושרי
אשת אברם לא ילדה לו ולה שפחה
מצרית ושמה הגר) שרי דאס ווייב פֿון
אברהם הט קיין קונדר נוט גהאט אונ זו
הט גהאט איין דינסט מיד פֿון מצרים דו
טאכטר פֿון פרעה מלך מצרים דען פרעה

הט גזגט לאז בעסר מיין טכטר דינון ביי
אברם איידר אהרונטו אונ אנדער הויז
ווייל פֿול ניסים אוז וואָרון גשעהן צו אברם
אזו הט שרה גנומין דו מיד הגר אונ הט זו
געבון צו אברם ווייל זו הט געהן דס זו
אוז שון צעהן יאר אונ לנד כנען אונ הט
דאך קיין קונדר נוט אונ שרה הט זוך
גטרכט פֿון דם זכות וועגונוועם זו גוט איר
דינסט צו איר מאן וועט גאט איר אוך
קונדר געבון (וישמע אברם לקול שרי) אונ
אברם הט צו געהערט שרין אונ איר צו ליב
גיטון צו לוגון ביי הגר אובר זיין כוונה אוז
ניט גוועזן דם זיינו עיקר קונדר זלין זיין פֿון
הגר דרום שטייט (ותקח שרי) כלומר שרי
הט זו אליין גנומין אונ גבראכט צו אום אונ
דרום שטייט (אשת אברם) ווי וואל מיר
ווייסון פֿון לאנג דם אז שרי אוז דם ווייב
פֿון אברם שרייבט דר רמב"ן דר פסוק
ווייזט אונז ווען שון שרי הט געבון הגר
צו אברם הט שרי גזאגט אברהם אוז דאך
מיין מאן אונ איך בין זיין ווייב איך וועל
מיך פֿון אום נוט אפ שיידון אונ דר פסוק
לערונט אונז ווען איינר אוז צעהן יאר מוט
זיין ווייב אונ הט קיין קונדר נוט זאל ער
איר גט געבון אזו ווי דער פסוק זאגט
(מקץ עשר שנים) נאך צעהן יאר דאס
אברם האט מוט שרה קיין קונדער נוט
גהאט אזו הט שרה גגעבון הגר צו אברם
(ויבא אל הגר ותהר) אונ ווי אברהם אוז
גקומין צו הגר אוז זו טרגונדוג גוואָרון אזו
הט הגר גזאגט אויף שרה זו מוז נוט רעכט
פֿרום זיין דען ווי פֿול יאר זו אוז גוועזן מוט
אברם אוז זו נוט טרגונדוג גוואָרון אונ איך
בין שון טרגונדוג גוואָרון אונ זו הט איר
הרונטו שרה מבזה גוועזן הט שרה גזגט
צו אברהם דו הערסט צו מיין שאנד ווי
הגר שענט מוך אונ שווייגסט נאך מער
הט שרי גזאגט צו אברם דו הסט גקערט
תפלה טון אויף מיר אוך דם מיר ביידו
זאלון קונדר הבון אונ האסט נאר תפלה
גטון אויף דיר אליין דו האסט גזגט (ואנכי

הולך ערירי) אוך גיי אוועק אן קינדר אונ האסט מוך נוט גדאכט (ישפוט יי ביני וביניך) גאט זאל משפטין צווישן מיר און דיר אונ זל דיר דר פר בצלון אונ אין דעם קונד ווס הגר הט גטרגון הט שרה איין בייז אונ דרונון גגעבון אזו הט זיא מפיל גוועז דם קונד דו חכמים לערנון פון דאנון אפ דר ווס בגערט איין דין פון גאט אוף דם אנדרון דעם גייט נוט גוט אום דען שרה הט זוך דר מוט פר זונדוגט דם זו איז פרור גשטארבון איי אור צייט איז גקומון אכט אונ פערצוג יאר דען זו הט גזאלט אזו לאנג לעבון ווי אור מאן אברהם אונ אברהם הט גזאגט צו שרה דיין דונסט הגר איז אונ דיין האנד טו אור ווס דו ווילסט אזו הט שרה זו גפיינוגט מיט שווערו ארבוט דער רמב״ן שרייבט וויל אברהם הט גלאזט פיינוגון הגר אונ וויל שרה הט זו גפיינוגט דרום גוועלטוגן די קונדר פון הגר אובר דו קונדר פון אברהם אונ שרה אונ פיינוגון זייא אונ הגר איז אנג לאפון גווארון פון שרה אזו האט איין מלאך זיא גפונין׃

דם איז ווי דר מלאך הט זוך בווייזון צו הגרן



(ויאמר הגר שפחת שרי אי מזה באת) דר בתיי פרעגט ווארום הט דר מלאך גדרפט זאגון הגר דו דונסט מוד פון שרה מיר ווייסון שון לאנג דם זו איז די דונסט מוד פון שרה נייערט דר פסוק לערונט אונז

דער מלאך הט זוך צו אור בווייזון וועגון דעם זכות ווס זו איז דו דינסט מוד פון שרה אונ דר מלאך הט אור גוויזון דם זו אונ אורו קונדר וועלון זיין איביג קנעכט אונ דונסטון צו שרה אונ צו אורו קונדר אונ דר מלאך הט צו אור גזאגט קער דוך אום צוא דיין הארונטו שרה אונ ווער גפיינוגט אונטר אורו הענד אונ דר נאך איז ווידר גקומון איין מלאך אונ האט גזאגט צו הגר דו וועסט האבון אזון אונ זאלסט זיין נאמון רופון ישמעאל וויל גאט הט גהערט אונ דיין פיין דער זון וועט זיין אווילדר מענש ער וועט שלאגון אלו לייט אונ אלו לייט וועלון אום שלאגון אונ הגר הט גווינון אזון אזו הט אברהם גרופון זיין נאמון ישמעאל דען די נבואה הט אוף אום גרואט אונ ער הט צי גטרפון דם נאמון ווס דר מלאך הט גזאגט צו הגר אונ דר רמב״ן שרייבט הגר הט זוך גשעמט אנאמון געבון דעם קונד וויל זו איז נוט גוועז ארעבט וייב צוא אברהם דרום הט זו גזאגט צו אברהם דם דר מלאך הט אור גהייסון רופון דם קונד ישמעאל הט אברהם זו גפאלגט אונ הט אום גרופון ישמעאל אונ אברם איז אלט גוועז זעקס אונ אכצוג יאר אז הגר הט גווינון ישמעאל אונ דר פסוק לאזט אונז דאס ווסון כדי מיר זאלון דארפון ווסון דם ישמעאל איז אלט גוועז דרייצון יאר אז אברהם הט אום מל גוועז אונ הט אום נוט גווערט (ויהי אברם בן תשעים שנה ותשע שנים) אונ אז אברם איז אלט גוועז ניין אונ ניינצוג יאר הט זוך גאט צו אום בווייזון אונ הט צו אום גזגט (אני אל שדי) איך בון איין גאט ווס אוך קען אלין טון דרום האב קיין מורא נוט דו מילה וועט דיך נוט שלאף מאכון דען אוך קען דיך גזונד מאכון (התהלך לפני והיה תמים) גייא פאר מור אונ זייא גאנץ כלומר זיי נוט גטיילט אונ דיין גוף דם דיין הארץ זאל נוט זיין גלייך צוא דיין

מול נאך אפשט אוז ווען דוא וועסט דיך מלו זיין וועסטו זיין גאנץ פאר מיר (ולא יקרא עוד שמך אברם והיה שמך אברהם) אונ מען זאל דוך נוט ריפן אברם נייארט אברהם מוט איין (ה) וייל מיט דר מילה האסטו גווינון פוניף גלידר צוא דינון רעכט הקב"ה מוט זייא אוך אברהם אוז טייטש איין פאטר איבר אלו פעלקר (והיתה בריתי בבשרכם לברית עולם) דוא מילה זאל זיין אצייכון אונ אייער לייב דאס אור זאלט גאט דינון אייביג אונ דער צייכון זאל נוט ווערון אפגטון פון אייך אונ דוא מילה אוז בעסור פון איין קרבן דען איין קרבן ברענגט מען פון דעם געלד אובור דוא מילה אוז אונ גוף דער פרקי ר' אליעזר שרייבט אברהם האט זוך אום יום כפור מלו גווען אונ אלו יום כפור זעהט גאט דאס בלוט אונ פר גוט אונז דו עבירות דער רמב"ן שרייבט דו מילה אוז דרום גבאטון צוא שלאף מאכון דאס גלוד כדי דר מענש זאל נוט אזו גלוסטון צו תאוה דר תולדות יצחק פרעגט ווס דארף דר פסוק צו זאגון וויא פול אברהם אוז אלט גווען אז מען הט אום געהייסון זוך מלו זיין נייארט דער פסוק לאזט מוך הערון דם גאט הט גזאגט צוא אברהם ווי וואל דוא בוסט אלט ניין אונ ניינציג יאר אונ בוסט שון שלאף קינדר צו האבון וועל אוך דוך שטארק מאכון דם דו וועסט נאך דר מילה קונדר האבון אונ אוך וועל געבון דאס לאנד ארץ כנען צו דיינו קונדר פון וועגון דעם זכות פון דר מילה (ויפול אברהם על פניו) אונ אברהם אוז גפאלון אוף זיין פנים דען איי אברהם הט זוך מלו גווען הט ער נוט גקענט שטיין פר דער שכינה אובר נאך דעם אז ער האט זוך מלו גווען שטייט גשריבן (ואברהם עודנו עומד לפני יי) אונ אברהם שטייט נאך פאר גאט (לא תקרא את שמה שרי) דו זאלסט זו נוט ריפון שרי נייערט שרה אוז טייטש איין הארונטו אובר דר גאנצר וועלט (ויפול אברהם על פניו ויצחק) אונ אברהם אוז גפלון אוף זיין פנים אונ האט גלאבט דם ער אוז אזו אלט אונ שרה אוך אונ זאלון קונדר האבון אונ גאט הט גזאגט אוך וועל שרה בענשון דם זו וועט אור צייט האבון אזו ווי דו יונגו ווייבער אונ וועל זו בענשון דאס זו וועט פול מולוך האבון אונ אורו ברוסטון דען אלו לייט האבון נוט גגלייבט דם שרה הט גווינון איין קונד נייערט זיי האבון גזאגט שרה הט איין פרעמד קונד גנומון אונ זאגט זיא הט גווינון דם קונד אונ ווי שרה הט יצחק אנטווינט האט אברהם גמאכט אגרוסו סעודה אונ האט גבעטון אלו גרעסטו לייט אוף דר סעודה מוט זייערו ווייבר אזו האבון דו ווייבר מוט גנומון זייערו קליינו קונדר אונ דו אמען האבון זיי נוט מוט גנומון אונ ווי דו קונדר הבון אן גהובון צו ויינון האבון זיי גזאגט צו שרה גיב אונזרו קונדר צו זייגון הט שרה אלו קונדר גנומון אונ הט זיי אלו אן גזייגט דען גאט הט זו גבענשט מוט פול מילך אונ אורו ברוסטון אזו הבון אלו ווייבר גוויסט דם שרה האט גווינון אקונד דער מדרש שרייבט גאט האט גנומון דו יוד פון שרי אונ צו טיילט אוף צווייאון אונ הט האלב גגעבון צו אברהם אונ האלב אוז גבליבון ביא שרה דאך האט דו יו"ד גקלאגט פאר גאט ווארום האסטו מוך צוא גנומון פון איין צדקת האט אור גאט געענפערט אוך וועל דיך ווידר געבון צו איין צדיק ער וועט פרור הייסון הושע אונ דר נאך וועט ער הייסון יהושע מוט אי"ד (הלבן מאה שנה יולד) אברהם האט גזאגט זאל דען איין אלטר מאן פון הונדרט יאר קענון מאכון גווינון איין קונד אוז קשה ווי שוקט זוך דם אברהם זאל זוך פאר ווינדרון דרוף ווען גאט האט אום גזאגט ער זאל יוא האבון קונדר נאך מער מור גופונון דאך

אֲפִילוּ אונ אונזֶרִי צַייטוּן דָם אַיין אַלְטֶר מַאן פוּן נַיינְצִיג יָאר קֶען קִינְדֶר הָאבּוּן אוֹךְ אַבְרָהָם אִיז פֶערְצִיג יָאר נָאךְ דוּא רַייד גְקוּמֶן צוּ קְטוּרָה אונ הָט מוּט אוּר פִיל קִינְדֶר גְהַאט אִיזְדֶר תֵּירוּץ אַבְרָהָם הָט זִיךְ נִיט פַאר וְוינְדֶרְט נַייעֶרְט אַבְרָהָם הָט אַזוֹ גְזָגְט אַז אוֹךְ בִּין יוּנְג אוּנ שְׁטַרְק גְוֶועֶן הָאבּ אוֹךְ קֵיין קִינְד נִיט גְהַאט אונ הַיינְט דָם אוֹךְ אוּנ שָׂרָה זֶענוּן אַלְט זָלוּן מִיר קִינְדֶר הָאבּוּן דָאס מוּז זַיין אַנֶם פוּן גָאט אונ אוֹךְ גְלֵייבּ אַז גָאט קֶען אַלֵין אונ אַבְרָהָם הָאט זִיךְ גְפְרֵייט דְרוּם הָט גָאט גְזָאגְט צוּ אַבְרָהָם (וְקָרָאתָ אֶת שְׁמוֹ יִצְחָק) דוּ זָאלְסְט רוּפוּן דֶם נָאמוּן פוּן דַיין זוּן יִצְחָק דָאס אִיז טַייטְשׁ פְרֵייד וַוייל דוּ הָסְט דוּךְ גְפְרֵייט אונ וַוייל דֶר נָאמוּן פוּן יִצְחָק אִיז גוּקוּמוּן פוּן גָאט דְרוּם אִיז עֶר אַזוֹ גְבְּלִיבּוּן בִּיז אַייבִּיג אָבֶּר דֶער נָאמוּן פוּן אַבְרָהָם אִיז וָוארוּן פַר עֶנְדֶרְט פְרוּר הָט עֶר גְהֵייסוּן אַבְרָם אונְדֶר נָאךְ הָט עֶר גְהֵייסוּן אַבְרָהָם אונ דֶער נָאמוּן פוּן יַעֲקֹב אִיז אוֹךְ וָוארוּן פַר עֶנְדֶרְט פְרוּר הָט עֶר גְהֵייסוּן יַעֲקֹב אונ דֶר נָאךְ הָאט אִים גָאט גְרוּפוּן יִשְׂרָאֵל אונ דֶר בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט אַבְרָהָם אִיז זַיין נָאמוּן וָוארוּן פַר עֶנְדֶרְט וַוייל עֶר אִיז גְוָוארוּן אַפָּאטֶער פוּן פִיל פֶעלְקֶר אונ דֶער נָאמוּן פוּן יַעֲקֹב אִיז וָוארוּן פַר עֶנְדֶרְט וַוייל אַמַלְאָךְ הָט מוּט אִים מִלְחָמָה גְהַאלְטוּן אונ עֶר הָאט דֶעם מַלְאָךְ בַּיי גוּקוּמוּן אָבֶּר צוּ יִצְחָק אִיז נָאר נִישְׁט גְשֶׁעהֶן דְרוּם אִיז זַיין נָאמוּן אַזוֹ גְבְלִיבּוּן אונ אוֹךְ יִצְחָק הָאט דְרוּם אַזוֹ גְהֵייסוּן הֶען דוּא יוּ״ד וַוייזְט אוֹיף צֶעהוּן פְּרוּבּוּנְג וָואס אַבְרָהָם אִיז וָוארוּן גְפְּרוּבְט אונ דוּ צַדִ״יק וַוייזְט אוֹיף דוּ נַיינְצִיג יָאר וָואס שָׂרָה אִיז אַלְט גְוֶועֶן אונ דוּא חֵי״ת וַוייזְט אוֹיף מִילָה וָואס זוּ אִיז צוּ אַכְט טָאג אונ דוּ קוּ״ף וַוייזְט אוֹיף הוּנְדֶערְט יָאר וָואס

שאדין טוט (היפלא מיי דבר) גאט האט גזאגט אוז דען איין זאך פאר הולין פון מיר אוך זאל עס נוט קענין טון (ותכחש שרה) האט שרה גלייקנט אונ האט גזאגט איך האב נוט גשפעט ווארין זי האט מורא גהאט צו זאגין זי האט גשפעט אונ שרה האט נוט גוויסט דם גאט האט גזאגט צו אברהם זי האט גשפעט דען ווען זי וואלט גוויסט דם גאט האט אום גזאגט וואלט זי נוט גלייקנט גאטם רייד נאר שרה האט גמיינט אברהם מערקט זוך זי האט גשפעט וייל זי האט גלאבט אודר וייל זי האט נוט גלובט אוף דער גוטער בשורה דרום האט זי גלייקנט אונ דר נאך אז אברהם האט איר נאך אמאל גזאגט דו האסט יא גשפעט האט זי שון פאר שטאנין גאט האט אום גזאגט זי האט גשפעט אזו האט זיא שוין גשוויגין. אונ דער רמב"ן שרייבט שרה האט נוט גוויסט דם גאט האט דם גזאגט דם זו ווערט האבין איין זון דען אז גאט האט גזאגט צו אברהם דיין וייב שרה ווערט האבין איין זון האט אברהם דאס נוט גזאגט פאר שרה וייל ער האט גטראכט גאט ווערט גווים באזונדר שוקין איין מלאך צו שרה צו זאגין איר די גוטי בשורה. אונ אז די מלאכים זענין גקומין אונ האבין איר גזאגט דם זו ווערט האבין איין זון האט זו גמיינט זיי זענין מענשין ניט קיין מלאכים דרום האט זו גשפעט (זקנים באים בימים) פון אדם הראשון ביז אברהם שטייט נוט דאס זקנים אוז אונ דר וועלט גוועזן נאר אז אברהם אוז גקומין האט ער גזאגט צו גאט רבונו של עולם אז איין פאטער גייט מוט זיין זון אונ מארק אזו ווייסין די לייט נוט ווער אלט אוז אונ ווער יונג אוז מען קען דרום דם אלטין מאן נוט מכבד זיין עס אוז רעכט איין אלטער מאן זאל האבין גראי האר
האט

נחלת

דרום שטייט תיכף ויקומו משם האנשים וישקיפו על פני סדום רבי יהודה זאגט אזו איז דער סדר פון איין צדיק אז ער זעהט אז מען הייבט אן אויבין צו בטראכטין זיין משפט אילט ער תשובה צו טאן מוט תפלות אונ פאסטין אונ צדקה געבין אזו ווי עס איז מרומז אין דעם פסוק למען אשר יצוה את בניו וגו' לעשות צדקה ומשפט ביז די מקטרגים גייען אוועק פון אום דער נאך איז ער מתפלל אוף די רשעים זיי זאלין נוט אריין גיין אין גיהנם אריין אזו ווי עס שטייט ואני בחלותם לבושי שק אונ בעט נוט דיא רשעים זאלין שטארבין. ווארום ווען הקב"ה וואלט צו גנומן תרח פון דער וועלט בשעת ער איז גוועזן איין רשע וואלט דאך אברהם אבינו מוט כל ישראל אוף דר וועלט ניט גוועזן אונ מען וואלט דוא תורה נוט מקבל גוועזן דרום זענין דוא צדיקים מתפלל זייא זאלין תשובה טאן. רבי אבא הייבט אן עס שטייט ואלה הגוים אשר הניח יי לנסות בהם את ישראל אוך האב גזעהן אז דוא וועלט האט מער קיין קיום נוט נאר אובר דוא מענטשין ווס זייא גוועלטיגין אוף דעם יצר הרע דען

צבי

יוסף הצדיק האט דרום זוכה גוועזן צוא דר מלוכה וייל ער האט בצווינגין דעם יצר הרע מיר האבין גלערינט דר ווס נעמט איין דוא מלחמה פון דעם יצר הרע איז זוכה צוא מלכות שמים ווארום הקב"ה האט נאר בשאפן דעם יצר הרע מען זאל מוט אום פריבן דעם מענטש אזו ווי עס שטייט כי מנסה יי אלהיכם אתכם. נאר נאך ווס דארף השם יתברך דם מענטש פרובין כדי דער מענטש זאל נוט האבין קיין פתחון פה צוא זאגין איך וואלט גוועזן אובר גשפארט דעם יצר הרע ווייזט מען אום די מלחמה צוא זעהן וויא אזו ער ווערט זוך נוהג זיין. דרום שטייט ולוט דם איז דר יצר הרע יושב בשער סדום ער זוצט דרטין צו פרובין זיי. רבי זאגט עס שטייט ורשעים כים נגרש אז אפילו מען משפט דעם רשע איז ער מעיז פנים אונ בלייבט ביי זיין שלעכטם דרום שטייט טרם ישכבו ואנשי העיר אנשי סדום נסבו על הבית דוא רשעים רונגלין ארום זוך שטארקין אויף דער קדושה אונ אויף דעם יצר טוב. רבי יצחק זאגט אזו וויא השם יתברך האט באשאפין איין גן עדן התחתון

האט גאט גזאגט צו אברהם דו זאגסט רעכט אונ פון דור וועל איך אן הייבן אונ האט גומאכט אברהם גרייז גרא דרום שטייט (זקנים) אונ אברהם האט מען דר קענט דם אלטקייט אונ אז יצחק איז גוקומן הט ער גזאגט פר גאט רבונו של עולם איין מענש שטארבט אן יסורים אזו האט ער אויף יענר וועלט זייער פיל יסורים דרום איז בעסור ער זאל אויך דער וועלט אבוסל יסורים האבן בכדי ער זאל אבוסול אפ קומן אויף דער וועלט הט גאט גזאגט דו בוסט גרעכט אין אונ דור וועל איך אן הייבן אזו וויא אונ פסוק שטייט (ותכהין עיניו) זיינו אוגן זענן טונקל גווארן ער

נחלת
אויף דער ערד אזו וויא עס שטייט ויטע יי אלהים גן בעדן מקדם אזו הט ער בשפן איין גיהנם התחתון אזו וויא עס שטייט ארץ עפתה כמו אפל אונ ווידער האט ער בשאפן איין גן עדן אויף דעם הומל פון וועגן דוא נשמות הצדיקים גמורים זיי זאלן דארטן גישפייזט ווערין פון דעם גרוים לוכטיקייט וואס דארטין איז פר האנדין אזו ווי עס שטייט והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים את יי אלהיך אויך אונ קהלת שטייט והרוח תשוב אל האלהים אויך הט ער בשפן איין גיהנם אויף דעם הומל אזו ווי עס שטייט ואת נפש אויביך יקלענה בתוך כף הקלע מען ווארפט דוא נשמה אזו וויא מען ווארפט איין שטיין מוט איין שליידער . אונ דר גיהנם התחתון איז צו דו רשעים גמורים משפט מען זיי מוט פייער אזו ווי עס שטייט ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי וגו' ואשם לא תכבה אונ דער גיהנם איז צו דוא פושעי ישראל וואס האבן עובר גיוועין אויף תורה ומצות אונ האבען קיין תשובה נוט גיטאן ווערין זייא דארטין גישליידערט אונ רינגלין ארום דוא גאנצי וועלט אזו וויא עס שטייט סביב רשעים יתהלכון זייא ווערין דרטין גמשפט צוועלף חדשים דער נאך קומט ער אויף זיין ארט ווייא ער אוז ווערט . דער פסוק זאגט אשר הפך יי באפו ובחמתו מיינט מען עס אוז

האט נוט גקענט זעהן אונ אז יעקב איז גקומן הט ער גזאגט פר גאט ווען איין מענש שטארבט אן קרנקהייט אזו קען ער זיינו קינדר קיין צוואה נוט לאזן הט גאט גזאגט דו זאגסט רעכט אונ אין דור וועל איך אן הייבן אונ אזו שטייט (ויאמר ליוסף הנה אביך חולה) מען הט גזאגט צוא יוסף נון דיין פאטער איז קראנק (ותצחק שרה) ווי עס איז גקומן תשרי נאך דם דם דו מלאכים הבון איר גזגט דם זו וועט האבון אזון אונ תשרי איז גקומין אין זו איז נאך נוט טרגנדוג גווארין אזו הט שרה גשפעט אויף דו רייד פון דו מלאכים דען זו האט זוך גטראכט עס איז שון נאר זעקס חדשים בוז פסח אונ אויך טראג.

צבי
פר האנדין רשעים וואס וועלון נוט אויף שטיין ליום הדין ווארום באפו מיינט מען בעולם הזה בחמתו איז בעולם הבא :

רבי יעקב זאגט דוא רשעים פון יהודים וואס האבן פאר אוס ווירדיגט דעם היילינון צייכון אונ האבן מחלל שבת גוועין בפרהסיא אונ חול המועד אונ האבן גליקיינט בתורה ובתחית המתים דוא גייען אין גיהנם ארײן אונ ווערון דארטן גמשפט לדורי דורות אבר זיי וועלון אויף שטיין לתחית המתים אונ אויף זייא הט דניאל גזאגט ורבים מישני אדמת עפר יקיצו אלה לחיי עולם ואלה לחרפות לדראון עולם נאך שטייט והיו דראון לכל בשר מיינט מען עס וועט אויף זייא קומען אזו פול צרות אז אלו מענטשין וועלון זאגון די ראון הייסט אז מען זעהט זייא זאגט מען לאז שוין זיין גנוג זייער משפט אבר אויף דוא צדיקים שטייט ועמך כלם צדיקים לעולם ירשו ארץ וגו' :

ויעל לוט מצוער רבי אבהו זאגט קום אונ זעה דער יצר הרע וועט נוט בטל ווערון פון דער וועלט בוז דער צייט וואס שטייט והסירותי את לב האבן מבשרכם האטשו דר יצר הרע זעהט וויא מען משפט דוא רשעים אין גיהנם גייט ער פארט ארוים אויף דר וועלט צוא פאר פורון דוא מענטשין מוט זייגע נארישקייט דרום שטייט ויעל לוט מצוער מיינט

טראג נאך נוט אבר אברהם הט יוא גגלייבט דם שרה וועט האבון אזון ווייל ער הט דם גהערט פון גאט אבר שרה הט גהערט פון דו מלאכים דרום הט זוא גמיינט זיי זענון פאלשו לייט אונ ווי וואל אברהם הט אוך גלאכט אז גאט האט אום גזגט דיין ווייב שרה וועט הור האבון איין זון אוז דער תירוץ אברהם האט נוט גלאכט פר ל' טון נייערט ער אוז גפאלון אוף זיין פנים אונ הט גלאכט דרום שטייט (ותצחק שרה בקרבה) שרה הט גלכט צווישון אירע קרובים (לאמר) זו הט זי דר ציילט אונ דר חזקוני שרייבט א תירוץ עס אוז איין משל איין אשה וויל שטראפון איר שנור גייט זוא אונ שטראפט אור טאכטר כדי דו שנור זאל עס פר שטיין אזו אוך הט גאט גזגט צו אברהם ורום הט שרה גשפעט כדי אברהם זאל אוך פר שטיין דם ער הט נוט רעכט גיטון ווס

נחלת

מען דער יצר הרע שטייט אויף דעם טויער פון דעם גיהנם אונ אין פרשת לך לך האבן מיר גזאגט פאר וואס הייסט דער יצר הרע ל"ט ווארום ער אוז דער נחש הקדמוני וואס איז פר שאלטון גווארון אונ אויף דעם ווערט ארור מאכט דער תרגום ל"ט רבי יהודה זאגט דרייא הנהגות אוז פאר האנדין בייא דעם מענטשין איינם אוז הנהגת השכל והחכמה דם אוז דער כח פון דער נשמה הקדושה .

אוהל

(המכסה אני מאברהם את אשר אני עושה ואברהם היו יהיה לגוי גדול) גאט האט גזאגט וועל אוך דען פר הולון פון אברהם וואס אוך וויל טון אוך וויל אובור קערון סדום אונ אברהם וועט זוך זיין צוא אגרוס פאלק למשל צווייא סוחרים וענון גפארון נאך סחורה איינור אוז גוועזן איונגער מאן אונ דער אנדערור אוז גוועזן איין אלטור מאן זענון זיי גקומון אונ אגרוסור שטאט האבון זיי גזעהן גוועלבר וום מען פר קופט מלבושים זאגט דער אלטור אוך בגער נייער צו קופון א מלבוש פון מיין בן יחיד וועגון נאר אוך האב מורא מאמור וועט עס נוט זיין גוט אוף אום זאגט אום דער יונגור אוך וועל קופון צווייא דרייא מלבושים זאגט צו אום דער אלטר וואס ווערטו טון

ער הט גשפעט (ותכחש שרה) אונ שרה האט גלייקנט (ואברהם הולך עמם לשלחם) אונ אברהם אוז גגנגון מוט דו מלאכים צוא בלייטון זייא פון דעם זכות וועגון האט זוך גאט באלד בוויזון צוא אום אונ ווי וויט אוז דער שיעור פון לויה איין חבר דעם אנדרון בוז אום דער שטאט ארום איין רבי זיין תלמיד בוז איין תחום שבת איין תלמיד זיין רבי בוז דריי מייל איין בעל הבית דעם אורח בוז איין מייל (המכסה אני מאברהם) גאט האט גזאגט זאל אוך דען פר הולון פון אברהם וואס אוך וויל טון צו סדום אוך האב אום דאך ליב ווייל ער אוז פרום אונ טוט שאפון זיין הויז גזונד צו טון צדקה אונ משפט אונ ווי אברהם הט גהערט דם גאט לובט אום אזו האט ער זוך נאך נידריגר גהאלטון אונ האט גזאגט (ואנכי עפר ואפר) אוך בון ערד אונ אש

פין

צבי

דאס אנדרו אוז הנהגת התאוה דאס דער מענטש גליסט צוא אלע זאכן דער כח גיט דעם מענטש לוסט צו מאן אלדייג . אונ דם דריטע אוז נפש המתאוה דער האלט דעם גוף ער זאל זוך גרויס האלטון אונ דאס אוז דער כח הנפש והגוף . זאגט רבי יהודה דר יצר הרע גוועלטיגט מער נוט נאר אונ דו צוויי כיחות הנהגת התאוה ונפש המתאוה דרום שטייט ותאמר הבכירה אל הצעירה אבינו

יעקב

אז זייא וועלון נוט גוט זיין אוף אייער קונד וועמון קאנט איר דם מלבוש אן טואון זאגט ער אוך האב עטלוכו קונדר קליינו אונ גרוסו אונ אוך אליין בון איונגער מאן וועל אוך נאך האבון קונדר אז דאס מלבוש וועט נוט גוט זיין אוף דעם גרעסורון וועט עס נוצון פר דעם קלענורון אודור זיי וועלון נוצון צוא דוא קונדר ווס אוך וועל דער נאך האבון דער נמשל איז גאט הט גוואלט אובור קערון סדום האט ער גזאגט (המכסה אני מאברהם אשר אני עושה) וועל איך דען פאר הולון פון אברהם דם אוך וועל אובור קערון סדום גאט הט דם מודיע גוועזן צו אברהם ער זאל פון זייערט וועגון תפלה טון תאמשו גאט האט גוויסט אז זיין תפלה וועט זייא נוט העלפון אפילו

פון דאנען זאל מען זוך אפ לערנען ווען מען לובט איין מענטש זאל ער זוך נוט אובער נעמון נייערט ער זאל זוך גאך מער נודרוג האלטון ווי פרור (כי ידעתיו) גאט האט גזאגט אוך האב אברהם לוב ווייל ער אוז פרום דר בחיי שרייבט גאט האט גזאגט אוך גוב אויף אברהם מער אכטונג וויא אויף אנדערו צדיקים דם אוז טייטש (ידעתיו) אוך לאז מוך צוא אום וויסון אלו צייט צו מציל זיין אום (ויאמר יי זעקת סדום ועמורה) גאט הט גזאגט דם גשריי פון סדום און עמורה אוז זייער גרוים און דוא לייט פון סדום און עמורה זענון גוועזן שלעכט מוט זייער גוף און מוט זייער געלד נאר זייער משפט און הומל אוז אום גגאנגון ווייל זיי האבון קיין צדקה נוט גוואלט געבון צוא ארמו לייט דען איין מיידול הט איין מאל איין שטוקל ברוט ארום גטראגון צו איין ארומאן און אור קרוג וואס זוא אוז גגאנגון מוט אום וואסר שעפון און דו לייט פון סדום זענון

### אוהל יעקב

איין צדיק אוז אוך נוט גוועזן ער זאל אויף זיי מגין זיין פון דעסט וועגון וועט דו תפלה העלפון זיינו קונדר וואס זייא וועלון זיין שפעטור טאמור וועלון דוא שפעטרו דורות נוט האבון זייער אייגונום זכות אז גאט זאל זייא נסים טון וועט זיי העלפון דו תפלה פון אברהם דם לאוט אום דער פסוק (ואברהם היו יהיה לגוי גדול) אברהם וועט זוך זיין צוא אגרום פאלק אז זיין תפלה וועט אצונדערט העלפון וועט דו תפלה העלפון זיינו קונדר וום וועלון זיין שפעטור:

גאט הט גוואלט פרובון צו אברהם הט ער אום גזאגט ער זאל ברענגון זיין איינצוגון זון יצחק אויף דער עקידה און זאל אום מקריב זיין פאר אקרבן עולה האט אברהם גנומון זיין זון יצחק און הט אום גבראכט אויף דער עקידה און הט גנומון דם מעסור ער זאל אום קולון אזו וויא גאט הט אום גהייסון האט אום גרופון אמלאך פון דעם הומול און הט אום נזאגט דוא זאלסט נוט אום שטרעקון דיין האנד צו קולון דיין זון יצחק נאך דעם הט אברהם דער זעהן אבאראן אוז פר טשעפוט מוט דוא הערנור און אדארון. הט ער גנומון דעם באראן און האט אום גקוליט פאר אקרבן עולה הט אמלאך פון דעם הומול גרופון צו אברהם דם אנדרו מאל און הט אום נזאגט נאם הט אזו נזאגט אוך שווער ביי מור ווייל דוא

דער פון גוואר גווארון אזו האבון זיי גנומון דאס מיידול און האבון זו אוים גשמורט מוט האנוק און האבון איר גבונדון אורו הענד און פום און האבון זו גלייגט פאר דיא בונון און פלוגון בוז דו בונון האבון זיא אויף גגעסן אזו אוז איר גשריי גקומון פאר גאט דאס זאגט דער פסוק (זעקת סדום ועמורה כי רבה) דאס גשרייא פון סדום און עמורה פון דעם מיידול שרייט זייער צוא מור דען (רבה) אוז טייטש אמיידול (עשו כלה) גאט הט גזאגט אוך וועל זעהן האבון זיי אנדרש אלו גזונדוגט און וועלון קיין תשובה נוט טון וועל אוך זייא פאר דארבון און ווען נוט זיי וועלון תשובה טון וועל אוך זייא נוט פר דרבון נייערט אוך וועל וויסון וואס פאר א יסורים אוך זאל זייא אן טון (ויגש אברהם ויאמר האף תספה צדיק עם רשע) האט אברהם געגעהנט און האט גזאגט צו גאט ווילסטו דען פאר דרבון דם צדיק מוט דעם רשע (אולי יש חמשים צדיקים בתוך העיר) טאמר

### של"ה הקדוש

(כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו) דען אוך לוב אום ווייל ער וועט זיינו קינדר און זיין הוז גזונר נאך זוך פר זארגון. מור זעהון פון דאנון וויא טייער און וויכטונ עס אוז ווען איין פאטור שטראפט זיינו קינדר און זיין הוז גזונר תמיד און וויא יעדור מענש אוז מחוייב אכטונג צו געבון אויף זיינו קונדר און זייא צו שטראפון כל זמן ער לעבט און צו פר זארגן זייא מוט עצות טובות און דברי מוסר אוך נאך זיין טוט און יעדור נאך זיין נאטור און זיין שטאנד דאס אוז דוא בעסטו ירושה וואס אמענש קען לאזון קינדער:

(ויגש אברהם ויאמר) און אברהם הט גגעהנט און הט גזאגט דער מדרש הנעלם שרייבט רבי האט גזאגט עס אוז אמצוה אויף יעדור מענשון ער זאל מתפלל זיין אויף דוא רשעים זייא זאלון חוזר בתשובה זיין און זאלון ניצול ווערון פון גיהנם וויא עס שטייט גשרובון (ואני בחלותם לבושי שק) (תהלים לה) און איך בשעת זייא זענון קראנק אוז מיין קלייד אזאק דאס אוז אסימן פון טרויער אוך הט רבי גזאגט אז עס איז אסור מתפלל צו זיין אויף דוא רשעים זייא זאלון שטארבון ווארום מור זעהן אז ווען הקב"ה וואלט צו גנומון תרח פון דער וועלט בשעת ער אוז גוועזון אגעצון דונור וואלט אברהם אבינו נוט גבארון גווארון

טאמר זענן דא פופציג צדיקים אונ דוא
פינוף שטעט דאס אוטליכו שטאט זאל
האבן צעהן צדיקים צו מציל זיין זייא
ווילסטו דען זיי פר לורן אונ ווילסט
זיי נוט לאזן פון וועגן די צדיקים וואס
צווישן זייא איז אונ אוב דוא ווילסט
ניט מציל זיין דוא רשעים פון וועגן די
צדיקים לכל הפחות זיי מציל דעם
צדיק אליין פון זיין זכות וועגן דער
רמב"ן פרעגט וואס האט אברהם גדארפט
זאגן (בתוך העיר) זאג נוט מער גאר

טאמר זענן דא צדיקים נייערט אברהם
האט אזו גזאגט טאמור זענן פרעמדי
צדיקים גקומן נוט לאנג צו וואנן אונ
דער שטאט אזו גלייך ווי לוט זאלסטו
זייא אוך מציל זיין (חלילה לך מעשת
כדבר הזה) פר מוטן זאל זיין צו דיר
פון צוא טון אזו אזאך צוא טייטן דעם
צדיק מוט דעם רשע (השופט כל הארץ
לא יעשה משפט) איז דען רעכט דר
וואס משפט דוא גאנצו וועלט זאל נוט
טון קיין רעכטן משפט (חלילה לך)
פר

## נחלת צבי

זקן מיינט מען דער נפש המתאוה זאגט צוא
דעם הנהגת התאוה לכה נשקה את אבינו יין
קום מור וועלן ביידע נאך גיין נאך תאוות
היצר הרע זענן זייא ביידע מסכים אונ
בהעפטן זוך אונ דעם יצר הרע דורך עסן
אונ טרינקן ווייטער שטייט ותקם הבכירה
ותשכב את אביה מיינט מען בשעת דר מענטש
ליגט אויף דעם בעט דער וועקט דער נפש
המתאוה דם יצר הרע טרכטן אונ גרישקייט
פון דעם יצר הרע בוז ותהרין שתי בנות לוט
מאביהן דוא ביידע כוחות ווערן טראגן פון
זייער פאטער דער יצר הרע דאס הייסט זייא
בהעפטן זוך אונ אום. רבי יצחק זאגט אלו
צייט איז דער יצר הרע נוט מפתה דעם
מענטשן נאר דורך אכילה ושתיה אונ
מחמת שמחה פון ויין אבר ביי איין צדיק
שטייט צדיק אוכל לשובע נפשו ער ווערט קיין
מאל נוט שכור. רבי יהודה זאגט איין תלמיד
חכם וואס ער שכרת זוך אן איז אויף אום
גזאגט גווארן דער פסוק נזם זהב באף חזיר אונ

ער איז נאך מחלל שם שמים דער מנהג פון
רשעים איז נאר שמחה פון ויין זייא דער
וועקן אויף זוך דעם יצר הרע אזו וויא עס
שטייט ולא ידע בשכבה ובקומה דר יצר הרע איז
ניט משגיח בשכבה דם מיינט מען עולם הזה
ובקומה דם איז עולם הבא. רבי אבהו זאגט
בשעת מען ברענגט ארין דוא רשעים אונ
גיהנם ברענגט מען דעם יצר הרע אויך ער
זאל זייא זעהן דרום שטייט ולוט בא צוערה דם
איז דער יצר הרע וואס ער הייסט לוט קומט
ער אונ דעם צער פון גיהנם אונ אז ער זעהט
דעם צער פון די רשעים פאלט אויף אים איין
פחד מוט איין ציטערניש ער מיינט מען וועט
אים אויך דן זיין אונ אז ער זעהט אז מען
משפט אים נוט גייט ער ווידר ארוים און צוא
ריידן די מענטשן צו שלעכץ רבי יצחק זאגט
אז ער פארכט זוך אזו וויא עס שטייט כי ירא
לשבת בצוער ווארום רעט ער ווידר אן מענטשן
צוא שלעכץ נאר אזו איז דער סדר פון דוא
רשעים אז ער זעהט איין דין פארכט ער זוך

## אוהל יעקב

האט מוך גפאלגט אונ האסט גוואלט מקריב זיין
דיין זון פאר אקרבן עולה דרום וועל אוך דוך
בענשן אונ וועל מערן דיינו קונדער. דער מדרש
זאגט אברהם האט זוך גפרייט וואס ער טוט נאטם
רצון ער האט אום גפורט צו דער עקידה מוט שמחה
גלייך וויא ער וואלט אום גפורט צו דער חופה מילא
קען מען דען זאגן ח"ו אז עס קומט אום נוט קיין
שכר פר דער מעשה פון דער עקידה ווארום דוא
משנה זאגט לפום צערא אגרא ועצלונג דער מענש הט
צער פון דער מצוה אזו פול שכר גוט מען אום.
נאר מור וועלן דוא זאך מפורש זיין דורך איין משל

איין שר האט גוואלט בייא זוך האבן איין קלוגן
מענשן ער זאל אכטונג געבן אוף זיין פר מעג אונ
זאל קענן מגדל זיין בהמות אונ עופות איין צוא
זאמלן דוא תבואות אלדונג זאל ער האבן ביי זוך
ער זאל נוט דארפן ביי קיין אנדערן קופן הט ער
זיך גטראכט וויא באקומט מען אזו אמענש אונ וויא
אזו פרובט מען אום הט ער זוך מיישב גוועזן ער
וועט פארן אוף דער וועלט טאמור וועט ער קריגן
אזו אמענש אוז ער גקומן אוף אנאכט לעגור אונ
אדארף ארין אונ האט זוך נהייסן געבן עסן אונ
טרונקן אונ דער פרוא הט ער גפרעגט וויא פול עס

פר מוטון זאל זיין צו דור דען דוא לייט וועלון זאגון דיין מנהג איז צו טייטון דעם צדיק מוט דעם רשע אזו האסטו גטון ביי דעם מבול אונ בייא דור הפלגה (ויאמר יי אם אמצא בסדום חמשים צדיקים ונשאתי לכל המקום בעבורם) הט גאט גזאגט אוב איך וועל גפונין אונ סדום פיפצוג צדיקים וועל איך דאס גאנצו אורט נוט פר דרבון (ויען אברהם) הט אברהם געענפרט אונ הט גזאגט טאמר וועט נאר ווערון גפונין פונוף אונ פערצוג צדיקים וועסטו דען פון פינוף צדיקים וועגון פר דארבון דם גאנצו אורט דען אברהם הט גטענות ווען דארטון וועט זיין פינוף אונ פערצוג צדיקים אזו נעמט זוך אן אוף אוטליכר שטאט ניין אונ דו גאט זאלסט דוך איך בהעפטון צו אוטליכר שטאט אזו וועט זיין ביי אוטליכר שטאט צעהן צדיקים דר נאך הט אברהם גבעטון טאמר וועלון נאר זיין פערצוג צדיקים זאלון לכל החמשת פור שטעט בלייבון הט גאט אום געענפרט (לא אעשה בעבור הארבעים) איך וועל נוט פר דרבון פון וועגון דם זכות פון דו פערצוג צדיקים דר נאך הט ער גזאגט טמור וועלון נאר זיין דרייסוג צדיקים זאל דריי שטעט ניצול ווערון הט גאט גזאגט איך וועל נוט פר דרבון פון וועגון דו דרייסוג דר נאך הט

## נחלת צבי

אונ דער נאך איז ער ווידר ווי פריער אזו איז דער יצר הרע אויך. רבי יצחק זאגט עס איז איין משל צוא גזלנים וואס לוגון אויף דעם וועג אונ קלובין אוים איין קלוגין מענטש וואס ער האט אונ זוך ווייכע רייד אונ שוקין אום ארוים אויף דעם וועג אונ ער בקומט עטליכו מענטשן הייבט ער אן צוא ריידון מוט זייא ווייכע רייד אונ ווערט בייא זיי ווי אקנעכט אונ באדינט זיי אונ זייא גלובין אים אונ ער פאר פירט זייא צוא דעם וועג פון דוא גזלנים אונ אז זייא קומען אהין שפרינגט ער ארוים צום ערשטון אונ הרגת זייא אונ זייא שרייען ווייא צוא אונז וואס מור האבן דיר גיגלייבט אונ האבן דוך גיפאלגט אונ אז ער הרגת זיי גייט ער ווידר ארוים אוף דעם וועג אונ רעט אובר אנדרי מענטשן דוא וואס זענון קלוג זיי ווייסין אז ער הט שוין פר פורט ווי פיל מענטשן מוט זיינע ווייכע רייד אונ דער נאך הט ער זיי גיהרגת ווילון זיי שון אים נוט פאלגין אונ דער ווייטערין זוך פון זיין וועג אזו איז אויך דער יצר הרע פון דוא גזלנים דאס זענון דוא קליפות ער גייט צוא מענטשן אונ

רעט זייא אובר מוט ווייכע רייד ער מאכט זוך פאר איין קנעכט צוא אום אונ ווייזט זייא אזעלכי זאכון וואס זענון אסור צוא אים אונ רעט אום אן אז ער זאל אראפ ווארפין פון זיך דעם עול תורה אונ זאל מוט זיי איין עבירה טאן אונ דוא שוטים גייען נאך נאך אים אונ פאלגין אים אונ גייען אונ זיין וועג דער נאך הרגת ער זייא צום ערשטין דען דער יצר הרע איז דער מלאך המות דער נאך פירט ער אום אליין אין גיהנם צוא זיין חברותה דו מלאכי חבלה וויא דער רשע קומט אהין שרייט ער נאך וואס האב איך אים גיפאלגט אונ דער נאך גייט ער ארוים פון דעם גיהנם אונ חפט אנדרי מענטשין מוט זיינו גוטע רייד. דיא וואס זענון קלוג גייען נוט אין זיינו וועגון אונ פאלגין אים נוט וואול צוא זייא אונ וואול צוא זייער חלק. רבי יוסי זאגט איך בין אמאל גגאנגן קיין בבל האב איך גזעהן וויא שיינע בחורים גייען צווישון שיינע ווייבר אונ האבן ניט גזונדיגט מוט זייא האב איך גזאגט צוא זייא איר פארכט אייך נוט פר דעם יצר הרע זאגון זייא מור קומען נוט ארוים פון קיין

## אוהל יעקב

באטרעפט דם עסון אונ טרונקון הט דער בעל הבית גמאכט איין חשבון דם פלייש אונ דוא עופות אונ דר וויין אונ דוא פוטור קאסט אזו פול געלד ווארום איך האב אלדונג גקופט וויים איך וום עס קאסט הט דר שר אום בצאלט אונ איז אוועק גפארון אונ איין אנדר דארף אוף נאכט לעגור אונ הט זוך גהייסן געבון צו עסון אונ צו טרונקן אונ דער פרוא הט ער גפרעגט וויא פול עס קאסט דם עסון אונ טרונקון ענפורט אום דער בעל הבית ווס זאל איך דור רעבונון אז איך האב קיין שום זאך נוט גקופט איך בון מגדל בהמות אונ עופות איך קויף נוט קיין שום זאך וויא דער שר הט דם דער הערט האט ער זוך זייער גפרייט אונ

ווייטר אברהם גזאגט טמור וועלין דרטון נאר זיין צוואנציג צדיקים הט גאט גזאגט (לא אשחית בעבור העשרים) אוך וועל ניט פר דרבין פון וועגין די צוואנציג הט ווייטר אברהם גזגט טמור וועלין דארטון נאר זיין צעהן צדיקים הט גאט גזגט (לא אשחית בעבור העשרה) אוך וועל ניט פר דארבין פון וועגין די צעהן צדיקים אבור אוך ווייניגר פון צעהן צדיקים הט אברהם ניט גבעטין דען ווען קיין צעהן צדיקים זענין ניט דא אזו איז גאט ניט מציל די וועלט אונ דרום ביי דור המבול איז מיין ניט גוועז נאר נח מיט זיין ווייב אין זיינו דריי זון מיט זייערו דריי ווייבר אזו זענין זיי מיין ניט גוועז נאר אכט מענשין האבין זיי ניט גקענט מציל זיין זייער דור דרום זענין אלו פאר לארין גווארין נור זיי אכט זענין גבליבין דער בחיי פרעגט ווס הט אברהם גדרפט אזו לאנג תפלה טון דען ווען גאט הט אום גזאגט ווען עס וועלין זיין פערציג צדיקים וועט ער מציל זיין פור שטעט אזו הט ער דאך שין גקערט צו וויסין ווען עס וועלין זיין דרייסיג וועלין דרייא שטעט ניציל ווערין אונ ווען צוונציג וועלין צוויי שטעט ניצול ווערין אונ דר תירוץ איז אברהם הט גמיינט אז מער צדיקים זענין איז דר זכות גרעסר דרום האט גאט גזאגט ער וועט מציל זיין פור שטעט פון וועגין די פערציג צדיקים אבר ווען עס איז דא ווייניגר פון פערציג צדיקים אזו וועט גאט גאר ניט וועלין מציל זיין דרום האט ער גמוזט בעטין אוף דרייסיג אונ אוף צוואנציג אונ אוף צעהן פון דאנין קען מען אפ לערנין דם מען זאל תפלה טון ווי פול לייט זענין מיט אנגדר דען דר זכות פון פול לייט איז זייער גרוס אזו ווערט די תפלה גענבר אן גנומין אונ די חכמים זאגין דאס אונ דער גמרא (אינו דומה מועטים העושים את התורה למרובין העושים) עס איז ניט גליך ווען ווייניג לייט הלטין די תורה צו פול לייט דען זייער זכות איז גרעסור נור גאט איז דער בארמיג אונ האט אברהם געענפרט ער וועט מוחל זיין אפילו אוף ווייניג צדיקים (ויבואו שני המלאכים) די צוויי מלאכים זענין גקומין קיין סדום אונ דר דריטר מלאכדום הט שרה איין בשורה גזאגט דם זו וועט הבין אזון דר איז צו ריק אונ הומל אריין דא פרעגט מען ווארום הט זיי די תורה ביי לוט גרופין מלאכים

נחלת

שלעכטי מחשבות נאר פון קדושה דען רבי יהודה האט גזאגט דער וואס איז זוך מקדש בשעת הזיווג גייען פון אום ארום פרימע קינדר ווס זיי האבין קיין מורא ניט פר דעם יצר הרע אזו ווי דער פסוק זאגט והתקדשתם והייתם קדושים נאך האט ער גזאגט אז איינר גייט אין איין שטאט אונ זעהט שיינו ווייבר

צבי

זאל ער זיינו אוגין אפ טאן פון זייא אונ זאל זאגין דעם שפראך סך טפאן אגזר אגזר נא גרידנא חקיל פוק פוק דאבוי קרושא דשבתא הוא ווארום מחמת דער היץ פון דעם וועג קען דר יצר הרע אונ אום שולט זיין דרום זאל ער דאס זאגין וועט ער ניציל ווערין :

אוהל

זאגט צו אום עס וועט דור גוט זיין אונ דוא ווערסט בייא מור זיין דער נאכן אונ דוא ווערסט בייא מור פורון נאר דוא שטוב ווארום דוא בוטט דער מענש ווס איך האב גוואלט נאך דעם טראכט זוך דער שר ווייל ער הט מור גגעבין עסן אונ טרונקן אונ עס קאסט אום ניט קיין געלד זאל אוך אום ניט צאלין איך האב זוך פון אום מעהר הנאה גהאט ווייא פון דעם ערשטין ער אוז זייער איין קלוגור אונ ווייא אוך האב אליין גוואלט דרום דארף איך ניט קוקין אוף דעם ווס עס קאסט אום ניט קיין געלד על כל פנים

יעקב

קומט אום צו צאלין אזו ווייא אוך האב דעם ערשטין גצאלט דער גמשל איז אמת דער ווס דער יצה"ר לאזט אום ניט טון קיין מצות אונ ער האלט מיט אום מלחמה אונ ער איז גובר דעם יצה"ר אונ טוט יוא די מצוה דעם קומט בוודאי אגרוסין שכר ווארום ווערליג דעם גרוסין צער וואס ער האט גהאט אזו איין גרוסין שכר קומט אום . נאר אובור דער פרומור יאס פון זיין גבורין אן גלומט ער נאר מצות צו טון אפילו דוא שווערסטו מצוה הערט ער ניט דעם יצה"ר אוז דער בייא גאט זייער חשוב קומט אום על כל

אין בייא אברהם האט זיי די תורה גרופֿון אנשים אוז דר תירוץ בייא אברהם זענון מלאכים גוויינטלך גוועזן צו קומון אזו ווי מענשון דרום רופֿט זיי די תורה אן אנשים אובר בייא לוט זענון מלאכים נוט גוואנט גוועזן צו קומון דרום רופֿט זיי דוא תורה מלאכים אוג די מלאכים זענון גקומין קיין סדום אויף דער נאכט אוז קשה וואָרום האבון זוך די מלאכים אזו לאנג גזוּמט פֿון חברון בוז סדום דער תירוץ אוז זייא זענון גוועזן מלאכי רחמים האבון זיי גווארט אברהם זאל מלמד זכות זיין אויף סדום (ולוט יושב בשער סדום) אוג דעם טאג האט מען לוט גמאכט פֿר איין שופֿט אוג סדום (וירא לוט ויקם לקראתם) לוט האט זיך אָפּ גלערונט פֿון אברהם צו מכבד זיין אורחים דרום אוז ער אויף גשטאנון פֿר זיי דען ער האט גמיינט דאס זענון מענשון דער בחיי אוג דר תולדות יצחק פֿרעגון וואָרום איז לוט זיי נוט אַקעגון גלאפֿון אזו ווי אברהם דר תירוץ אוז בייא אברהם זענון זיי גקומון אז עס אוז גאנץ לעכטוג גוועזן דרום האט אברהם זיי גזעהן פֿון ווייטון אין אוז זייא אַקעגון גלאפֿון אובר צו לוט זענון זיי גקומון בייא נאכט אוג דר פֿונסטר אזו האט זיי לוט נוט גזעהן ערשט אז זיי זענון גקומון גאנץ נאהונט פֿון אום אוז ער אויף גשטאנון אקעגון זיי (ויאמר הנה נא אדני סורו נא) אוג לוט האט גזאגט צו דיא מלאכים איך בעט אייך קומט אוג מיין הויז נאר גייט אריין אונטן ארום דאס די שטאט לייט זאלון נוט וויסון פֿון אייך דען איך בון מסובן מוט מיין לעבון ווען

זיי וועלון וויסון דאס איך האב אורחים אריין גנומון (ולינו ורחצו רגליכם) אוג איר געכטוגט אובר אוג דר נאך זאלט איר אָפּ וואשון אייערו פֿוס פֿון דעם שטוב וואס אויף זיי אוז אוג וואָרום האט לוט נוט גיטון ווי אברהם דאס ער האט זיי גהייסון פֿרור די פֿוס אָפּ וואשון אוג דער נאך קומין אוג זיין הויז אריין שרייבט דער חזקוני איין תירוץ לוט האט מורא גהאט ווען די רשעים וועלון קומן אוג וועלן זעהן די אורחים האבון ריינו פֿוס וועלון זיי זאגון זיי זענון שון לאנג בייא לוט אוג ער האט אונז נוט צו וויסון גוטון (ויאמרו לא כי ברחוב נלין) האבון די מלאכים גזאגט מור ווילון אוג דיין הויז נוט גיין נאר מור וועלון געכטוגון אויף דער גאס כדי די שטאט לייט זאלון זעהון וויא מור ווילון זיי אובר קערון טמור וועלון זיי תשובה טון (ויפצר בם) אוג אז לוט האט זייא זייער גבעטון האבון זיי אום גפאלגט אוג ציא אברהם האבון זייא באלד גפאלגט אוג האבון גזגט (כן תעשה כאשר דברת) טוא אזו ווי די האסט גרעט מור וועלון עסון בייא דיר . פֿון דאנון לערונט מען אָפּ אז צו אחשובון מענש דארף מען באלד פאלגון אוג נוט לאזון זוך בעטון אוג צו איין פֿראסטון מאן מעג מען זוך לאזון בעטון (ויעש להם משתה) אוג לוט האט זייא גמאכט אסעודה אוג האט מצות גבאקון אוג עס אוז גוועזן אום פסח אוג זייא האבון געגסון אוג דוא מלאכים האבון גפֿרעגט צוא לוט וואס זענון דוא שטאט לייט גוטו אודער בייזו האט ער

אוהל

בנים צוא צאלון גלייך מוט דעם וואס ער האלט מלחמה מוט דעם יצה"ר וואָרום עס אוז בייא גאט זייער חשוב וואס ער פֿירט זוך אזוי פֿון זיין יוגענט אן דאס נעמלוכו אוז בייא אברהם אבינו גוועזן האטשו ער אוז גאנגן צו טואון דעם רצון פֿון גאט ער זאל מקריב זיין זיין זון יצחק מוט גרוס שמחה אוג האט נוט גהאט קיין שום צער פֿון דעסט וועגון אוז ער נוט ערגר פֿון דעם וואס ער האט צער בייא

יעקב

דער מצוה וואָרום גאט האט הנאה פֿון זיין הנהגה וום ער פֿורט זוך פֿון זיין יוגענט אן דאס זאגט דער פסוק (יען אשר עשית את הדבר הזה) ווייל דוא האסט גפֿורט דיין זון יצחק צו דער עקידה מוט גרוס שמחה (ולא חשכת את בנך את יחידך) אוג דוא האסט נוט פֿאר מוטון דיין בן יחיד מקריב צו זיין (כי ברך אברכך) דרום וועל איך דוך פֿארט בענשון האטשו דו האסט קיין צער נוט גהאט :

זיין

זיי גענפרט דם מערסט זענון רשעים אונ אזו ווי זיי האבון גרעט אוז גוקומון דו גאנצו שטאט פון יונג בוז אלט דען עם אוז נוט איין צדיק גוועזן צווישון זיי וואס זאל זייא ווערון אונ זייא הבון גורופון צו לוט אונ האבון אום גזאגט וויא זענון דא דו מענשון וואס זענון צו דיר גוקומון גיב זייא אהער אונ מיר וועלון זיי בשלאפון אוז לוט צו זיי ארוס גגאנגון אונ הט דו טיר צו גמאכט אונ האט צוא זיי גזאגט מיינו ברודר טוט דו אורחים קיין שלעכ'ץ נוט אוך האב צווייא טעכטער בתולות (אשר לא ידעו איש) דר חזקוני פרעגט עם וואלט גדארפט שטיין (אשר איש לא ידע אותן) קיין מאן האט זייא נוט באשלאפון ווארום דען שטייט (אשר לא ידעו איש) זייא האבון קיין מאן נוט בשלאפון אוז דער תירוץ לוטס טעכטער זענון שלעכט גוועזן זיי פלעגון אן ריידין מאנון אונ אזו האבון זייא גוטון צו זייער פאטר האט לוט גזאגט אוך וועל איך געבון מיינו צוויי טעכטור אונ טוט מוט זיי וואס אור ווילט נאר צו דו מאנון זאלט איר גאר נוט טון ווייל זיי זענון צו מור גקומון אונ מיין הוז האבון זייא אום גענפרט גייא אוף איין זייט דוא בוסט אפרעמדור אונ ווילסט אונז משפוטון מיר וועלון דור באלד ערגור טון וויא צו זייא אונ זייא האבון זוך גשטרקט אובר לוט אונ האבון גנעהנט זייא זאלון צוא ברעכון דוא טור אזו האבון דו מלאכים גשטרעקט זייערו הענט אונ האבון אריין גנומון לוט אונ דוא טור האבון זיי צו גשלאסון אונ דוא אלו מענשון וואס זענון גוועזן פאר דער טור האבון דוא מלאכים גשלאגון מוט בלונדוקייט דאס זייא זענון מוד גווארון אונ האבון דוא טיר נוט גקענט עפונון אונ דו מלאכים

האבון גזאגט צו לוט האסטו נאך קונדר אדר איידומום אונ דער שטאט צוה זיי אום פון דאנון אונ דוא מלאכים האבון גזאגט צו לוט (מי לך פה) ווי קענסטו האבון אמול ממליץ צוא זיין אוף דוא רשעים דען לוט האט אגאנצו נאכט ממליץ גוועזן אוף דוא שטאט לייט מען זאל זיי נוט טייטון (כי משחיתים אנחנו) מיר וועלון פאר דארבון דוא שטאט •

דער בחיי שרייבט ווייל דוא מלאכים האבון גזאגט מור וועלון פר דארבון דוא שטאט אונ האבון נוט גזאגט גאט וועט פר דארבון דוא שטאט דרום האט גאט זייא גשטראפט זייא זענון הונדרט אכט אונ דרייסוג יאר פר טרובון גווארון פון זייער אורט אונ גאט האט זייא נוט גשוקט קיין שליחות בוז יעקב אוז גקומון הט זיי גאט ווידור גשוקט אונ שליחות זיי זאלון זיין ביי יעקב אונ יעקב הט זיי ווידור גשוקט אונ שליחות צו עשו. פון דאנון קען מען אפ לערנון דאס איין מענש זאל זוך נוט גרום האלטן מוט זיין כבוד דען כבוד אוז נאר צו גאט אזו ווי ישעיהו הט גזאגט (מלא כל הארץ כבודו) די גאנצו וועלט אוז פול מוט גאטס כבוד אונ צום סוף האבון דו מלאכים אוך גזאגט (וישלחנו יי לשחתה) גאט האט אונז גשוקט צוא פאר דארבון דוא שטאט (ויצא לוט) לוט אוז ארוס גגאנגן אונ האט גרעט צוא זיינו איידומום אונ האט צי זייא אזו גזאגט גייט ארוס פון דער שטאט מוט מור דען גאט וויל פר דארבון דיא שטאט האבון דוא איידומום גשפעט פון אום אונ אזו ווי דר מארגון שטערון איז אוף גגאנגון אזו האבון דוא מלאכים גאיילט אוף לוט אונ האבון צוא אום גזאגט נעם דיין ווייב אונ דיינו טעכטער וום זענון אן גברייט ביי דור צו מציל זיין

זיי

של"ה
אונ דוא שבטים וואלטן אוף דער וועלט נוט גוועזון אונ די תורה וואלט נוט גבאטון גווארון אונ דוד המלך

הקדוש
אונ משיח וואלט נוט גוועזן :
(אל תביט אחריך) דוא ואלסט הונטר דור נוט

זיי דען טמור ווערסטו אוך ווערין איין גטון
פון וועגין דוא זונד פון דער שטאט אונ
דס אוז ווי דער מלאך אוז מציל לוט אונ צו
זיין ווייב



לוט הט זוך פר זוממט וועגין זיין געלד אזו
האבין די מלאכים אן גנומין אונ לוט אונ
אין זיין ווייב אונ אין זיינו צווייא טעכטער
פון וועגין דעם דר ברומונג פון גאט וואס
אוף אים איז גוועזן אונ האבין אים אום
גצוגין פון דער שטאט אובער זיין געלד
האבין זייא אים נוט גלאזט מוט נעמין
דרום שטייט (בהוציאם אותם) אונ עס
וואלט נאר גקערט שטיין (בהוציאם
אליין דאס איז טייטש אונ זייער
אוים צוהון זייא ווארום זאגט
ער נאך (אותם) דם ווייזט דר פסוק דס
דיא מלאכים האבין גאר אום גוצוגין זיי
אליין אובר דם געלד האבין זיי נוט אום
גצוגין אונ דר מלאך הט גזאגט די זלסט
נוט קוקין אונטר דור דען די בוסט אוך
איין רשע גאר פון וועגין דעם זכות
פון אברהם ווערסטו ניצול דער מדרש
שרייבט דער מלאך הט אום דרום נוט
גהייסין קוקין אונטר זוך ווייל די שכינה
מוט דוא מלאכי השרת זענין גשטאנין
אובר דר שטאט צו מאכין רעגינון אוף
איר שוועבול אונ פייער אבער (עירית)
דם ווייב פון לוט האט זוך דר ברומט
אובר אירו טעכטר וואס זענין גוועזן ביי
זייערו מאנין אונ שטאט אונ זוא האט
גקוקט אונטער זוך צוא זעהון אויב דוא
טעכטר גיין אוך ארוס פון דער שטאט
אונ דער ווייל הט זו גזעהין די שכינה אזו
איז זו גווארין איין הויפין זאלץ זוא האט
גזונדיגט זו הט די אורחים קיין זאלץ נוט
גוואלט געבין דרום איז זו גווארין א הויפין
זאלץ אונ לוט הט גבעטין דם מלאך אוך
קען גשווינד נוט לויפין האב אוך מורא
מאמער וועט מוך דער ווייל דאס ביין
בגעגינין דרום לאז מוך זוצין אונ דער
שטאט צוער דען די שטאט צוער איז נוט
לאנג גבויט גווארין דרום זענין אירו
עבירות נוט פול וועל אוך דרטין בלייבין
לעבין האט גאט אום צו לוב גוטואין אונ
האט זי נוט פאר דארבין אונ דר מלאך
האט גזאגט צו לוט לוף גשווינד אונ דר
שטאט דען אוך קען דער שטאט סדום
קיין ביין נוט טואין בוז דוא וועסט קומין
קיין צוער דא זענין די מלאכים גשטראפט
גווארין דער פאר וואס זייא האבין זוך
גרוס גמאכט אונ הבין גזאגט מיר וועלין
פאר דרבין די שטאט סדום זייא וואלטין
בדארפט צוא זאגין גאט וועט פאר
דארבין דרום האבין זיי דא גמוזט זאגין
(כי לא אוכל לעשות דבר) דאס איז
טייטש אוך קען נוט טואין קיין זאך אן
גאט (השמש יצא על הארץ) די זון איז
אוף גגאנגין אונ די לבנה איז נאך אוך
גשטנין דען דם איז גוועזן אונ הלב חודש
אום פסח דענסט מאל שטייט דוא לבנה
עטלוכו שעה אוף דם טאג מוט דער זון
אזו האט גאט גמאכט רעגינון אוף סדום
שוועבול אונ פייער פון דעם הומול פאר
דר זון אונ פאר דער לבנה דען א טייל
לייט פון סדום האבין גדונט צו דער זון
אונ איין טייל צוא דער לבנה אזו ווען
גאט וואלט זיי גשטראפט פאר דער זון
אליין וואלטין גזאגט די וואס דינין צו דר
לבנה ווען די לבנה זאל שטיין וואלט
זיא דאס נוט דער לאזט אונ ווען גאט

וואלט זייא געשטראפט פאר דער לבנה אליין וואלטן גזאגט דיזום דינגן צו דר זון ווען די זון זאל שטיין וואלט זיא דם נוט דער לאזט דרום האט גאט גמאכט רעגנן אוף זייא פר דער זון און פאר דער לבנה (גפרית ואש מן השמים) שוועבול און פייער פון דעם הימל ווען גאט וויל שטראפן די רשעים אזו שיקט ער אוף זיי שוועבול און פייער פון דם הימל אז ער וויל גוטס טואון צו דיא צדיקים לאזט ער אויך מאכן פאלן מן פון דעם הימל (ותבט אשתו מאחריו) און דם ווייב פון לוט הט גקוקט אונטר לוט דען לוט איז גגאנגן צום אונטרשטן ער זאל זיין הויז גזונד ארום טרייבן פון דער שטאט (ותהי נציב מלח) איז זיא געווארן איין הופן זאלץ ביז היינטיגן טאג (וישקף על פני סדום) אברהם הט גקוקט אויף סדום הט ער גזעהן איין רויך גייט אויף פון דארטן אזו ווי דער רויך פון איין קאלך אובן :

דס איז ווי דו שטאט סדום ברענט און פייער



(ויזכור אלהים את אברהם) און גאט הט גדענקט אברהם און דרום הט ער אוועק גשיקט לוט פון סדום גאט האט גדאכט וואס לוט האט גוטס גוטן צו אברהם דם ער האט נוט אום גזאגט דם שרה איז זיין ווייב (ויעל לוט מצוער) לוט איז אויף גגאנגן פון צוער ווארום ער האט מורא גהאט צו זיצן און צוער ווייל

## של"ה הקדוש

זעהן ווען גאט טוט חסד מיט אמענשן וואס ער איז נים ווערט דארף ער זוך שעמן און נוט בארומין זוך דער מיט ומכל שכן שטאלצורן דארוף דארובר שטייט בייא לוט וואס גאט האט אום גטאן אנם נוט נאך זיינו מעשים האט מען גזאגט ער זאל זוך נוט ארום זעהן דאס הייסט ער זאל נוט לאנג בלייבן אויף דעם ארט איין הנאה צו האבן פון דעם נס ווייל ער איז דאס נס נוט ווערט גוועזן אבער ביי דעם כלל ישראל וואס גאט האט זיי אום גוויילט זיי דו תורה צוא געבן און האט מיט זייא גרוסו וואונדר נסים ונפלאות און מצרים גטאן שטייט (אשר עשה ה' אלהיך במצרים לעיניך) אלו וואונדר וואס גאט הט גטון און מצרים פאר דיינו אוגן, דאס הייסט דוא האסט גדארפט און גמעגט זעהן און בטראכטן דוא וואונדער וואס גאט האט פון דיינוט וועגן און מצרים גטאן ווייל דוא בוסט זיי ווערט געוועזן :

(ויזכור אלהים את אברהם וישלח את לוט) און גאט האט זוך דער מאנט אן אברהם און האט ארום גשוקט לוט און זוהר ברענגט ער ר' אליעזר האט גזאגט קומט און זעהט וויא גרוס עם זענון גאטס גנאד מיט אלו מענשן ובפרט מיט די פרומו וועלכו וואנדלון און זיינו וועגן דאס אפילו און דער צייט

## ספר הישר

וואס גאט וויל דן זיין דוא וועלט איז ער מזכה זיין גליבטון מיט אמצוה כדי דער זכות פון דער מצוה זאל אום ביי שטיין בייא דעם יום הדין . און אזו האבן מור גלערונט דעם וואס גאט ב"ה האט לוב שיקט ער צו אמתנה דאס הייסט איין ארומאן מוט וועמון ער קאן צדקה טון און אמצוה פערדינגן און דיא צדקה וואס ער טוט מיט דעם ארומאן צוהוט אוף אים ארוף אחוט של חסד. דאס הייסט אשטראל פון גאטס גנאד און דער שטראל בשוצט אום פון דו דינים וואס דארפון קומון אוף דער וועלט קומט און זעהט בשעת גאט האט גוואלט שטראפון סדום האט ער פרוער מזכה גוועזן אברהם מיט אמצוה כדי די מצוה זאל אום ביי שטיין דאס לוט זאל ניצול ווערון דערובער שטייט (ויזכור אלהים את אברהם וישלח את לוט) עם שטייט נוט גאט האט זוך דער מאנט אן לוט ווייל לוט איז ניצול געווארן נאר בזכות אברהם און דורך וואס האט זוך גאט דער מאנט אן אברהם דורך דעם וואס ער האט אום גשוקט דוא דרייא מלאכים און גשטאלט פון מענשן כדי ער זאל קאנון מקיים זיין דוא מצוה פון הכנסת אורחים און דוא מצוה איז אום בייא גשטאנון דאס לוט זאל ניצול ווערון וויא דער פסוק זאגט (וצדקה תציל ממות) :

ווייל זו איז נאהונט פון סדום טאמר וועט זו אויך חרוב ווערון דר חזקוני שרייבט לוט האט גמיינט דוא שטאט צוער איז נאר גבלובון ווייל ער האט נוט גקענט גשווינד אוועק לויפון פון סדום אובר היינט אז ער הט צי"ט מוז ער אוועק גיין פון דר שטאט דען דו שטאט וועט אויך חרוב וורון (וַתֹּאמֶר הַבְּכִירָה אֶל הַצְּעִירָה) לוט הט גהאט צווייא טעכטר וואס האבון קיין מאנון נון גהאט אזו הט גזאגט דו עלצטו טאכטר צו דר יונגסטר אונזר פאטר איז אלט ער קען באלד שטרבון אודר ער וועט קיין קונדער נוט קענון מכון גווינון אין קיין מענש איז נוט דא אונ לאנד ער זאל ביי אונז ליגון מור זאלון קונדר הבון דען זיי הבון גמיינט דו גאנצו וועלט איז וורון פר לורון אזו ווי ביי דם מבול דער בחיי שרייבט דוא טעכטור זענון גוועו צנועות זיי האבון זוך גשעמט צוא זאגון זייער פאטר ער זאל ביי זיי לוגון דען דו קונדר פון נח מענון געמון זייערו טעכטר דרום האבון זיי אום אן גטרונקון מוט וויין ער זאל נוט וויסון דם ער לוגט ביי זיי אין גאט הט זיי צו גשוקט וויין אונ דער הי"ל פון דעסט וועגון (לְכָה נַשְׁקֶה אֶת אָבִינוּ יַיִן) דו עלצטו הט גזאגט צו דער יונגסטר לאמר אן טרונקון אונזר פאטר מיט וויין אונ ווייל דוא עלצטו האט אן גהובון אובר צו ריידון דו יונגסטו צו דר זאך דרום שטייט ביי דר עלצטר בשיידלך (וַתִּשְׁכַּב אֶת אָבִיהָ) זו איז גלעגון מוט איר פאטער אונ בייא דער יונגסטער שטייט בצניעות (וַתִּשְׁכַּב עִמּוֹ) זו איז גלעגון מוט אום אונ שטייט נוט מוט איר פטר (וְלֹא יָדַע

דם איז לוט מוט זיינע צווייא טעכטער



בְּשִׁכְבָהּ וּבְקוּמָהּ) לוט הט נוט גוויסט פון דם ליגון פון זיין טאכטר אבר פון איר אוף שטיין הט ער יוא גוויסט דאך הט ער דוא אנדרו נאכט זוך ווידר בטרונקון (וַתַּהֲרֶיןָ) דוא צווי טעכטר פון לוט זענון טראגנדוג גוורון פון זייער פאטר אונ די עלצטו הט גווינון אין זון אונ הט אום גרופון מואב דם איז טייטש ער איז וורון גבורון פון מיין פאטער אונ ווייל זו האט נוט בצניעות גרעט דרום הט גאט גזאגט צו משה רבינו דו זאלסט מוט מואב קיין מלחמה נוט האלטון אבר אנדרו צרות מע: מען זיי טואון אבר דו יונגסטו הט גרעט בצניעות אונ האט איר זון גרופן (בֶּן עַמִּי) דאס איז טייטש ער איז ווארון גבורון פון מיין פאלק אונ הט נוט גזאגט בשיידליך פון איר פאטר דרום האט גאט גזאגט צוא משה דו זאלסט דו אומה פון עמון קיין שום בייז נוט טון (וַיִּסַּע מִשָּׁם) אברהם האט גזעהן דאס סדום איז חרוב גווארון אונ קיין אורחים גייען שון נוט

האט

של"ה הקדוש

(וַה' פָּקַד אֶת שָׂרָה) אונזרו חכמים זאגון דריבר שטייט דו פרשה נאך דעם וואס דוא תורה דער ציילט דאס אברהם האט מתפלל גוועזון פון אבימליכס וועגון אונז צוא לערנון דאס ווען איין מענש איז מתפלל פון איין אנדערנס וועגון אוף אזו אזאך וואס ער אליין דארף דאס האבון ווערט ער פריער נתענטפערט. אברהם האט מתפלל גוועזון פור אבימלך אונ פור זיינו פרוי אונ זיין גאנץ הוז וויא זאלון קאנון מוליד זיין אונ גאט האט זוך דער מאנט אן שרה אונ האט איר נאך פריער גענטפערט דער פון זעהון מיר וויא גרוס דוא מצוה איז מתפלל צו זיין פאר אנדרו פור אצבור אונ אפילו פור איחיד וויא דוא גמרא איז מדייק אונ זאגט המבקש רחמים על חברו דער וואס בעט פור זיין חבר (והוכיח אברהם

האט ער אוועק גצוגן פון דורטן אוך
ווייל אוף לוט אוז אביזר שם ארוס גגנגן
דאס ער אוז גלעגן ביי זיינו טעכטער
אזו האט זוך אברהם גשעמט אונ אוז
אוועק גצוגן פון דורטן אונ אוז גוקומן
צו וואנן אונ דר שטאט גרר אונ אברהם
האט גזאגט אוף זיין וייב שרה זוא אוז
זיין שוועסטר אוז קשה ורום הט אברהם
דא אוך נוט גבעטן שרה זוא זאל אוך
זאגן זו אוז זיין שוועסטר אזו וויא ביא
פרעה דר תירוץ אוז ווייל שרה אוז שון
איין מאל ווארן גנומן צו פרעה אזו הט
אברהם גוויסט דם שרה ועט שון גווים
ניט זאגן זו אוז זיין שוועסטר דר בחיי
פרעגט ורום אוז אברהם גגאנגן קיין גרר
ער הט דאך שון פרור גרוסו צרות גהט
מען הט אום זיין וייב שרה אוועק גנומן
אונ גאט הט אום גמוזט גרוסו ניסים טון
איי ער האט שרה ארום גנומן פון דעם
הוז פון פרעה דר תירוץ אוז אברהם הט
איר גט גגעבן נאר גאט הט גזאגט דער
גט אוז קיין גט נוט ווייל ער האט אובר
מורא אור גט גגעבן דרום אוז אמלאך
גיקומן צו אבימלך אונ האט אום גזאגט
(והיא בעולת בעל) דו אשה שרה הט
איינמאן דען אור גט אוז קיין גט נוט ווייל
עס אוז גוועזן אובר מורא (וישלח אבימלך
מלך גרר ויקח את שרה) אונ אבימלך
דער מלך פון גרר הט גשוקט אונ האט
גנומן שרה אזו אוז גקומן אמלאך צוא
אבימלך אונ חלום ביי נאכט אונ הט צוא
אום גזאגט דוא וועסט שטארבן פון
וועגן דער אשה וואס דוא האסט גנומן
דען זו האט איין מאן דער תולדות יצחק
פרעגט ווארום שטייט ביי פרעה (ותקח
האשה בית פרעה) דו אשה אוז ווארן גנומן
אונ הוז פון פרעה אונ ביי אבימלך שטייט
(ויקח את שרה) ער הט גנומן שרה עס
שטייט נוט ער האט זוא גנומן אונ הוז
ארין דער תירוץ אוז פרעה אוז גוועזן
אגרוסר מלך מער פון אבימלך אונ אוז
גוועזן איין רשע ער האט שרה גונומן פון
וועגן אור גרוס שיינקייט אזו האט ער
גוואלט מאכן אגרוסו חתונה איי ער וועט
זו נעמן אונ האט גוואלט ווייזן זיין גרוס
רייכקייט דרום האט ער זוא גגעבן אונ
דעם הויז פון איין שר אובור דם שטייט
בית פרעה כלומר דאס הוז גזונד פון
פרעה דאס אוז גמיינט זיינו שרים אבר
אבימלך אוז גוועזן איין צדיק אונ נוט אזו
רייך ווי פרעה ער האט שרה גנומן ווייל
זוא אוז גוועזן אמיוחסת אזו ווי אונ פסוק
שטייט (ויאמר אברהם אל שרה אחותי
היא וישלח אבימלך ויקח את שרה) ווייל
אברהם האט גזאגט אוף שרה זו אוז זיין
שוועסטר דרום האט אבימלך גשוקט
אונ האט גונומן שרה אבער נוט פון
שיינקייט וועגן דאט ער זוא גוגומן דען
זוא אוז היינט שון נוט אזו שיין גוועזן ווי
ביי פרעה ווייל זוא אוז עלטר גוועזן אונ
אבימלך האט נוט גוואלט מאכן אגרוסו
חתונה דרום האט ער זוא באלד גנומן
צו אוייב (ואבימלך לא קרב אליה) דר
מלאך האט אבימלך נוט גלאזט גנעהנן
ציא שרה אבר ביי פרעה דארף נושט
שטיין דאס פרעה האט נוט גנעהנט צו
שרה ווייל זו אוז נאך נוט גוועזן אונ זיין
הוז גייערט ביי איין שר אונ הויז אוז זוא
גוועזן נאך אתירוץ שרייבט דר תולדות
יצחק בייא אבימלך מוז דער פסוק זאגן
דאס ער אוז נוט גוקומן צו שרה ווייל זו
איז באלד טראגן גווארן נאך דער
מעשה וואלטן דוא לייט גזאגט זוא אוז
ווארן טראגן פון אבימלך נאך אקשיא
פרעגט דער תולדות יצחק ווארום אוז
אמלאך גוקומן צוא אבימלך אונ נוט צו
פרעה דער תירוץ אוז אבימלך אוז גוועזן
אצדיק אבר פרעה אוז גוועזן ארשע אונ
גאט וויל נוט שוקן איין מלאך צוא איין
רשע נאך איין קשיא פרעגט ער ווארום
האט גאט גבראכט צרעת אוף פרעה אונ
ניט אוף אבימלך דער תירוץ אוז גאט

הָאט פַאר שְׁטָאפְּט אַלוּ לֶעכוּר פוּן דֶעם הויז גזוּנְד פוּן אֲבִימֶלֶךְ דָאס זַייא הָאבּוּן נִיט גְקֶענְט גְוִינוּן אוּנ נוּט מַשְׁתִּין זַיין אוּנ צוֹרֶךְ נוּט הָאבּוּן אֲפִילוּ אַיין הוּן הָאט אוּר אַיי נוּט גְקֶענְט לַייגוּן אוּנ דָאס הָאט גָאט אַלְץ גְטוּן כְּדֵי אֲבִימֶלֶךְ זָאל פַאר שְׁטַיין אַז דָאס אוּז דֶער פַר וָואס עֶר הָט גְנוּמוּן שָׂרָה אַזוּ אוּז דוּ שְׁטְרָאף גִינוּג גְוֶוען צוּ אֲבִימֶלֶךְ אָבֶר פַּרְעֹה אוּז גְוֶוען אַרְשָׁע עֶר הָט גְמַאכְט דָאס דוּא לַייט הָאבּוּן גְרֶעט בַּייז אוּף שָׂרָה דָאס פַּרְעֹה אוּז בַּיי אוּר גְלֶעגוּן דְרוּם הָאט גָאט אוּם גְשְׁטְרָאפְט מִיט צָרַעַת דֶען דֶער וָואס רֶעט לָשׁוֹן הָרָע וֶוערְט גְשְׁלָאגוּן מוּט צָרַעַת אוּנ וֶוען שׁוֹן דוּרְךְ אֲבִימֶלֶךְ הָאבּוּן אוּךְ לַייט גְרֶעט אוּף שָׂרָה דָם זוּ אוּז פוּן אֲבִימֶלֶךְ טְרָאגוּן גְוָוארוּן דָאס אוּז אֲבִימֶלֶךְ דְרוּנוּן נוּט שׁוּלְדוּג גְוֶוען אוּנ ווּי בַּאלְד עֶר אוּז גְוָואר גְוָוארוּן דָאס שָׂרָה הָאט אַמַאן הָאט עֶר אוּנ אוּר נִיט גְוָואלְט אָן רִירוּן אָבֶר פַּרְעֹה וֶוען שׁוֹן עֶר הָאט גְוִויסְט דָאס שָׂרָה הָאט אַמַאן הָאט עֶר דָאךְ זוּא גְוָואלְט גֶעמוּן פַאר אַווַייבּ דְרוּם הָאט אוּם גָאט גְשְׁלָאגוּן מוּט צָרַעַת נָאךְ אַקַשְׁיָא פְּרֶעגְט דֶער תּוֹלְדוֹת יִצְחָק וָוארוּם הָט פַּרְעֹה נִיט בַּגֶערְט פוּן אַבְרָהָם אַתִּירוּץ וָוארוּם עֶר הָאט גְזָאגְט שָׂרָה אוּז זַיין שְׁוֶועסְטֶר אוּנ אֲבִימֶלֶךְ הָאט יוּא בַּגֶערְט אַתִּירוּץ עֶר זָאל אוּם זָאגוּן וָוארוּם עֶר הָאט גְזָאגְט שָׂרָה אוּז זַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּךְ אִיז קָשֶׁה וָוארוּם הָאט פַּרְעֹה גְזָאגְט צוּא אַבְרָהָם נֶעם דַיין ווַייבּ אוּנ גַייא פוּן מַיין לַאנְד אוּנ אֲבִימֶלֶךְ הָאט גְזָאגְט צוּא אוּם זוּץ אוּנ מַיין לַאנְד ווִי דוּר גְפֶעלְט דֶער תִּירוּץ אוּז פַּרְעֹה אוּז גְוֶוען אַרְשָׁע הָאט עֶר מוֹרָא גְהַאט אַבְרָהָם וֶועט אוּם עֶנְפוּרוּן דוּא בּוּסְט אַרְשָׁע הָאבּ אוּךְ מוֹרָא גְהַאט דוּא וֶועסְט מוּךְ הַארְגוּנוּן אוּבֶר מַיין ווַייבּ דְרוּם הָאט פַּרְעֹה קַיין תִּירוּץ נוּט

גְוָואלְט הֶערוּן פוּן אַבְרָהָם אוּנ הָאט צוּ אוּם גְזָאגְט נֶעם דַיין ווַייבּ אוּנ גַיי בַּאלְד אַרוּם פוּן מַיין לַאנְד וָוארוּם עֶר הָאט מוֹרָא גְהַאט פַר זַיינוּ לַייט זַייא זֶענוּן זַייעֶר פַאר שַׁייאֶט אוּנ זְנוּת זַייא זָאלוּן מוּט שָׂרָה נוּט מְזַנֶה זַיין אָבֶער אֲבִימֶלֶךְ אוּז גְוֶוען אַצַדִיק דְרוּם הָאט עֶר גְפְּרֶעגְט צוּא אַבְרָהָם עֶר זָאל אוּם זָאגוּן וָוארוּם עֶר הָאט גְזָאגְט שָׂרָה אוּז זַיין שְׁוֶועסְטֶר הָאט אַבְרָהָם אוּם גֶעֶנְפֶּרְט דִיא בּוּסְט אַיין צַדִיק נָאר אוּךְ הָאבּ מוֹרָא גְהַאט פַר דַיינוּ לַייט אוּךְ נוּט עֶרְשְׁט דָא הָאבּ אוּךְ אָן גְהוּבּוּן צוּא זָאגוּן שָׂרָה אוּז מַיין שְׁוֶועסְטֶר נַייעֶרְט זִינְד אוּךְ בּוּן אַרוּם גְגַאנְגוּן פוּן מַיין פָּאטֶערְם הויז זָאג אוּךְ אַלְטְץ אַזוֹי אוּנ אֲבִימֶלֶךְ הָאט מוֹרָא גְהַאט דָאס דֶער מַלְאָךְ אוּז גְקוּמוּן צִיא פַר דַארְבּוּן זַיין לַאנְד אַזוּ ווִיא בַּיי סְדוֹם דְרוּם הָאט עֶר גְזָאגְט צוּא אַבְרָהָם זוּץ אוּנ מַיין לַאנְד וֶועסְטוּ מַצִיל זַיין דָם לַאנְד אוּנ דְרוּם זָאגְט דֶער פָּסוּק (וַיַשְׁכֵּם אֲבִימֶלֶךְ בַּבֹּקֶר וַיִּקְרָא לְכָל עֲבָדָיו) אֲבִימֶלֶךְ הָט זוּךְ זַייעֶר דֶר שְׁרָאקוּן פַאר דֶעם מַלְאָךְ אוּנ הָאט גְרוּפוּן אַלוּ זַיינוּ קְנֶעכְט אוּנ הָאט זַיי דָאס דֶער צֵיילְט אוּנ זַייא הָאבּוּן זַייעֶר מוֹרָא גְהַאט (וַיֹּאמַר יְיָ הֲגוֹי גַם צַדִיק תַּהֲרֹג) אֲבִימֶלֶךְ הָט גְזָאגְט דִיא גָאט וֶוען אַיין פָאלְק אוּז אַיין צַדִיק ווִילְסְטוּ אוּיךְ הַרְגוּנוּן וֶועל אוּךְ זָאגוּן דָאס אַזוּ הָאסְטוּ גְטוּן צוּ דוֹר הַמַבּוּל אוּנ דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט אֲבִימֶלֶךְ הָאט גְזָאגְט (הֲגוֹי) אוּבּ דוּא גָאט ווִילְסְט דֶער שְׁלָאגוּן דֶעם מֶלֶךְ (גַם צַדִיק תַּהֲרֹג) וֶועסְטוּ דֶער מוּט דֶעם צַדִיק אַבְרָהָם אוּךְ הַרְגוּנוּן דֶען מַיין פָאלְק וֶועט אוּם דֶר שְׁלָאגוּן אוּנ אֲבִימֶלֶךְ הָאט גְזָאגְט וָואס בּוּן אוּךְ שׁוּלְדוּג אַבְרָהָם הָאט גְזָאגְט זוּא אוּז מַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּנ שָׂרָה הָאט אוּךְ גְזָאגְט אַבְרָהָם אוּז מַיין בְּרִידֶר (בְּתָם לְבָבִי) מוּט מַיין גַאנְצוּן הַארְצוּן כְּלוֹמַר אוּךְ הָאבּ נוּט אוּנ זוּן גְהַאט אַיין עֲבֵירָה צוּ טוּן (וּבְנִקְיוֹן כַּפַּי

עשיתי זאת) אונ אויך בון נאך ריין פון דער עבירה דען איך האב אונ אור נאך ניט אן גרירט האט דער מלאך צוא אים גזאגט אויך ווייס איך וואל דאס דוא האסט נוט אונ זון גהאט איין עבירה צוא טון דרום האב איך דיך פאר מיטען איין עבירה צוא טון אונ האב דיך נוט גלאזט אן צו רירן אונ איר אונ נוט פון דיר אוז דאס (השב אשת האיש כי נביא הוא) דר מלאך האט גזאגט צו אבימלך קער אום צוא אברהם זיין ווייב דען ער אוז אנביא ווייסט ער וואול דם דו האסט נוט אן גרורט אונ אור ווט זו אום נוט גמאס ווערון אונ ער ווט תפלה טון אוף דיר דער בחיי שרייבט אבימלך הט גזאגט צוא שרה אויך האב דיין ברודער אברהם גגעבון ט' זונט גולדון אזו וועלון אלו לייט וויסון דאס איך האב דיך גוויס נוט אן גרורט נייערט איך הב דיך גמוזט אום קערון אונ הב גמוזט אברהם אובר בעטון דען איך האב אום בוז אהער ניט ליב גהאט אונ היינט גוב איך אום פול געלט דם מוז זיין אנם פון גאט ווען ער וואלט אבער צו שרה געלט געבון וואלט די וועלט גזאגט ער האט געבון אור לון ווייל ער אוז ביי אור גלעגון (ואת כל ונוכחת) מוט דעם וועסטו דיך קענון בווערון אונ ווייזון פאר אלו לייט דאס דוא בוסט ריין פון מיין הויז ארום גגאנגון אונ ווידער קען מען טייטשון (ואת כל ונוכחת) ביי אלו לייט ווסטו ווערון גשטרפט פון גאט ווען דו ווסט זאגון אברהם אוז דיין ברודר אונ די לייט וועלון דיך גמון פאר אוויב דער מדרש רבה שרייבט אבימלך האט געבון צוא שרה אטייער קלייד וואס איין מלכה פלעגט דרינגון צו גיין אונ האט גזאגט צוא אור (הנה הוא לך כסות עינים) אלו לייט וועלון זעהן דם שיינו קלייד אונ וועלון זוך פארכטון צוא קוקון אוף דיר (ויתפלל אברהם אל האלהים וירפא אלהים את אבימלך ואת אשתו ואמהותיו וילדו) אברהם האט תפלה גטואון פר גאט דם אבימלך זאל ווערון גהיילט דען גאט הט פר שטפט אלו לעבר פון דעם הויז גוזונד פון אבימלך דם קיין אשה הט קיין קונד נוט גקענט גווינן אויך זייא האבון נוט גקענט משתין זיין אונ נקבים גדולים אויך נוט גקענט האבון מאנון אונ ווייבר האט אברהם אוף זייא גבעטון אונ זיי זענון אלו גהיילט גווארון: דם ליינט מען דעם ערשטון טאג ראש השנה (וי' פקד את שרה) דו תורה הט נאהונט

אן גושריבון דו פרשה דם שרה אוז טראגון גווארון ביי דר פרשה וום אברהם הט תפלה גטואון אוף אבימלך זיי זאלון קענון גווינון דא לערונט אונז דוא תורה ווען איינער טוט תפלה אוף זיין חבר אונ בדארף אליין אויך דו זאך וואס ער טוט תפלה דרוף אזו גוט אום גאט פרור איי ער גוט צוא זיין חבר דען אברהם הט תפלה גטאן דם דאס הויז גוזונד פון אבימלך זאל קענון גווינון הט גאט פרור קונדר גגבון צו אברהם איי ער הט גגעבון צו אבימלך דאס אוז טייטש (וי' פקד את שרה) גאט האט פרור גדאכט דאס שרה אוז טראגון גווארון איי ער האט גהיילט צו אבימלך דער מדרש שרייבט וום האט גאט גדכט צו שרה דר תירוץ אוז גאט הט גזאגט די שרה אוז גוועזן אונ הויז פון פרעה אונ אין הויז פון אבימלך אונ אוז ריין ארום גגנגן

**של"ה הקדוש**

את אבימלך) אונ אברהם הט גשטראפט אבימלך די חניכא זאגט דו שטראף ברענגט צו פריינד שאפט וויא דער פסוק זאגט (הוכח לחכם ויאהבך) שטראפט דעם קלוגון ווערט ער דיך ליב האבון ריש לקיש זאגט דוא שטראף ברענגט צו שלום וויא דוא תורה דער ציילט דם אברהם האט גשטראפט אבימלך אונ נאך דעם שטייט דם זייא האבון דער ביא כורת ברית גוועזון דער פון זעהון מור אז ווען עם מאכט זוך אריין אשנאה אונ אונזר הארצון אוף איינום ווייל יעם דאכט זוך אונז ער האט אונז ארעה גטאן טארון מור

אונ וויא זאל אוך זוא נוט גדענקן צוא גוטן דאס זוא זאל קונדער האבן דער תּוֹלְדוֹת יִצְחָק פְרֶעגְט אֵיין קַשְׁיָא אַז עֶס שְׁטֵייט (וַיְיָ פָּקַד אֶת שָׂרָה כַּאֲשֶׁר אָמָר) וָואס בַּדַארְף נָאך דֶער פָּסוּק צוּא זָאגן (וַיַּעַשׂ יְיָ לְשָׂרָה כַּאֲשֶׁר דִבֵּר) אוּז דֶער תֵּירוּץ אֵיין מַאן אונ אֵיין אִשָּׁה וָוס זֶענֶן בֵּיידוּ אַלְט דוּ קֶענֶן נוּט גְוִינֶן דְרוּם זָאגְט דֶער פָּסוּק צוּם עֶרְשְׁטֶן (וַיְיָ פָּקַד אֶת שָׂרָה) כְּלוֹמַר גָאט הָאט צוּ שָׂרָה אֵיין נֵס גְטָאן זוּא אוּז טְרָאגֶן גְוָוארוּן דְרוּם זָאגְט דֶער פָּסוּק (וַיַּעַשׂ יְיָ לְשָׂרָה כַּאֲשֶׁר דִבֵּר) כְּלוֹמַר גָאט הָט גְמַאכְט דָם שָׂרָה הָט אֲפִילוּ גְוִינֶן אֵיין זוּן אונ הָט גְמַכְט דָם זוּ הָאט גוּהַאט פוּל מוּלוּך אונ דוּא בְּרוּסְטוּן אונ שָׂרָה הָט זוּך גְשֶׁעמְט אוּיף צוּ דֶעקוּן אוּר בְּרוּסְט דֶען זוּ אוּז גְוֶועֶן אַגְרוּסוּ צְנוּעָה אַזוּ הָאט אַבְרָהָם גְזָאגְט צוּ שָׂרָה דוּא מוּזְט דָאס צְנִיעוּת אוּף אֵיין זַייט לֵייגוּן אונ שֶׁעם דוּך נוּט אונ אַז זוּ הָאט אוּרוּ בְּרוּסְטוּן אוּיף גְדֶעקְט אוּז מִילֶך פוּן זַיי גוּרוּנוּן אַזוּ ווּי צְוֵויי קְוַאלוּן בְּרוּנוּן אַזוּ זֶענוּן גוּקוּמוּן דוּא וַוייבֶּר פוּן דוּ שָׂרִים אונ הָבוּן גֶגֶעבוּן זֵייעֶרוּ קוּנְדֶר אִיר צוּ זֵייגוּן (וַתֹּאמֶר שָׂרָה צְחוֹק עָשָׂה לִי אֱלֹהִים) שָׂרָה דָאט גְזָאגְט אֵיין פְרֵייד הָאט מוּר גָאט גְמַאכְט (כָּל הַשּׁוֹמֵעַ יִצְחַק לִי) דֶען פוּל וַויבֶּר זֶענוּן אונ דֶעם טָאג גְרַאבְט גְוָוארוּן מוּט שָׂרָה אונ אוּך פוּל קְרַאנְקוּ זֶענוּן וָוארוּן גְהֵיילְט דֶעם טָאג (וַתֹּאמֶר מִי מִלֵּל לְאַבְרָהָם הֵינִיקָה בָנִים שָׂרָה) שָׂרָה הָאט גְזָאגְט וֶוער הָט גֶקֶענְט זָאגוּן צוּ אַבְרָהָם דָאס שָׂרָה וֶועט זֵייגוּן קִינְדֶר דֶר תּוֹלְדוֹת יִצְחָק שְׁרַייבְּט זוּ הָט גְזָאגְט וֶוער וֶועט קֶענוּן רֶעדוּן מוּט אַבְרָהָם ווייל זַיין וַוייבּ שָׂרָה זֵייגְט קוּנְדֶר כָּל מָר עֶר וֶועט זַיין אַבַּעל גַאֲוָה אונ דְרוּם זָאגְט דֶער פָּסוּק בַּייא שָׂרָה צְחוֹק אֵיין פְרֵייד אונ אֵיין גְלֶעכְטֶר דֶען עֶס אוּז מֶער חִידוּשׁ אֵיין אַלְטוּ אִשָּׁה זָאל קִינְדֶר גְוִינוּן מֶער ווּי אֵיין אַלְטֶר מַאן דֶען וֶוען

אֵיין אַלְטֶר מַאן נֶעמְט אֵיין יוּנְג וַוייבּ הָט עֶר קוּנְדֶר מוּט אוּר (וַיִּגְדַּל הַיֶּלֶד וַיִּגָּמַל וַיַּעַשׂ אַבְרָהָם מִשְׁתֶּה גָדוֹל) אַז דָם קוּנְד יִצְחָק אוּז אוּף גְוַאקְסוּן אונ אוּז וָוארוּן אַנְטְוֵוינְט פוּן צוּ זֵייגוּן הָט אַבְרָהָם גְמַכְט אֵיין סְעוּדָה אונ פוּל שָׂרִים זֶענוּן גְוֶועֶן אוּף דֶער סְעוּדָה אוּיך שֵׁם וְעֵבֶר אונ אֲבִימֶלֶך אונ עוֹג זֶענוּן אוּך גְוֶועֶן אוּף דֶר סְעוּדָה הָאבוּן דוּ לַייט גְזָאגְט צוּ עוֹג דוּ לוּגְנֶער דוּ הָאסְט גְזָאגְט דָם שָׂרָה וֶועט קֵיין קוּנְדֶר נוּט הָאבוּן הָט עוֹג גְזָאגְט יִצְחָק אוּז גְלַייך וּוי אֵיין פְלוֹג וֶוען אוּך וֶועל מַיין קְלֵיינוּם פוּנְגֶר אוּף אוּם לֵייגוּן וֶועל אוּך אוּם טֵייטוּן הָאט גָאט גְזָאגְט זַיינוּ קוּנְדֶר וֶועלוּן זַיין אַזוּ ווּי זַאמְד בַּיי דֶעם יַם אונ דוּ וֶועסְט פַאלוּן אונ זֵייעֶרוּ הֶענְד (בְּיוֹם הִגָּמֵל אֶת יִצְחָק) עֶר הָט גְמַאכְט אַסְעוּדָה וֶוען מֶען הָאט אַנְטְוֵוינְט יִצְחָק דֶער חִזְקוּנִי שְׁרַייבְּט וָוארוּם הָאט עֶר נוּט גְמַאכְט אַסְעוּדָה וֶוען עֶר הָאט אוּם מַלוּ גְוֶועֶן אוּז דֶער תֵּירוּץ עֶר הָט גְוַארְט בוּז מֶען הָט אוּם אַנְטְוֵוינְט אַזוּ הָט עֶר אוּם צוּם רֶבִּי גְפוּרְט אונ הָט גְמַאכְט אַסְעוּדָה דֶען עֶר הָט גְוָולְט זוּך מְשַׂמֵּחַ זַיין מוּט זַיין זוּן מוּט דֶער שִׂמְחָה פוּן דֶר תּוֹרָה אוּך אוּז גְוִויסְט דָם דֶער מֶענְשׁ הָט זַיינוּ קוּנְדֶר לוּבֶּער וֶוען מֶען אַנְטְוֵוינְט זֵייא מֶער ווּיא זַיי וֶוערוּן גְבוֹרוּן דֶען דָם קוּנְד הָאט דֶענְסְט מָאל שֵׂכֶל אונ קֶען רֶעדוּן דְרוּם הָאט עֶר גְמַאכְט אֵיין סְעוּדָה וֶוען מֶען הָאט יִצְחָק אַנְטְוֵוינְט דֶער מִדְרָשׁ שְׁרַייבְּט בְּיוֹם הִגָּמֵל אוּז צְוֵויי וֶוערְטֶר הַג מַל ה"ג הָאט אונ דֶער צָאל אַכְט כְּלוֹמַר צוּא אַכְט טָאג הָאט עֶר אוּם מַל גְוֶועֶן הָאט עֶר גְמַאכְט אֵיין סְעוּדָה אונ פוּן דַאנוּן לֶערְנוּן מוּר אַפ דָם מוּר מַאכוּן אַסְעוּדָה צוּ דֶער מִילָה (וַתֵּרֶא שָׂרָה אֶת בֶּן הָגָר הַמִּצְרִית אֲשֶׁר יָלְדָה לְאַבְרָהָם מְצַחֵק) שָׂרָה הָט גְזֶעהֶן דָם יִשְׁמָעֵאל טוּט לוּטוּר שְׁלֶעכְין קֶעגוּן גָאט אונ קֶעגוּן מֶענְשׁוּן הָאט זוּ גְזָאגְט צוּ אַבְרָהָם פַר

טרייב די דונסט מוד מוט אור זון דער תולדות יצחק שרייבט ישמעאל האט גשפעט פון דער סעודה וואס אברהם האט גמאכט צוא יצחק אונ הט גזאגט וואס איז דוא שמחה אזו גרוס ווס מען האט צו יצחק גמאכט אסעודה מער פון מיר אוך בין דאך איין בכור וועל אוך ירשונון צווייא חלקים דרום האט שרה גזאגט פר טרייב דוא דונסט מוט אור זון דען דער זון ועט נוט ירשונון מוט מיין זון מוט יצחק אוך פרעגט דער תולדות יצחק אקשיא וויא שוק זוך דאס אזו אהאר וויא אברהם איז גוועןזאל נוט מיט געבון זיין זון גוטו הינור אוף דעם וועג אונ ער האט אום נוט מער גגעבון נאר ברוט מוט איין לאגול וואסור איז דער תירוץ גאט האט גזאגט צו אברהם וואס שרה וועט דור הייסון טון מוט דער דונסט זאלסטו טון אונ שרה הט זו גהייסון פר טרייבון דרום הט אברהם מער קיין אכט נוט גהאט אור צו געבון נאר ווי מען גוט איינום וואס מען פר טרייבט אום גוט מען אום ברוט אונ וואסור אונ גאט הט גזאגט צו אברהם (וגם את בן האמה לגוי אשימנו כי זרעך הוא) ישמעאל וועל אוך אויך מאכון ציא איין פאלק ווייל ער איז דיין קונד (וישכם אברהם בבוקר ויקח לחם וחמת מים) אברהם איז אוף גשטאנון אונ דער פריא אונ הט גנומון ברוט אונ איין לאגול וואסור אונ הט גגעבון דר מויד אוף אור אקסול אונ דעם יונג הט ער אויך גגעבון אוף אור אקסול דען דר יונג איז שלאף גווארון ווייל שרה הט אום גגעבון איין עין הרע דרום האט ער נוט גקענט גיין אונ דער תולדות יצחק שרייבט ישמעאל איז גוועןווילד אונ הט דם פאטור נוט גוואלט פאלגון ארום צוא גיין פון זיין הויז דרום הט אברהם אום גמוזט בונדון אונ געבון אוף דם אקסול פון הגר אונ דרום שטייט נוט (וישלחם) ער הט זיי אוועק

גשוקט נייארט (וישלחה) ער האט זו אוועק גשוקט ווייל ישמעאל איז גוועןגבונדון אוף אור אקסול אונ ווען ער האט זו אוועק גשוקט אזו איז ישמעאל אוך אוועק גשוקט גווארון דער בחיי שרייבט דרום האט אברהם צו ישמעאל גגעבון נאר ברוט אונ וואסר ווייל ער הט גזעהון בנבואה דם ישמעאל וועט צו דיא ישראל זיין איין גרוסר שונא (ויכלו המים מן החמת) דאס וואסור איז אום גגאנגון פון דעם לאגול דען ישמעאל איז קראנק גוועןאונ איין קראנקיר טרונקט מער ווי אגזונטור אזו הט הגר אום אוועק גווארפון אונטר אבוס אונ הט זוך גזעצט פון אום אזו ווייט ווי מען קען שוסון מוט אבוגון דען זוא הט זוך גטראכט לאמוך נוט זעהון ווי דר יונג וועט שטרבון אונ זו הט אויף גהובון אור קול אונ הט גוויינט (וישמע אלהים את קול הנער) אונ גאט האט גהערט דאס קול אונ דו תפלה פון דעם יונג פון דאנון לערנון אונזרו חכמים אפ דאס דוא תפלה פון דעם קראנקון ווערט בעסור אן גנומון וויא דוא תפלה וואס אנדרו בעטון אוף אום אונ דער מלאך האט גזאגט צו הגר פארכט דוך נוט (כי שמע אלהים אל קול הנער) דען גאט האט צוא גהערט דאס קול פון דעם יונג ווי ער איז דען דוא מלאכים האבון גזאגט פר גאט רבונו של עולם ווי ווילסטו רחמנות האבון אוף ישמעאל ער וועט לסוף טייטון די ישראל מוט דארשט הט גאט זייא געענפרט אוך בין דעם מענשון מיין נוט דן (באשר הוא שם) נור ווי ער איז אונ דער צייט אבור נוט אוף דעם ביין וואס ער וועט שפעטור טון אונ הייגט איז ישמעאל נאך נוט ווערט צו שטרבון דורך דארשט אונ דער מלאך הט גזאגט ציא הגר נעם דעם יונג (כי לגוי גדול אשימנו) דען אוך וועל אום מאכון צוא איין גרוס פאלק דער תולדות יצחק פרעגט וואס האט דער מלאך גדארפט

אַזוֹ פוּל לֵיידוּן מוּט הָגָר דֶער יוּנְג וָועט זַיין צוּ אֵיין גְרוֹס פָאלְק אַמֶער וֶוען גָאט הָאט אוּר גִוויזוּן אֵיין בְּרִינֶע וַאסוּר אַזוֹ וָואלְט זוּ גוֹיִים אָן גְטְרוּנְקְט דֶעם יוּנְג דֶר תֵּירוּץ אוּז הָגָר הָט בְּדֵיעָה גְהַט צוּ לָאזוּן שְׁטַארְבּוּן יִשְׁמָעֵאל דֶען זוּא הָאט גְזָאגְט זַיין פָאטֶר אַבְרָהָם הָאט אֵיךְ אוּם קֵיין רַחֲמָנוּת נוּט גְהַאט וָוארוּם זָאל אוּךְ אוּךְ אוּם רַחֲמָנוּת הָאבּוּן אוּנ זוּא הָאט מוּט צָארוּן אוּם אַוֶעק גְוָוארְפוּן אוּנְטֶר דֶעם בּוּים דְרוּם שְׁטֵייט (וַתַּשְׁלֵךְ אֶת הַיֶּלֶד) זוּא הָאט דָאס קוּנְד אַוֶעק גְוָוארְפוּן אוּנ שְׁטֵייט נוּט (וַתָּשֶׂם אֶת הַיֶּלֶד) זוּ הָט דָאס קוּנְד גְטוּן אַנוּדֶר לֵייגוּן אַזוֹ הָאט דֶער מַלְאָךְ זוּךְ גְטְרַאכְט זוּא וֶועט אוּם לָאזוּן שְׁטַארְבּוּן דְרוּם הָאט דֶער מַלְאָךְ גְזָאגְט צוּ הָגָר דָם קוּנְד וֶועט זַיין צוּ אֵיין גְרוֹס פָאלְק דְרוּם נֶעם אוּנ גוּב אוּם צוּ טְרִינְקֶן דֶען דָא וִוי דוּא שְׁטֵייסְט אוּז אֵיין בְּרִינֶע מִיט וַאסוּר הָט זוּ אָן גְפוּלְט אוּר לָאגוּל מִיט וַאסוּר אוּנ הָאט דֶעם יוּנְג גְגֶעבּוּן טְרִינְקוּן אוּנ גָאט אוּז גְוֶוען מוּט דֶעם יוּנְג אוּנ הָאט אוּם גְהָאלְפוּן אוּנ זַיין מוּטֶער הָאט אוּם גְנוּמוּן אַוַוייבּ פוּן מִצְרַיִם (וַיְהִי בָּעֵת הַהוּא וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ) אוּנ עֶס אוּז גְוֶוען אוּנ דֶער דָאזוּגוּר צַייט הָט אֲבִימֶלֶךְ גְזָאגְט אַבְרָהָם הָט גְרוֹס מַזָל עֶר אִיז נִיצוֹל גְוָוארוּן פוּן סְדוֹם אוּנ פוּן דוּא גְרוֹסוּ מְלָכִים אוּנ זַיין וַוייבּ שָׂרָה הָט אוּם גְווינוּן אֵיין זוּן אוֹיף אוּר עֶלְטוּר אַזוֹ הָאט אֲבִימֶלֶךְ זוּךְ גְפָרְכְטוּן פַר אַבְרָהָם אוּנ הָט גְזָאגְט צוּ אַבְרָהָם שְׁוֶוער מוּר דָם דוּא

זָאלְסְט מַיינוּ קוּנְדֶר קֵיין בֵּייז נוּשְׁט טוּן אַזוֹ וִוי אוּךְ הָאבּ מוּט דוּר גְטוּן חֶסֶד הָאט אַבְרָהָם גְשְׁווָארוּן צוּא אֲבִימֶלֶךְ דֶער תּוֹלְדוֹת יִצְחָק שְׁרַייבְּט אֲבִימֶלֶךְ הָאט גְהַאט אֵיין אָפּ גָאט אוֹיף זַיין הַארְצֶן הָט עֶר גְוָואלְט אַבְרָהָם זָאל שְׁוֶוערוּן בַּיי זַיין אָפּ גָאט הָט אַבְרָהָם גְזָאגְט (אָנֹכִי אִשָּׁבֵעַ) בַּיי אָנֹכִי יְהוָֹה אֱלֹהֶיךָ וֶועל אוּךְ שְׁוֶוערוּן אוּנ נוּט בַּייא דַיין אָפּ גָאט (וַיִּטַּע אֵשֶׁל בִּבְאֵר שָׁבַע) אַבְרָהָם הָאט גְפְלַאנְצְט אַשֵׁיינוּם גָארְטוּן מוּט אַלֶערְלֵייא גוּטֶע פֵּירוֹת צוּא גֶעבּוּן זֵייא צוּ דוּ אוֹרְחִים אוּנ דִיא חֲכָמִים זָאגוּן אֵשֶׁל מֵיינְט מֶען אֵיין גַאסְט הוּז אַבְרָהָם הָאט גְבוּאוּט אַגַאסְט הוּז מוּט פוּר טוּרוּן כְּדֵי אוֹרְחִים זָאלוּן קֶענוּן פוּן אַלֶע זַייטוּן אַרַיין גֵיין אוּנ דוּרְךְ דֶעם הוּז אוּז גָאטְס נָאמוּן וָוארוּן גְגְרוֹסְט דֶען דוּא אוֹרְחִים נָאךְ דֶעם עֶסוּן הָאבּוּן זֵייא גְוָואלְט לוֹבּוּן צוּא אַבְרָהָם הָאט אַבְרָהָם צוּ זֵייא גְזָאגְט אוּר מֵיינְט אוּר הָאט מַיינְס גְגֶעסוּן נֵיין דֶען דָאס עֶסוּן אוּנ טְרוּנְקוּן אוּז גָאטְס דְרוּם לוֹבְּט גָאט דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (וַיִּקְרָא שָׁם בְּשֵׁם יְיָ אֵל עוֹלָם) אַבְרָהָם הָאט דָארְטוּן גְמַאכְט רוּפוּן אוּנ דֶם נָאמוּן פוּן גָאט דָאס עֶר אוּז דֶער הַאר פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט דֶר בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דָם הוּיז הָאט דְרוּם גְהֵייסוּן (אֵשֶׁל) דוּ (א) מַאכְט (אֲכִילָה) אוּנ דוּ (ש) מַכְט (שְׁכִיבָה) דָם אוּז גְמֵיינְט עֶר הָט גְהַאט גוּטוּ גְלֶעגֶר פַר דוּ אוֹרְחִים אוּנ דוּ (ל) מַכְט (לְוָיָה) עֶר הָט אוּטְלוּכוּן אוֹרֵחַ מְלַוֶה גְוֶוען אוּנ אַבְרָהָם

הט

**של"ה הקדוש**

דָם נוּט הַאלְטוּן אוּנ הַארְצְן נָאר מֶען מוּז אוּם פַאר הַאלְטוּן אוּנ אָן שְׁטְרָאפוּן אוּנ מֶען מוּז אָן נֶעמוּן זַיין פַאר עֶנְפֶרוּנְג אוּנ דַאדוּרְךְ וֶועט זַיין פְרַיינְד שַׁאפְט אוּנ פְרוּדוּן צְווִישׁוּן זֵייא :

(וְהָאֱלֹהִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם) אוּנ גָאט הָט גְפְּרוּבְט אַבְרָהָם פוּן דֶער עֲקֵדָה לֶערְנוּן מוּר דָם יֶעדוּר מֶענְשׁ דַארְף זוּךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פוּן גָאטְס וֶועגוּן וּמְבַטֵּל שַׁבְּן דָם מוּר וֶוענוּן מְחוּיַיבּ אַנְדֶרוּ תַּאֲווֹת אוּנ אוּנְזֶרוּ פַר גֶענוּגוּן צוּ בְּרֶעכוּן פוּן זַיינוּס וֶועגוּן אוּנ כְּדֵי זַיין הֵיילוּנוּן וִוילוּן מְקַיֵּים צוּ זַיין אוּנ אַמִּצְוָה צוּ טָאן

דְהַיְינוּ אוֹף צוּ שְׁטֵיין אוּנ דֶער פְרוּא צוּם דַאוִוינוּן אוּנ צוּם לֶערְנוּן וֶוען דֶער שְׁלָאף אוּז אֲפִילוּ זֵייעֶר גְשְׁמַאק גוֹבֵר צוּ זַיין דוּא תַּאֲוָה פוּן רֵיידוּן דְבָרִים בְּטֵלִים וְכַדוֹמֶה אוּנ אַזֶעלְכוּ זַאכוּן זוִויא דֶער מֶענְשׁ דַארְף מְבַטֵּל זַיין זַיין רָצוֹן פַר דֶעם רָצוֹן פוּן גָאט גַם לֶערְנוּן מוּר פוּן דֶער עֲקֵידָה אַז בַּיי יֶעדוּר זַאךְ וָוס טְרֶעפְט זוּךְ דֶעם מֶענְשׁוּן צוּ טָאן עֶס קוּמְט אֵיין נִסָּיוֹן אָדֶר אַמִּצְוָה צוּ זַיין הַאנְד דַארְף עֶר בַּאלְד בַּאקְלֶערוּן טָאמוּר וִויל גָאט אוּם דֶער מוּט פְרוּבּוּן וִויא עֶר הָאט גְפְרוּבְט אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּב מוּר וֶועלוּן קֶענוּן בַּייא

הָט אוּמְלוּפִין אוֹרַח פוּר גְזָאגְט דָס גָאט אִיז אַיָחִיד אוּנ אַלוּ עוֹלָמוֹת :

(דָס לֵיינְט מֶען דֶעם אַנְדֶערְן טָאג ר״ה) (וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְהָאֱלֹהִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם) אַז עֶס אִיז גְוֶועֶן נָאךְ דִי דָזִיגִי רֵייד הָט גָאט גְפְּרוּבְט אַבְרָהָם דֶען דֶר שָׂטָן הָט גְזָאגְט פַר גָאט אַבְרָהָם הָט גְמַאכְט אַגְרוֹסִי סְעוּדָה אוּנ הָט דִיר קֵיין קָרְבָּן נוּט גְבְּרַכְט הָט גָאט אִים גְעֶנְטְפֶערְט דִי סְעוּדָה הָט עֶר דָאךְ נָאר גְמַכְט וֶועגִין זַיין זוּן וֶוען אוּךְ זָאל אִים הֵייסִין זַיין זוּן שֶׁעכְטִין פַר מִיר וֶועט עֶר דָס גְוִוים טוּן . דָס מֵיינְט מֶען אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה נָאךְ דִי רֵייד פוּן דֶעם שָׂטָן הָט גָאט גְזָאגְט צוּ אַבְרָהָם שֶׁעכְט מִיר דַיין זוּן יִצְחָק נָאךְ אַפְשַׁט אִיז נָאךְ דִי רֵייד פוּן יִשְׁמָעֵאל וַואס הָאט זִיךְ בַּרוּמְט קֶעגִין יִצְחָק . מַיין פָאטֶר הָט מִיךְ מַל גְוֶועֶן צוּ דְרַייצִין יָאר אִין אִיךְ הָאבּ מִיךְ נִיט גְוֶוערְט אִיבֶּר דִיךְ יִצְחָק הָט עֶר מַל גְוֶועֶן צוּ אַכְט טָאג הָסְטוּ נָאךְ קֵיין שֵׂכֶל נוּט גְהַאט זִיךְ צוּ וֶוערִין . הָט יִצְחָק צוּ אִים גְזָאגְט מוּט אֵיין אֵבֶר בַּרוּמְסְטוּ דִיךְ קֶעגִין מִיר וֶוען גָאט זָאל וֶועלִין מַיין גַאנְצִין גוּף וָואלְט אִיךְ אִים גְוִוים גְגֶעבִּין נָאךְ דִי רֵייד הָט גָאט גְזָאגְט צוּ אַבְרָהָם (קַח נָא אֶת בִּנְךָ) נֶעם דַיין זוּן אִיךְ בֶּעט דִיךְ פָאלְג מִיךְ אַצוּנְד כְּדֵי דִי לַייט זָלִין נִיט זָאגִין אַז דִי עֶרְשְׁטוּ פְּרוּבוּנְג אִיז נִישְׁט גוּט . נֶעם דַיין זוּן אוּנ שֶׁעכְט אִים פַר מִיר צוּ אַקָרְבָּן . הָט אַבְרָהָם גְזָאגְט אִיךְ הָבּ דָאךְ צְווֵיי זִין וֶועלְכִין זָאל אִיךְ נֶעמִין הָט גָאט גְזָאגְט (אֶת יְחִידְךָ) דַיין אֵיינְצִיגִין . הָט אַבְרָהָם גְזָאגְט יִצְחָק אִיז אָבֶּן יָחִיד צוּ שָׂרָה אוּנ יִשְׁמָעֵאל אִיז אָבֶּן יָחִיד צוּ הָגָר . הָט גָאט גְזָגְט (אֲשֶׁר אָהַבְתָּ) דֶעם וָוס דוּ הָסְט לִיבּ . הָט אַבְרָהָם גְזָאגְט אִיךְ הָבּ בֵּיידִי לִיבּ . הָט גָאט גְזָאגְט (אֶת יִצְחָק) נֶעם יִצְחָק . דְרוּם הָאט אִים גָאט תֵּיכֶף נוּט גְזָגְט עֶר זָאל נֶעמִין יִצְחָק כְּדֵי עֶר זָאל אִים נוּט אִיבֶּר שְׁרֶעקִין אוּנ כְּדֵי עֶר זָאל אִים גֶעבִּין שָׂכַר פַר יֶעדִין וָוארְט .

(וְהַעֲלֵהוּ שָׁם לְעוֹלָה) אוּנ בְּרֶענְג אִים אוּף דֶעם הַר הַמּוֹרִיָּה פַר אֵיין עוֹלָה . אָבֶּר גָאט הָט נוּט גְזָאגְט עֶר זָאל אִים שֶׁעכְטִין נָאר עֶר זָאל אִים אוּף בְּרֶענְגִין אוּנ זָאל אִים וִוידֶער אַרָאפּ נוּדֶערִין נָאר אַבְרָהָם הָאט גְמֵיינְט גָאט הֵייסְט אִים דוֹרְט מַקְרִיב זַיין יִצְחָק פַאר אֵיין עוֹלָה (וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר) אַבְרָהָם אִיז אוּף גְשְׁטַאנִין אוּנ דֶער פְרוּה צוּ טוּן דִי מִצְוָה אוּנ הָאט אַלֵיין אָן גְגוּרְט זַיין אֵייזוּל אוּנ הָאט מוּט זִיךְ גְנוּמִין זַיינִי צְווֵייא יוּנְגִין יִשְׁמָעֵאל אוּנ אֱלִיעֶזֶר כְּדֵי וֶוען אֵיינֶער וֶועט דַארְפִין אַוֶועק גֵיין זָאל אֵיינֶר בְּלַייבִּין מוּט אַבְרָהָם (וַיְבַקַּע עֲצֵי עֹלָה) אַבְרָהָם הָאט צוּ שְׁפַּאלְטִין בַּיי זִיךְ אוּנ הוּז הָאלְץ פוּן וֶועגִין דֶער עוֹלָה דֶען עֶר הָאט זִיךְ גְטְרַאכְט טָאמֶר וֶועט דָארְט קֵיין הָאלְץ נוּט זַיין . נָאךְ אַפְשַׁט שְׁרַייבְּט דֶר בְּחַיֵי עֶר הָאט דְרוּם גְגוּמִין הָאלְץ פוּן זַיין הוּז וַואס זָאל זַיין כָּשֵׁר צוּא אַקָרְבָּן וַואס דִיא וֶוערוּם הָאבִּין דֶער פוּן נוּט גְגֶעסִין אוּנ דוּרְךְ דֶעם זְכוּת וָואס עֶר הָאט גְשְׁפַּאלְטִין דָס הָאלְץ צוּ דֶער עֲקֵדָה הָט גָאט גְשְׁפַּאלְטִין דֶם יַם צוּ זַיינִי קִינְדֶר : (וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחוֹק) אַבְרָהָם הָאט גְזֶעהִין הָאס אוֹרְט פוּן וַויטִין הָאט עֶר גְזָאגְט צוּ יִצְחָק וָואס זֶעהְסְטוּ הָט יִצְחָק אִים גְעֶנְטְפֶערְט אִיךְ זֶעה אַשֵׁיינוּם בַּארְג אוּנ אוּף אִים אִיז אַשֵׁיינֶר וָואלְקִין . הָט אַבְרָהָם גְפְרֶעגְט דִי יוּנְגִין וָואס זֶעהְט אִיר הָאבִּין זֵיי גְזָאגְט מִיר זֶעהִין גָאר נוּשְׁט . הָאט אַבְרָהָם גְזָאגְט (שְׁבוּ לָכֶם פֹּה עִם הַחֲמוֹר) זוּצְט אִיר יוּנְגִין דָא מוּט דֶעם אֵייזוּל אִיר זֶענְט גְלַייךְ צוּם אֵייזוּל . דֶר פִּרְקֵי רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁרַייבְּט דִי יוּנְגִין הָבִּין זִיךְ גְקְרִיגְט . יִשְׁמָעֵאל הָאט גְזָאגְט מֶען וֶועט שֶׁעכְטִין יִצְחָק וֶועל אִיךְ אַלֵין יַרְשׁוּנִין אוּנ אֱלִיעֶזֶר הָאט גְזָאגְט דוּ בִּוסְט וָוארִין פַר טְרִיבִּין פוּן דַיין פָאטֶרְס הוּז וֶועסְטוּ נוּט יַרְשׁוּנִין נָאר אִיךְ אִיז אַרוּם גְגַאנְגִין אַבַּת קוֹל אוּנ הָאט גְזָאגְט אִיר בֵּיידִי

וועט נוט ירשונון . דער מדרש שרייבט אברהם הט זוך גטראכט זאל אוך שרה נוט זאגון פון דער עקידה אונ זאל אור זון מקריב זיין ווען זו וועט אום נוט זעהן וועט זוא זוך טייטון . זאל אוך אור יוא זאגון דוא ווייבער האבון גרונגו דיעות וועט זו נוט וועלון דרום הט אברהם גזאגט צו שרה מאך אסעודה דען אז אוך בון אלט גווארון דרייא יאר האב אוך דער קענט גאט אונ אונזר זון יצחק אוז שון אלט זובון אונ דרייסוג יאר דרום וועל אוך אום גוויינון מצות צו טון אונ וועל גיין מקריב זיין אקרבן אוף דעם הר המוריה לאז ער מוט מור גיין האט שרה אום גגעבון רשות ער זאל אום מוט נעמון אוז אברהם אויף גשטאנון גאנץ פרוא אז שרה אוז נאך גשלאפון כדי זיא זאל קיין חרטה נוט האבון פון צוא שוקון יצחק מוט אום אוך ווען אלו לייט האבון נאך גשלאפון כדי זיי זאלון נוט אפ רעדון פון מקריב צו זיין יצחק אזו הט זיך דער שטן פר שטעלט פאר אזקן אונ הט זוך גשטעלט אקעגון אברהם אונ הט צו אום גזגט ווי אהון גייסטו הט אברהם אום געגפרט אוך גיי תפלה טון האט דר שטן צו אום גזאגט נאך ווס טוג דור דם האלץ אונ דאס פייער אונ דאס שעכט מעסער האט אברהם אום געגפערט אוך ווער מוך זומון עטלוכו טעג וועל אוך מור עסון קאכון מוט דעם האלץ אונ פייער האט דער שטן צו אום גזאגט אזו אין אלטר מאן וויא דוא בוסט דאס דו האסט נושט מער וויא איין זון אוף דיין עלטר אונ ווילסט אום שעכטון ווי זאל דיך גאט נוט שטראפון האט אברהם אום געגפרט גאט האט מור גהייסון אזו אוז דער שטן גוקומון צו יצחק אונ האט אום גפרעגט וויא אהון גייסטו הט יצחק אום געגפרט אוך גייא מוך לערנון מצות צו טון האט דער שטן צוא אום גזאגט ווילסטו דיך לערנון נאך דיין טוט אודר

ביי דיין לעבון דען מען וועט דוך דורט שעכטון הט יצחק אום געגפרט ווען גאט וויל מען זאל מוך שעכטון וועל אוך מוך לזון שעכטון אוז דר שטן גגנגון צו שרה אין האט צו אור גזאגט ווי אוז אברהם מיט יצחק דו וועסט שון מער נוט זעהן דיין זון יצחק הט שרה געגפרט לאז גאט טונוס ער וויל אוך שרייבט דר מדרש דר שטן הט גמאכט איין גרום וואסור אוז אברהם אונ יצחק גגאנגון אונ דם וסור ביז אונ הלז אזו הט אברהם תפלה גטון צו גאט אונ הט גזאגט רבונו של עולם דו הסט מור גהייסון מיין זון ברענגון פר איין קרבן צו דור דרום העלף מור אוך זאל אום קענון ברענגון פר אקרבן צו דור אזו אוז דם וואסור באלד נוט גבליבון (ויעקוד את יצחק בנו) יצחק הט גזגט צו אברהם בונד מור מיינו הענד אונ פוס כדי אוך זאל מוך נוט קענון ווארפון ווענדו וועסט מוך שעכטון אונ זאל נוט פסול מכון דו שחיטה הט אברהם אום גבונדון אין הט אום גלייגט אוף דו העלצור אונ הט גנומן דם שעכט מעסר אום צו שעכטן אינווי דם שעכט מעסר הט אן גרורט אונ דם האלז פון יצחק אזו אוז אום דו נשמה ארוס גגאנגון אונ אז ער הט גהערט דם קול פון דעם כסא הכבוד מען זאל נוט אן רורון אונ יצחק אוז דו נשמה וודער ארייין גגאנגון אונ דעם גוף פון יצחק אונ אברהם הט אום אוף גבונדון אונ הט גזגט די ברכה ברוך אתה יי מחיה המתים דר הזקוני אונ דר אמרי נועם פרעגון ווארום הט גאט גדרפט פרובון אברהם ער הט דאך גוויסט דם אברהם וועט אום פלגון ווס ער וועט אום הייסון אוז דר תירוץ דו מלאכים האבון גזאגט צו גאט ווס אוז אברהם בעסור פון אנדרו צדיקים ווס דו טוסט אום אזו פול נסים , הט גאט גזאגט איך וועל אייך ווייזון ווס אברהם אוז ווען איך וועל אום הייסון זיין זון שעכטון וועט ער מוך פלגון דר חזקוני פרעגט ווס הט

אברהם זוך גטראכט דס ער הט גוואלט שעכטן יצחק גאט האט דאך אום גזאגט (כי ביצחק יקרא לך זרע) פון יצחק וועסטו האבן קינדר אונ ווען ער וועט אום שעכטן וויא וועט ער קינדר האבן איז דר תירוץ אברהם האט זוך גטראכט אפשר איז יצחק גלעגן ביי איין אשה אונ זוא איז פון אום טראגן גווארן וועט דאך שון בלייבן קינדר פון אום דען יצחק איז דענסט מאל אלט גוועזן זיבן אונ דרייסיג יאר (ונשובה אליכם) אברהם הט גזאגט צו די יונגן מיר וועלן גיין ביז אונ דעם אורט אונ מיר וועלן זוך אום קערן צוא אייך רש"י שרייבט ער הט בנבואה גזגט דאס זיי ביידו וועלן זוך אום קערן אונ דר בחיי שרייבט ער הט אונ זון גוהאט צו אום קערן דוא ביינר פון יצחק נאך דעם פאר ברענגן אוף דעם מזבח דרום האט ער גזאגט מיר ביידו וועלן זוך אום קערן (וילכו שניהם יחדו) זיי ביידו זענן גגאנגן גלייך מוט אנגדר אברהם וואס ער האט גוויסט דאס ער גייט שעכטן יצחק איז ער אזו פריילך גגאנגן גלייך וויא יצחק וום ער הט דער פון נאך נוט גוויסט (ויאמר יצחק אל אברהם אביו ויאמר אבי) איז קשה וואס דארף דער פסוק צו זאגן יצחק הט גזאגט צו אברהם מיין פאטר מיר ווייסן דאך שון פון לאנג דאס אז אברהם איז גוועזן זיין פאטר אונ דער נאך זאגט ער נאך אמאל (ויאמר אבי) איז אוך קשה ווס דארף ער צו זגן דאס ער איז זיין פאטר שרייבט דר בחיי ער האט דרום צווייא מאל אום גורופן פאטר פאטר כדי ער זאל רחמנות האבן אוף אום אזו וויא אפאטר אוף זיין זון נאך איין תירוץ איז יצחק הט גזגט צו אברהם אצונד וועלן די לייט זאגן פון אבימלך איז שרה טרגן גוורן דען ווען יצחק זאל זיין אברהמס. זון וואלט ער גוויס אום נוט גשאכטן אונ וואלט רחמנות גהאט אוף אום אזו ווי אפאטר אוף זיין זון דרום הט יצחק גזאגט צוא אברהם זיין פאטר אונ הט אום גפרעגט בוסטו מיין פאטר (ויאמר בני) האט אברהם אום געענפרט דו בוסט מיין זון הט יצחק אום גפרעגט ווען אוך בין יוא דיין זון ווי איז דען דס קרבן הט אברהם אום געענפרט גאט וועט אונז ווייזן דס קרבן מיין זון הט יצחק פר שטנון דס מען וויל אום מקריב זיין פר אקרבן דרום זאגט דער פסוק נאך אמאל (וילכו שניהם יחדו) כלומר ווען שון יצחק הט גוויסט דס מען וויל אום ברענגן פר איין קרבן זענון זיי דאך ביידו גגאנגן גלייך מיט אנגדר מוט פריידן אונ מוט דם גנצן הרצון דער בחיי פרעגט ווער הט מער זכות צו אברהם וואס ער הט מוט זיין אייגנו הענט גוואלט שעכטן זיין זון אודר יצחק הט מער זכות ווייל ער האט זוך גוואלט לזון שעכטן זאגן אטייל חכמים אברהם הט מער זכות דען עס איז גרונגר אמענש זאל זוך לזון שעכטן ווי אפטר זאל שעכטן זיין זון מוט זיינו אייגנו הענט אונ אטייל חכמים זאגון יצחק הט מער זכות ווייל אברהם הט דם בשיידלך גהערט פון גאט דס ער זאל שעכטן זיין זון יצחק אבער יצחק האט דאס נוט בשיידלוך גהערט פון גאט נייערט פון אברהם הט ער דס גהערט אונ האט זוך דאך גלאזט שעכטן דרום איז זיין זכות גרעסר אונ דר בחיי שרייבט דר זכות פון אברהם איז גרעסר דען יצחק איז מחויב גוועז צו פאלגון זיין פאטר וום ער הייסט אום (ויבן שם אברהם את המזבח) אברהם בואוט אמזבח אוף דעם אורט וויא אדם הראשון האט גמאכט אמזבח (ויעקוד את יצחק בנו) אברהם האט גבונדן דוא

העגט

שר"ה

שטיין ביא דעם נסיון אונ אז דער מענש וועט דאס אלז מאל האבן אונ גדאנקן וועט ער זיער פאר

הקדיש

זובטונ זייך אונ וואל אוז דעם מענשון ווס ריינוקט זוך פאר גאט אלו ווילו אונ פר געסט נוט אן אום :

הָענְט אונ פוס פון יִצְחָק צו אַנַדֶער אונ הָט אִים גְלַייגְט אוֹיף דֶעם הָאלְץ אונ יִצְחָק הָט גְבֶּעטִין זַיין פָאטֶער לָאז מִיךְ דָם חַלוּק נִיט זֶעהִין כְּדֵי אוֹיךְ זָאל מִיךְ נִיט שָׁאקְלִין פַר שְׁרֶעק אונ עֶר הָט גְבֶּעטִין זַיין פָאטֶער עֶר זָאל שָׂרָה נִיט זָאגִין ווֶען זִיא ווֶעט שְׁטֵיין אוֹיף אַדַאךְ אוֹדֶער בַּיי אַגְרוּבּ כְּדֵי זִיא זָאל פַאר גְרוֹיס דֶער שְׁרֶעקְנִישׁ נִיט אַרוּנְטֶער פַאלִין:

דָם אִיז ווִי אַבְרָהָם בְּרֶענְגְט אוֹיף זַיין זוּן יִצְחָק אוֹיף דֶער עֲקֵדָה



אונ אַבְרָהָם הָט גְנוּמִין דָם מֶעסֶער אונ זַיין הַאנְט צוּ שֶׁעכְטִין זַיין זוּן אִיז גְקוּמִין אֵיין גְשְׁרֵיי פוּנוּם הוּמֶל אונ הָט גֶזָאגְט אַבְרָהָם דִיר נִיט אָן אונ יִצְחָק צוּ שֶׁעכְטִין אוּם הָט אַבְרָהָם גְזָאגְט לָאז מִיךְ אַבּוּסִיל בְּלוּט פוּן אִים פַר גִיסִין הָט דֶער מַלְאָךְ גְעֶנְפֶּרְט (וְאַל תַּעַשׂ לוֹ מְאוּמָה) דוּ זָאלְסְט אִים נִיט מַכִּין קֵיין מוּם דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט אַבְרָהָם הָט גְזָגְט צוּם גְשְׁרֵיי ווֶער בִּיסְטוּ הָט דָם גְשְׁרֵיי גֶזָאגְט אִיךְ בִּין אַמַלְאָךְ הָט אַבְרָהָם גְזָאגְט צוּ שֶׁעכְטִין מַיין זוּן הָט גָאט אַלֵיין מִיט מִיר גְרֶעט לָאז עֶר הַיינְט אִיךְ מִיט מִיר אַלֵיין רֵיידִין (וַיִּקְרָא מַלְאַךְ ה׳ אֶל אַבְרָהָם שֵׁנִית מִן הַשָּׁמַיִם) אונ דֶער מַלְאָךְ פוּן גָאט הָט גֶרוּפִין צוּ אַבְרָהָם דָם אַנְדֶרוּ מָאל פוּנוּם הוּמֶל אונ הָט גֶזָאגְט גָאט הָאט גֶשְׁווֹארִין בַּיי זִיךְ דָאס עֶר ווֶעט בֶּענְשִׁין דִי קִינְדֶער פוּן יִצְחָק אַזוֹ ווִי דָאס זָאמִיד וָוס בַּיי דֶם יָם אִיז אונ אַבְרָהָם הָט גְזָאגְט צוּ גָאט לָאז מִיךְ רֵיידִין פַאר דִיר מַיינוּ רֵייד צוּם עֶרְשְׁטִין הָאסְטוּ מִיר גְזָאגְט מַיינוּ קִינְדֶער ווֶעלִין זַיין פוּן יִצְחָק אִין דֶער נָאךְ הָאסְטוּ מִיר אוּם גְהֵייסִין שֶׁעכְטִין אונ אַצוּנְד הֵייסְטוּ ווִידֶער אוּם נִיט שֶׁעכְטִין הָט גָאט אוּם גֶעֶנְפֶּרְט אִיךְ בִּין נִיט חוֹזֵר פוּן מַיינוּ רֵייד אונ הָב קֵיין שֶׁקֶר נִיט גְזָגְט גֵייעֶרְט אִיךְ הָב דִיר נָאר גְזָאגְט בְּרֶענְג מִיר אוֹיף דַיין זוּן פַר אֵיין עוֹלָה אוּבֶּער אִיךְ הָאבּ אִים נִיט גְהֵייסִין שֶׁעכְטִין אַצוּנְד הָאסְטוּ אִים אוֹיף גְבְּרַכְט אַזוֹ מֶעגְסְטוּ אִים ווִידֶער אַרָאפּ נֶעֶמִין הָט אַבְרָהָם גְזָאגְט צוּ גָאט דוּ הָסְט גְשְׁווֹירִין אונ אוֹיךְ שְׁוֶוער אוֹיךְ דָאס אִיךְ ווֶעל נִיט אַרָאפּ גֵיין פוּן דַאנִין בִּיז דוּ ווֶעסְט מִיר צוּ זָאגִין דוּ ווֶעסְט גֶדֶענְקִין צוּ מַיינוּ קִינְדֶער ווֶען זֵיי ווֶעלִין זִינְדִיגִין זָאל דָם זַיין אַכַּפָּרָה אוֹיף זֵיי גְלַייךְ ווִי אִיךְ הָאבּ פוּן מַיין זוּן בְּלוּט גְמַאכְט רִינִין אונ גְלַייךְ ווִי זַיין אַשׁ לִיגְט אוֹיף דֶם מִזְבֵּחַ דֶער אָמְרֵי נוֹעַם פְרֶעגְט וָוארוּם שְׁטֵייט דָם דֶער מַלְאָךְ הָט גֶרוּפִין צוּא אַבְרָהָם פוּן דֶעם הוּמוּל אונ אִיז נִיט אַרָאפּ גְקוּמִין צוּ אַבְרָהָם אונ צוּ הָגָר אִיז אֵיין מַלְאָךְ אַרָאפּ גְקוּמִין פוּן דֶם הוּמוּל אונ הָט זִי גְפוּנִין בַּיי דֶם קְוַואל בְּרוּנוּ אִיז דֶער תֵּירוּץ דָא הָאט דֶער מַלְאָךְ גְמוּזְט גְשְׁווִינְד רוּפִין צוּ אַבְרָהָם פוּן דֶעם הוּמוּל ווַייל אַבְרָהָם אִיז גְוֶוען גְאַיילְט צוּ שֶׁעכְטִין זַיין זוּן (כִּי עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי יְרֵא אֱלֹהִים אַתָּה) גָאט הָט גְזָאגְט צוּ אַבְרָהָם אַצוּנְד קֶען אִיךְ עֶנְפוּרִין דִי מַלְאָכִים וָוארוּם אִיךְ טוּא מִיט דִיר מַיין חֶסֶד ווִיא מִיט אַנְדֶערוּ לַייט (וַיַּרְא וְהִנֵּה אַיִל אַחַר נֶאֱחַז בַּסְּבַךְ בְּקַרְנָיו) אונ אַבְרָהָם הָט גְזֶעהִין אַווִידֶער אִיז מִיט זַיינוּ הֶערְנֶר פַר הַאלְטֶן צְווִישִׁין דִיא בֵּיימֶר אונ הָאט נִיט גְקֶענְט אַנְטְלוֹפִין דֶער ווִידוּר אִיז פוּן שֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית אָן גְבֵּרֵייט גְוֶוען דֶער צוּא דֶער חִזְקוּנִי שְׁרַייבְּט ווַייל דֶער ווִידֶער אִיז אָן גְבוּנְדֶן גְוֶוען הָאט אַבְרָהָם פַר שְׁטַאנִין דָם גָאט הָאט אִים צוּ גְשִׁוּקְט דָאס פַר אֵיין קָרְבָּן

אויף דעם אורט פון זיין זון דען וועט דער ווידר וואלט נוט גווען צוא גבונדען וואלט אברהם זוך גטראכט דער ווידר איז פון איין אנדערן מענשן אונ וואלט אום נוט גנומן פר אקרבן דער בחיי שרייבט אויף אחר נאחז בסבך ווען דיא ישראל ווערון אנאגין יאר איין גרעכט מוט עבירות אונ זענון דער ווייטערט פון גאט אזו נעמון זייא אום ראש השנה אשופר פון אווידער אונ בלאזון דרויף פר גיבט זייא גאט זייערו עבירות (ובתואל ילד את רבקה) אז אברהם איז גגאנגון פון דר עקידה הט ער זוך גוטרכט ווען יצחק וולט גשעכטון גווארין וואלט ער אוועק גגאנגון פון דר וועלט אן קינדר עס וואלט בעסור גווען איך זאל אום גווען געבון אווייב פון דוא טעכטר ענר אשכול וממרא דרום האט גאט גלאזט זאגון אבשורה דאס בתואל זיין ברודרס זון הט גווינון איין טאכטר זיא הייסט רבקה זו וועט זיין אווייב צוא יצחק :

~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~

צאינה **הפטרת וירא** וראינה

(ואשה אחת מנשי בני הנביאים) איין צדיק הט גהייסון עובדיה ער האט בהאלטון הונדערט נביאים אונ צווייא הוילון דען איזבל דאס ווייב פון אחאב מלך ישראל הט אום גברכט אלי נביאים פון גאט הט עובדיה בהלטון הינדערט נביאים ער הט אבר קיין געלד נוט גהאט צו געבון זיי עסון האט ער אנטלוגון געלד אויף רוחים ביי יהורם דר זון פון אחאב אונ וויל יהורם הט גנומון רוחים מוט זיינו הענד דרום איז ער לסוף ווארן גשסון צווישן זיינו הענד דען דוא עבירה פון רוחים נעמון איז זייער גרוס אזו וויא מור גפונון ביי יחזקאל הנביא דס ער הט לעבידוג גמאכט פול טוזונט טוטו לייט אונ איין מאן פון זייא האט ער נוט גקענט לעבידוג מאכון האט ער גפרעגט צו גאט ווארום קען דער נוט לעבידוג ווערן הט גאט אום געענפרט וויל ער הט ביי זיין לעבון גנומן רוחים דרום מוז ער אייבינ לוגון טוט דעסט גלייכון אונ דוא טעג פון משיח ווען תחיית המתים וועט זיין וועלון אלו דו מענשן וום האבון גנומן רוחים נוט אויף שטיין אונ דער הפטורה שטייט דאס יהורם איז גקומון אפ נעמון זיין געלד וואס ער האט עובדיה אנטלוגון אונ עובדיה איז שון גהאט גשטרבן

מקבל

**נופת**

ואשה אחת וגו׳ ויאמר אליה אלישע הגידי לי מה יש לך בבית ותאמר אין וגו׳ כי אם אסוך שמן איין אלמנה פון דוא בני הנביאים האט גבעטון הולף פון אלישע הנביא האט ער גפרעגט אוב עס גפונט זוך עפוס ביי איר אונ שטוב ענטפערט זוא עס איז גאר נושט דא נייערט אבוסול בוים אייל אונ איין קרוגול. איז גווארון על פי נס פון דעם בוגול זייער פול דאס עס איז גווען צו בצאלון דער פון חובות אויף פאר אור מוט דוא קונדער גינוג צום לעבון. ר׳ יהודה הייבט אן צו דרשנון ויאמר וגו׳ מה יש לך בבית דער פון איז צו לערנון אז אויף אליידוגן טוש אדער נאר אונ אליידוג ארט קען נוט רואון קיין מזל ברכה כלומר דרום מוז מען בשעת עסון ריידון דברי תורה אויך צום בענשון מוז מען עטוואס לאזון שפייז אופון טוש כדי דוא ברכה עליונה זאל האבון אויף וואס חל צו זיין אונ וויא זוא הט גזאגט אז זוא האט אבוסול בוים אייל הט ער צו אור גזאגט דם ווייזט בודאי אויף אנם דען דוא פעא השפעה וועלכו דורך דוא מעשה

**צופים**

הצדיקים ווערט אראפ גצוגון פון די עולמות העליונים אויף דעם עולם השפל ווערט גרופן שמן בוים אייל אונ דרום זענון דוא כהנים גזאלבט גווארון מיט בוים אייל דם בעטייט אז זייא מוט זייער עבודה וקדושה האבון ממשיך גווען פון דעם מקור השמן הקדוש ברכה והשפעה פון אובון אראפ. דא אויך אונ דער הפטורה שטייט הם מגישים אליה והיא מוצקת דוא קינדר דער לאנגן אור׳ כלים אונ זוא גוסט גאר אן אשים מוה ווייל צו לוב רוא תפלה פון אלישע האט דוא ברכה שון פון זוך זעלבסט גפלוסט ר׳ יוסי זאגט דער פסוק שרייבט ויעמוד השמן ער האט אוועק גשטעלט דוא בוים אייל. אייגענטליך גהער צו שטיין ותעמוד דוא אשה האט אוועק גשטעלט אלא דם גייט אויף דעם צדיק אלישע דם מוט זיין זכות הט ער פועל גווען אז דער מקור השמן העליון זאל האבון אבשטנר אונ אקיום אונ הט אונ אום מוכיח־בת גווען כדי עס זאל אראפ קומון אונ דעם עולם אשפע ברכה. דרום שטייט השמן מוט איין ה׳ הידיעה צו ווייזון אז דם
~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~

אזו הט יהורם גוואלט אוועק נעמון צווייא קינדר פון עובדיה פר זיין חוב איז גקומן דם וייב פון עובדיה צו אלישע הנביא אונ הט גשריגן פר אים דם יהורם וויל ביי איר אוועק נעמון צוויי קינדר פר קנעכט פאר זיין חוב (ויאמר אליה אלישע מה אעשה לך) הט אלישע צו איר גזאגט וום זאל איך דיר טון זאג מיר וום האסטו אונ דיין הויז הט זיא אים גענפרט איך האב גאר נושט אונ מיין הויז נאר איין קרוגול אונ בומול איז דרינון הט אלישע צו איר גזאגט גיי אונ אנטליי דיר פול ליידיגו כלים פון דיינו שכנים (ובאת וסגרת הדלת) אונ זאלסט קימון אונ דיין הויז אריין אונ זאלסט צו שלוסון די טיר פון כבוד הנס וועגין דען דר כבוד הנס וויל קומון שטילערהייט ווען קיינור זעהט נוט אונ זאלסט פון דעם קרוגיל בומול גיסון איף די ליידיגו כלים אונ וועלכו כלי עס וועט וועריו פול זאלסטו דוא פולו כלי אוועק נעמון אוף איין זאט אבור דם קרינול פון בומול זאלסטו נוט רירון פון דעם אורט דען דם קרינול מוט בומול וועט זיין גלייך וויא אקוואל ברינו אונ אזו וויא איין קוואל ברינו קען מען נוט רורון פון דעם אורט אזו זאלסטו דם קרינול מוט בומל אוך נוט רורון פון דעם אורט הט דוא אשה אזו גטון אונ הט צו גשלאסון דוא טיר נאר זוא מיט אירו קינדר זענון גוועזן אונ הויז אונ זייא האבון אלו כלים אן גגאסון פול מיט בומול (ויהי כמלאות הכלים ותאמר אל בנה) די גמרא שרייבט אז אלו כלים זענון פול גווארן האט די אשה גזאגט צו איר זון קלוב אוף אלו צו בראכינו שארבונים אונ לייג זייא צו אננדר אונ דער גאט וום הט גבאטון די ליידיגו כלים זאל פול וועריו מוט בומול דער זאל אוך גבוטון דאס די צו בראכינו שארבונים זאלון זיך צו אננדר העפטון צו זיין גאנצו כלים מען זאל קענון בומול אונ זייא אריין גיסון הט דער זון אזו גטון אונ הט דוא צו בראכינו שארבונים אוף גקליבון אונ הט זיי צו אננדר גלייגט אונ זיי זענין ווארן גאנץ אונ מען הט אונ זיי בומול אריין גגאסון אונ וויא אלו כלים זענון פול גווארן הט ער גזאגט עס איז נוט דא מיין קיין ליידיגו כלי וויא באלד ער הט אזו גזאגט הט דער בומול אוף גהערט צו רינון (ותבא ותגד לאיש האלהים) איז די אשה גקומון צו אלישע הנביא אונ הט אים איין עצה גפרעגט אוב זוא זאל ווארטן מוט דעם בומול ביז בומול וועט נאך טייערער וועריו הט אלישע צו איר גזאגט פר קוף דעם בומול דען די וועסט האבון גנוג צו בצאלון דיינו חובות אונ די אונ דיינו קינדר וועט איר זוך דער נערון מוט דעם אובריגון בומול (ויהי היום ויעבור אלישע אל שונם) אונ עס איז גווען אטאג אזו אלישע גקומון אונ איין שטאט זוא האט גהייסון שונם דורטן האט גוואונט איין אשה חשובה דוא שוועסטער פון אבישג השונמית דאס זוא איז גווען ביי דוד המלך אוף דער עלטער הט דוא אשה זייער גבעטון דם אלישע זאל ביי איר עסון הט ער גגעסון ביי איר פון דעם מאל אן פלעגט ער דורטן עסון (ותאמר אל אישה הנה נא ידעתי כי איש אלהים קדוש הוא) הט די אשה גזאגט צו איר מאן נון איך ווייס פון לאנג דאס דער געטליכער מאן אלישע איז איין היילוגור מאן אונ דער מאן קימט אופט צו אונז דרום איז רעכט (נעשה נא לו עלית קיר קטנה) לאמור מאכון צו אים איין קליין אובער שטובול אונ לאמור דורטן אריין שטעלון אבעט אונ איין טיש אונ איין שטול אונ איין לאכטער אונ ווען ער וועט קימון צו אונז וועט ער דורטן זיין אונ עס איז גווען איין טאג איז אלישע גקומון אהון אונ איז גגאנגן אונ דעם אובער שטובול אונ הט זוך דורטן גלייגט אזו האט אלישע גזאגט צו זיין יונג גחזי ריף מיר די שונמית די בעלת הבית ער הט זוא גרופן אונ זוא הט זיך גשטעלט פר אים הט אלישע צו איר גזגט נון דוא האסט דיך פון אונזערט וועגון זייער באמוט צו מאכון אונז אבזונדר חדר מוט וום זאלון מיר דיר דם בצאלון האסטו וואס צו ריידון צום מלך אודר צום הופט מאן זאג מיר וועל איך ריידון הט זוא גענפורט (בתוך עמי אנכי יושבת) איך זוץ צווישן מיין משפחה אזו ווען איך דארף עפוס צו ריידון ריידון זיי פר מיר (ויאמר מה לעשות לה) הט אלישע גזאגט צו זיין יונג מוט וום דען קענון מיר איר די טובה

נופת צופים

ניט אוף דוא באוויסטו שמן קודש וועלכו מיר האבון שון פרוער גרעט:

בצאלון ווס זוא הט אונז גטון (ויאמר גחזי אבל בן אין לה ואישה זקן) הט גחזי גזאגט פר וואר זיא הט קיין זון נוט נוא אוב דו וועסט וועלון זאגון זוא וועט נאך האבון קינדר זלסטו וויסון אז אור מאן אוז אלט באלד צום שטרבון אזו הט אלישע גזאגט צו גחזי ריף מור דו בעלת הבית הט גחזי זוא גרופן אונ זוא הט זוך גשטעלט אונ דער טור (ויאמר למועד הזה בעת חיה את חובקת בן) הט אלישע צו אור גזאגט איבר איאר אונ דר צייט וועסטו האלזון אזון הט דו אשה גזאגט דו געטליכר מאן טרייב נוט קיין גשפעט פון מור צו געבון מור אמתנה ווס וועט קיין קיום נוט האבון דען דו זאגסט מור איך וועל האלזן אזון ווס טוג דם האלזון ווען ער וועט דער נאך באלד שטרבון ווילסטו גאט יוא בעטן אזו בעט אום ער זאל מור געבון אזון וואס זאר בלייבון לעבין אונ דו אשה איז טראגון גווארון אונ הט גווינון אזון צו דער צייט ווס דר נביא הט גזאגט אונ דם קינד אוז וואר דער וואקסון אונ אוז ארום גגאנגן צו זיין פטור אונ פעלד ארין צו דו שנוטר (ויאמר אל אביו ראשי ראשי) אונ הט גזאגט צו זיין פטור מיין קאפ מיין קאפ טיט מור וויי הט דער פטור גזאגט צו איונג טראג אום צו זיין מוטר הט דער יונג אום גטראגון צו זיין מוטור אוז דאס קינד גלעגון אונ אור שוס ביז אונ מוטן טאג אונ איז גשטארבון (ותעל ותשכיבהו על מטת איש האלהים) הט דוא מוטר גלייגט דם קינד אוף דעם בעט פון אלישע דם געטליכן מאן אונ הט גזאגט צוא איר מאן שוק מוט מור איין יונג אונ איין אייזיל אונ איך וועל לופן צום נביא אונ וועל מוך באלד אום קערין אונ זיא האט דעם מאן נוט גזאגט דס דאס קינד איז גשטרבין הט דר מאן צו אור גזאגט ווארום ווילסטו היינט גיין צום נביא עס אוז דאך היינט ניט שבת אונ אויך נוט ראש חודש פון דאנען לערנין מור אפ דאס אום שבת אודר אום ראש חודש פלעגין זייא גיין צום נביא אודר צוא ארבי הט דוא אשה גזאגט צו איר מאן עס אוז שלום דען זוא האט אור מאן נוט גוואלט זאגין פון דעם קינד בוז זוא זאל פריער גיין צום נביא (ותחבוש האתון) הט

זיא אן גגורט דאס אייזיל אונ הט גזאגט צו איר יונג דוא זאלסט נוט זומון צו גיין אוז זו גקומן צום נביא צום בארג כרמל אונ וויא באלד דער נביא האט זוא דער זעהן הט ער גזאגט צו גחזי זיין יונג נון דו שונמית קומט אן אציינד לוף אור אקעגין אונ פרעג זוא אוב עס אוז שלום צו איר מאן אונ צו איר קינד האט זוא גזאגט עס אוז שלום (ותבא עד איש האלהים אל ההר) אונ דוא שונמית אוז גקומן צום געטליכן מאן אלישע אוף דעם בארג אין איז נפאלון אום צו דו פוס הט גחזי גנעהנט צוא אוועק שטויסון זוא הט אלישע צו אום גזאגט לאז זוא אפ דען עס אוז אור ביטער אין גאט הט פר הולון פון מור אין הט מוך דאס נוט לאזין וויסן (ותאמר השאלתי בן מאת אדני) הט דו שונמית גזאגט הב איך גבעטן אזוהן פון מיין האר איך האב דאך דור גזגט דיא זאלסט פון מור קיין גשפעט נוט טרייבן (ויאמר לגחזי חגור מתניך) האט אלישע גזאגט צוא גחזי זיין יונג גורט אן דיינו לענדון אונ נעם מיין שטעקין אונ דיין האנט אונ ווען דו וועסט גפינן אמענש זאלסטו אום נוט בענשין אונ ווען אמענש וועט דוך בענשין זאלסטו אום נוט ענפרין אונ זאלסט טון מיין שטעקין אויף דעם פנים פון דעם קונד אונ ער הט דרום אזו גבאטון כדי ער זאל זוך נוט זומון אונ וועג דער מדרש שרייבט דער שטעקין אוז גוועין אונ דוא אוגין פון גחזי צוא אגילעכטיר ער הט גזאגט אוז דען דאס מעגליך דאס דער שטעקין זאל איין טוטון לעבידוג מאכין אונ אזו הט גחזי גזאגט צו איטליכון מענש וואס ער האט באגעגינט גלובסטו דס דר שטעקון זאל אטוטון לעבדיג מאכון (ותאמר אם הנער חי יי וחי נפשך) הט דו מוטר פון דעם קונד גזאגט צוא אלישע דא שווער אוך אזו וויא גאט לעבט אונ אזו וויא דיין לייב לעבט דם אוך וועל דוך נוט לאזן נאר דו אליין מוזט גיין מוט מור איז אלישע גגאנגון מוט אור אונ גחזי אוז איבר גפארען פריר פר זיי אונ האט גלייגט דעם שטעקון אויף דם קונד אונ דם קינד הט זיך נוט אוף גוואכט אוז גחזי אלישע אקעגן גקומן אונ הט אים גזאגט דם קונד הט זוך ניט אויף גוועקט

אזו

אַזוֹ אִיז אֱלִישָׁע גִקוּמֶן אוּנ הוֹיז אוּנ דָם קִינְד לִיגְט טוֹט אוֹיף זַיין בֶּעט (וַיָּבֹא וגו׳) אִיז אֱלִישָׁע גִקוּמֶן אוּנ הָט צוּ גִשְׁלָסִין דִי טִיר פַר זִיךְ אוּנ פַר דֶעם קִינְד אוּנ הָאט תְּפִלָּה גִטוּן צוּ גָאט אִין הָט זִיךְ גִלֵייגְט אוֹיף דֶעם קִינְד אוּנ הָט גִטוּן זַיין מוֹיל אוֹיף דֶעם קִינְדֶס מוֹיל זַיינֶע אוֹיגִין אוֹיף דֶם קִינְדֶס אוֹיגִין אוּנ זַיינֶע הֶענְד אוֹיף דֶעם קִינְדֶס הֶענְד אוּנ עֶר הָט זַיין גַאנְצֶן גוּף פַר שְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶם קִינְדֶס גוּף אוּנ עֶר הָאט דָאס קִינְד דֶער הִיצְט אוּנ דֶער וַוארִימְט דוּרְךְ זַיין מוֹיל אוּנ אֱלִישָׁע אִיז גִגַאנְגִין אוּנ דֶעם חֶדֶר הִין אוּנ הֶער (וַיַּעַל וַיִּגְהַר עָלָיו) אוּנ אִיז ווִידֶר אוֹיף גִגַנְגִין אוּנ הָט זִיךְ פַר שְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶעם קִינְד אוּנ הָט דֶער וַוארִימְט דֶעם קִינְדֶס לֵייבּ אוּנ דָם קִינְד הָט זִיבְּן מָאל נָאךְ אַנַנְדֶר גִטוּן נִיסוּן אוּנ הָט גֶעפִינְט זַיינוּ אוֹיגִין הָט אֱלִישָׁע גִזָאגְט צוּ זַיין יוּנְג גַחֲזִי רוּף מִיר דִיא שׁוּנַמִית הָט עֶר זִיא גִרוּפֶען הָט אֱלִישָׁע צוּ אִיר גִזָאגְט נֶעם דוּר דַיין זוּן אִיז זִי גִקוּמֶן אִין אִיז גִפַאלֶן אֱלִישָׁע צוּ דִיא פִּיס אוּנ הָט זִיךְ גִבּוּקְט צוּ אִים בִּיז צוּ דֶר עֶרְד אוּנ הָט גִנוּמֶן אִיר זוּן אוּנ אִיז אַרוֹם גִגַאנְגֶן דֶר פִּרְקֵי ר׳ אֱלִיעֶזֶר שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶר הַפְטוֹרָה (וַיְהִי הַיּוֹם) ר׳ יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה זָאגְט פוּן זְכוּת צְדָקָה וֶוענִין וֶועלִין דִיא מֵתִים לֶעבְּדִיג וֶוערִין אוּנ דִיא טֶעג פוּן מָשִׁיחַ דֶען אַזוֹ גִפוּנֶן מִיר בַּייא אֱלִישָׁע הַנָּבִיא דָם קֵיין אִשָּׁה הָאט אִים נוּט גִיקֶענְט קִיקוּן אוּנ פָּנִים אַרַיין אוּנ וֶועלְכִי אִשָּׁה עֶס הָאט אוּם גִיקִיקְט אוּנ פָּנִים אִיז זִיא גִשְׁטָארְבּוּן אַזוֹ הָאט אֱלִישָׁע זִיךְ גִמוּזְט פַּאר בָּארְגִין פַר דִיא ווַייבֶּר אוּנ אִיז גִגַאנְגוּן פוּן אֵיין בַּארְג צוּם אַנְדְרִין אוּנ פוּן אֵיין הֵייל צוּ דֶער אַנְדֶרֶר הֵייל אוּנ אִיז גִקוּמֶן אוּנ שְׁטָאט שׁוּנֵם דוֹרְטִין אִיז גִוֶועזִין אֵיין אִשָּׁה חֲשׁוּבָה זִיא הָט אִים גְרוֹס כָּבוֹד אָן גִטוּן אוּנ הָט גִזָאגְט צוּ אִיר מַאן דֶר גֶעטְלִיכֶר מַאן אֱלִישָׁע קֵיין ווַייבֶּר קֶענִין אִים נוּט אָן קוּקִין דֶען זִיא שְׁטַארְבִּין בַּאלְד דְרוּם לָאמִיר בּוֹאוּן צוּא אוּם אַבְּזוּנְדֶער אוּבֶּר שְׁטִיבּ אוּנ וֶוען עֶר וֶועט קוּמֶן צוּ אוּנְז זָאל עֶר דוֹרְטֶן זַיין הָאבֶּן זִוי אַזוֹ גִטוּן אִיז עֶר גִקוּמֶן אוּנ הָט זִיךְ דָרְטִין אוּנ דֶם חֶדֶר גִלֵייגְט אוֹיף דֶעם בֶּעט אוּנ הָט גִרוּפֶן דִי שׁוּנַמִית אִיז זִיא גִקוּמֶן אוּנ הָט זִיךְ גִשְׁטֶעלְט בַּיי דֶר טִיר דֶען זִיא הָט מוֹרָא גִהַאט זִיא זָאל אִים נוּט אָן קִיקוּן אוּנ דֶער נָאךְ אַז דָם קִינְד אִיז גִשְׁטָרְבִּין אִיז עֶר ווִידֶר לֶעבְּדִיג גִוָורִין פוּן וֶועגִין דֶעם זְכוּת פוּן דֶער צְדָקָה ווָאס זִיא הָאט אֱלִישָׁע מְכַבֵּד גִוֶועזְן דִי גְמָרָא זָאגְט אוּנ בְּרָכוֹת אוֹיף דֶעם פָּסוּק (וַתֹּאמֶר אֶל אִישָׁהּ וגו׳) ר׳ יוֹסִי בֶּן חֲנִינָא זָאגְט פוּן דַאנֶען לֶערְנִין מִיר אַז אֵיין אִשָּׁה דֶער קֶענְט מֵיין דִיא אוֹרְחִים אַז זִייא זֶענוּן נוּט אוֹדֶר נוּט מֵיין ווִי דֶר מַאן דֶר קֶענְט אוֹיךְ זָאגְט ר׳ יוֹסִי בֶּן חֲנִינָא פוּן וֶועגִין רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב וֶוען אַמֶענְשׁ אִיז מְכַבֵּד אֵיין תַּלְמִיד חָכָם אוּנ זַיין הוֹיז אוּנ גִיט אִים עֶסִין אִין טְרוּנְקִין אוּנ שֶׁענְקְט אִים עֶפִּיס אַמַתָּנָה אִיז גְלַייךְ ווִי עֶר הָט אַקָרְבָּן תָּמִיד גִבְּרַכְט דָם אִיז גִוֶויזִין פוּן דֶעם פָּסוּק (עוֹבֵר עָלֵינוּ תָּמִיד) אִין דֶער הַפְטוֹרָה שְׁטֵייט דָם דִיא שׁוּנַמִית הָט גִמַאכְט צוּא אֱלִישָׁע אַבֶּעט אוּנ אַטִישׁ אוּנ אַשְׁטִיל אוּנ אַלַייכְטֶר דָם אִיז וָוער עֶס נֶעמְט אֵיין אוֹרֵחַ אוּנ זַיין הוֹיז אִיז גְלַייךְ ווִי עֶר הָאט גִבּוֹאֶט דָם מִשְׁכַּן וָוָם דִי שְׁכִינָה רוּהְט דָארְטוּן דֶען דִי אָן הֵייבּ אוֹתִיּוֹת פוּן מִטָּה שׁוּלְחָן כִּסֵּא נֵר מַאכְט מִשְׁכַּן דֶער בְּרֵאשִׁית רַבָּה שְׁרַייבְּט וָוארוּם שְׁטֵייט בַּיי אַבְרָהָם (לַמּוֹעֵד אָשׁוּב אֵלֶיךָ) אִין בַּייא אֱלִישָׁע שְׁטֵייט נוּט אָשׁוּב נַייעֶרְט (לַמּוֹעֵד הַזֶּה כָּעֵת חַיָּה אַתְּ חוֹבֶקֶת בֵּן) אִיז דֶער תֵּירוּץ בַּיי אַבְרָהָם אִיז גִוֶועזְן אֵיין מַלְאָךְ דֶער לֶעבְּט אֵייבִּיג דְרוּם הָט עֶר גִזָאגְט אוֹיךְ וֶועל מִיךְ אוּם קֶערִין צוּ דִיר אָבֶּר אֱלִישָׁע אִיז גִוֶועזְן אַמֶענְשׁ דֶר שְׁטַרְבְּט דְרוּם הָט עֶר נוּט גִזָאגְט אִיךְ וֶועל מִיךְ אוּם קֶערִין נַייעֶרְט אוּבֶּר אֵיין יָאר אוּנ דֶער צַייט וֶוער עֶס וֶועט דֶער לֶעבּוּן וֶועט זֶעהִין דָם דוּ הַאלְזְט אֵיין זוּן:

(ויהיו חיי שרה) די חכמים האבין גזאגט אלו צייט וואס שרה הט גלעבט האבין די לעבט גברענט פון איין ערב שבת בוז אין אנדרין ערב שבת אונ די ברכה איז גוועזן אונ איר טייג אונ איין וואלקין איז גשטאנין איבר איר גצעלט אונ ווי באלד זיא איז גשטארבין האבין די דריי זאכין אויף געהערט צו זיין אזו הט מען גוויסט דס פון איר זכות וועגין זענין די דריי זאכין גוועזן אונ זיא האט זוכה גוועזן צו שטארבין אין ארץ ישראל אונ צוא בגראבין ווערין אין ארץ ישראל אונ האט אירי טעג אויס גלעבט דס זאגט דער פסוק די לעב טאג פון שרה איז גוועזן הונדערט אונ זיבין אונ צוואנציג יאר (שני חיי שרה) די יארין פון דם לעבין פון שרה כלומר זיא הט אירי יארין אויס גולעבט (ותמת שרה) אונ שרה איז גשטארבין די תורה הט גדארפט אן שרייבין דיא פרשה ווי שרה איז גשטארבין באלד נאך דער עקידה פון יצחק ווייל איבר דער עקידה וואס זיא הט געהערט ווי איר זון יצחק איז געבונדין גוועזן צו שעכטין איז זי זייער דר שראקין געווארין אין די נשמה איז איר אויס גאנגין אונ ווארום שרייבט די תורה פריער ווי רבקה איז געבוירין אונ דער נאך ווי שרה איז גשטארבין צו ווייזין אונז דאס אז אצדיק שטארבט קומט אנדערער צדיק אויף דער וועלט דר חזקוני שרייבט שרה הט זיך ניט בדארפט צו צורין מיט פארבין אזו ווי אנדרי ווייבר צורין זיך צו צוואנציג יאר דען זי איז שיין גוועזן אן צורונג אזו ווי אמיידיל פון זיבין יאר דר בחיי אונ דער חזקוני שרייבין אויף דעם פסוק (ויהיו חיי שרה) ויהיו הט אונ דער צאל זיבין אונ דרייסיג צו ווייזין אז דאס רעכטי לעבין פון שרה איז גוועזן זיבין אונ דרייסיג יאר פון דעם מאל אן וואס יצחק איז געבוירין געווארין בוז דער עקידה וואס יצחק איז דעמולט אלט גוועזן זיבין אונ דרייסיג יאר אובר די יארין וואס זי האט גלעבט איידער יצחק איז געבוירין געווארין דאס הט קיין לעבין ניט געהייסין דען ווער אן קינדער איז דער איז גלייך ווי ער איז טויט. דער בעל

## של"ה הקדוש

(ויהיו חיי שרה מאה שנה) דער זוהר זאגט גוט אונ וואויל איז דעם מענשין דער וועלכער וואס האלט זיך קליין אונ וואס גרעסער ער איז אויף יענער וועלט האלט ער זיך אלץ קלענער אויף דער וועלט אונ אזוי פלעגט רב אן צו פאנגין זיין דרשה אונ דער ישיבה ווער עס איז קליין דער איז גרוס אונ דער וואס איז גרוס איז קליין אונ ארמז דער צו געפונין מיר אונ דעם פסוק וועלכער ביי דוא גרוסי צאלין מאה וואס בעדייט הונדערט אונ ביי עשרים צוואנציג שטייט שנה איין יאר בלשון יחיד אונ בייא דעם קליינים צאל שבע זיבין שטייט שנים בלשון רבים. גם קען מען געפונין נאך ארמז אונ דעם סדר פון דוא צאלין אונ דעם פסוק אזוי וויא אונזרי חכמים זאגין דוא אלטי לייט פון תלמידי חכמים וואס מער זייא ווערין עלטיר ווערין זייא אלץ קלוגער אונ דוא אלטי עמי הארצים וואס מער זייא ווערין עלטיר ווערין זייא אלץ נארושער אונ דערובער שטייט נאר ביי דוא לעצטי זיבין יאר פון שרה לעבין דם ווארט שנים אונ לשון רבים צו ווייזין אז אירי לעצטי יארין זענין גוועזן דוא וויכטיגסטי אונ גרעסטי יארין פון איר לעבין ווייל ווס זוא איז אלץ עלטר געווארין איז איר חכמה גרעסער געווארין:

## ספר הישר

(ויהי) אונ עס איז גוועזן דוא לעב טאג פון שרה הונדערט אונ זיבין אונ צוואנציג יאר אונ דר נאך איז שרה גשטארבין אונ אברהם איז אויף גשטאנין פון דעם מת צו זוכין איין קבר מען זאל דארט בהאלטין דם מת. אונ עפרון זאגט צו אברהם אלץ וואס דו בגערסט וועט דיין קנעכט טון. האט אברהם גזאגט צו עפרון בחנם גוט נאר איך וועל ביי דיר אפ קויפין דם פעלד מיט דר היל פר געלד אויף אייביג. הט עפרון גזאגט צו אברהם נין דאס פעלד מיט דער היל איז פאר דיר אונ ווי פיל געלד דוא וועסט מיר געבין וועל איך ביי דיר נעמין הט אברהם צו עפרון גזאגט נויט איך נאר מיט פיל געלד וויל איך עס קויפין פון דיר אונ פון דיינע קינדער אונ פון די שטאט לייט אויף אייביג. אונ עפרון אונ אלי ברודר האבין צו געהערט צו דער זאך אונ אברהם הט אפ גוואגין פיר הונדערט גוויכט זילבר אונ גוט דם געלד צו עפרון אונ צו זיינע ברודר. אונ אברהם הט אויף גשריבין אונ איין בוך. אונ האט גחתמות פיר עדות דם די היל אונ דם פעלד האט אברהם גקויפט פון עפרון החתי אונ פון זיינע קינדם קינדר אונ אברהם איז אויף גשטאנין מיט זיינע קנעכט אונ זענין גנאנגין יאהים. קיין באר שבע אונ אברהם הט גרופין זיין